בין אים אינגאַנצן פאַרשוווּנדן פון זיינע אויגן. איך בין אַריין אין דאָרף צום באַקאַנטן פויער וויראָוו. דער פויער האָט מיר געגעבן עסן, און איך האָב אים דערציילט וועגן אַלעם.

היות ווי דער דייטש האָט געהאַט צוגענומען מיין דאָקומענט, האָב איך מורא געקריגן, אַז ער וועט וועגן דעם צעוויסן געבן דער זשאַנדאַרמעריע אין סאָקאָלאָוו און אַזוי אַרום נעמען נקמה אין מיינע עלטערן. איך האָב באַשלאָסן דאָ אַפילו נישט איבערצונעכטיקן און צוריקגיין אין געטאָ.

ס'איז געווען זייער אַ פינצטערע נאַכט און איך האָב אַפילו נישט געזען דעם וועג צו גיין. דאָך בין איך אָנגעקומען צו אַ וואַנט פונעם געטאָ־מויער און אַהין אַריבערגעשפּרינגען. איך בין אַריין אין דעם ערשטן הייזל און אָנגעקלאַפּט; מען האָט מיר געעפנט די טיר. דער דערשראָקענער ייד האָט מיר אויסגעבעט אַ געלעגער און איך האָב זיך געלייגט שלאָפן. פּלוצים האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. דאָס בלוט איז אונדז אַלעמען שיער נישט געגליווערט געוואָרן. נאָר באַלד האָט מען געהערט אַ באַקאַנט קול. דאָס איז געווען מיין קוזין יוסף פּיעקאַרסקי, וועלכער איז אָקאָרשט אויך פון ערגעץ אָנגעקומען.

צו מאָרגנס אינדערפרי האָב איך מורא געהאַט אַהיימצוגיין און אַרויסגערופן אַהער מיינע עלטערן. זענען זיי באַלד געגאַנגען צום יידן־ראַט און געבעטן הילף פאַר מיר. דער יידן־ראַט האָט מיך אַריינגעשטעלט אין דער רשימה פון די אַוועקגעשיקטע אויף אַרבעט. איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן נישט אין אונדזער הויז און דאָרט באַקומען אַ לונגען־אָנצינדונג און לאַנג געלעגן אין בעט.

ווען ס'איז נישט געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן, האָט מען געכאַפּט און אָפּגעשיקט אויף פאַרשידענע פּלעצער, אַזוי, אַז מיר אין געטאָ האָבן נישט געהאַט קיין שום ידיעות וואָס מיט די מענטשן געשעט.

אין יאָר 1942, מוצאי יום כיפּור, האָט זיך אין סאָקאָלאָוו אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון געטאָ. צומאָרגנס פאַרטאָג האָבן די דייטשן, וועלנדיק אַנוואַרפן אַ שרעק אויף די יידן, אַרומגערינגלט די געטאָ און באַשאָסן. בערך פופצן הונדערט מענטשן זענען פון דער מוראדיקער שיסעריי דערהרגט געוואָרן. דערנאָך זענען זיי אַריין אין געטאָ אין אַ גרויסע צאָל, באַזעצט די הייזער און אַרויסגעשלעפּט יידן פון דער באַהעלטעניש. מען האָט זיי מיט אויטאָס אָפּגעשיקט צו דער באַן. נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין געהאַט דורכגענישטערט יעדעס ווינקעלע, האָבן זיי איבערגעלאָזט אויף די ערטער בערך אַ צוויי הונדערט יידן, כדי זיי זאָלן קובר זיין די הויפנס דערשאָסענע, ווי אויך אויסצופירן אַנדערע אַרבעטן.

די איבערגעבליבענע יידן, בלויז מענער, האָט מען באַזעצט אויפן קליינעם מאַרק, מען האָט זיי דאָרט געהאַלטן פינף וואָכן.

איינמאָל איז דער געטאָ־קאָמענדאַנט (דער פּאָזנאַנטשיק) אַריינגעקו־

מען איבם קליינעם מאַרק און באַפוילן אַז די אַלע פאַרבליבענע זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין שול־הויף, כדי זיי געבן צו ציילן. ווען די יידן זענען אהין געקומען, האָבן די ס. ס. פון טרעבלינקע שוין אויף זיי געוואַרט. זיי האָבן די יידן אַריינגעטריבן אין די פּאָר זיי צוגעגרייטע אויטאָס און אָפּגע־פירט קיין טרעבלינקע. די וועלכע האָבן געפּרוווט צו אַנטלויפן, זענען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

געלונגען צו אַנטלויפן פון דער לעצטער אַקציע איז מיין קוזין יוסף פּיעקאַרסקי, ווי אויך צוויי זין פון אברהם פּערלע — איצל און גדליה.

נאָך איידער די אַקציע קיין טרעבלינקע איז פאָרגעקומען, האָבן יידן זיך געבעטן ביי באַקאַנטע פּריצים, אַז זיי זאָלן פועלן ביי די דייטשן אַז מען זאָל פאַר זיי צושטעלן אַרבעטער פון געטאָ. די פּריצים האָבן עס אויס־געפועלט. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער פּריץ האָט זיך געהאַט זיינע יידן.

אויך איך בין אַריינגעפאַלן צו דעם באַקאַנטן פּריץ טאַדעוש כראַש־טשאַקאָווסקי, וועלכער האָט געהאַט זיין הויף נעבן דאָרף סקרישעוו. אין דעם הויף זענען מיר געווען בערך פופציק יידן. מיר האָבן דאָרט געהערט וואָס ס׳האָט פּאַסירט בעת דער לעצטער אַקציע פון סאָקאָלאָווער געטאָ. אין דעם הויף זענען מיר פאַרבליבן ביז סוף דעצעמבער 1942. דערנאָך איז אַרויס אַ באַפעל, אַז די אַלע יידן, וואָס געפינען זיך אויף די אַרבעטס־פּלע־צער, דאַרפן אַריבער אין די געטאָס פון שעדלעץ אָדער קאָסאָוו. די יידן פון מיין הויף האָבן באַשלאָסן צו גיין קיין שעדלעץ.

אונדזער פּריץ האָט געבעטן די דייטשן אַז זיי זאָלן פאַרלענגערן דעם טערמין פון זיינע אַרבעטס־מענטשן, אָבער די דייטשן האָבן דערפון נישט געוואָלט הערן. לסוף האָט דער פּריץ געפועלט אַז דריי יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים מאַכן שינדלען צום דאַך, זאָלן ביי אים בלייבן אויף נאָך צוויי וואָכן. פאַרשטייענדיק אַז דאָס פאַרבלייבן די פופצן טעג איז פול מיט געפאַר, האָבן מיר, די דריי יידן, זיך באַראַטן מיטן פּריץ ווי אַזוי צו האַנדלען. דער פּריץ האָט אונדז געראַטן, אַז מיר זאָלן שוין אַנטלויפן, ווייל די דייטשן וועלן זיכער קומען און אונדז דערשיסן.

מיר האָבן זיך געגרייט צום אַוועקגיין. האָט דער פּריץ באַפוילן איי־נעם פון זיינע פאַראַבקעס, אַז ער זאָל אונדז אָפּפירן מיט אַ פור קיין קאָסאָוו. אָפּפאָרנדיק אַ העלפט וועג, האָבן מיר אונטערגעקויפט דעם פאַראַבעק און ער האָט אונדז אַראָפּגעלאָזט נעבן אַ וועלדל, מיר זענען אַריין טיפער אין קורטשעווער וואַלד, דאָרט האָבן מיר באַגעגנט פופצן יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער. מיר זענען מיט זיי געבליבן.

מיט צוויי טעג שפּעטער, איז צו אונדז געקומען אַ סאָקאָלאָווער יונ־גערמאַן און אונדז דערציילט, אַז ער איז געווען אויסבאַהאַלטן מיט נאָך פיר יידן אויף דער צווייטער זייט פון וואַלד. פּלוצים איז צו זיי געקומען

אַ באַנדע רוסישע געפאַנגענע, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון זייערע ערטער, און ארומגעוואַנדערט אין דעם וואַלד. די באַנדע איז באַפאַלן די יידן, צו־גערויבט אלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און דערנאָך זיך אויף זיי געוואָרפן מיט העק און אַנדערע שווערע מכשירים און אָוועקגעלייגט טויט די פיר יידן. דער יונגערמאַן איז שווין ביי אונדז פאַרבליבן.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט אז די גאַנצע באַנדע זענען צוגעקו־מען צו אונדזער בונקער. זענענדיק ביי אונדז אַ גרויסע גרופּע, האָבן זיי געזאָגט אַז מיר טוען גוט וואָס מיר באַהאַלטן זיך אויס אין די וועלדער.

אז די באַנדע, בערך זעקס פּערזאָן, זענען פון אונדז אַוועק; האָבן מיר באַשלאָסן אַז מן הסתם זענען זיי געגאַנגען רופן נאָך רוסן — מיר האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז מיר וועלן נישט גיין אַלע צוואַנציק יידן צוזאַמען, נאָר גרופּנווייז. מיר האָבן זיך געזעגנט און צעווײנט הויך אויפן קול — ווען מיר האָבן זיך גענומען פונאַנדערגיין, זענען פלוצים פון די קזשאַקעס אַרויסגעלאָפן אַ גרעסערע גרופּע רוסן מיט העק און שטיקער אייזן אין די הענט און אונדז באַפאַלן. פון אונדזער גרופּע זענען באַלד גע־פאַלן צוויי מענער. איינער פון זיי איז געווען שלמה קאָוואַלטשיק, וועלכער איז מיט צוויי טעג פריער אַנטלאָפן פון צוג, וואָס האָט אים געפירט קיין טרעבלינקע.

ס'איז אויסגעבראָכן אַ קאַמף. אייניקע פון אונדזער גרופּע זענען זיך צע־לאָפן. שמואל סטאַצקי האָט דערלאַנגט מיט אַ האַק אַ רוס איבערן קאָפּ. אַז איך האָט געזען ווי אַ צווייטער רוס הויבט אויף זיין האַק כדי זיך צו וואַרפן אויף שמואלן, האָב איך בליץ שנעל די האַק פון אים אַרויסגעכאַפּט. די רוסן, זענענ־דיק אונדזער ווידערשטאַנד, האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר אונדז און אַנטלויפן.

מיר זענען געגאַנגען מיטן „וועג" פון וואַלד אַרויס. די רוסן זענען ווי־דער פון ערגעץ אויסגעוואַקסן און באַפאַלן דריי יידישע פרויען און אַ זעכ־צען יעריק יינגל. איינער פון זיי האָט מיט אַ שטיק אייזן דערלאַנגט אַ קלאַפּ איבערן יינגלס קאָפּ און ער איז אויפן אָרט געפאַלן אַ טויטער. דער־נאָך האָבן זיי גענומען נאָכיאָגן די דריי פרויען, וועלכע זענען געלאָפן אָן אָטעם. און ווען זיי האָבן זיי נישט געקאָנט דעריאָגן, האָבן זיי זיך גענומען כאַפּן צו מיר. איך האָב זיך געשיצט מיט אַ שאַרפע האַק אין האַנט. האַלטנדיק אין דער צווייטער האַנט אַ פּעקעלע וועש, האָב איך עס אַוועקגעשליידערט. די רוסן, אַ פּנים מיינענדיק אַז אין דעם פּעקל געפינט זיך אַן אוצר, האָבן זיי מיך צערו געלאָזט און זיך געוואָרפן אויפצוהויבן דאָס פּעקל. איך האָב אויסגענוצט דעם מאָמענט און אַנטלאָפן טיפער אין וואַלד אַריין.

לויפנדיק אינם וואַלד, האָב איך אָנגעיאָגט די חברים נתן גוויאַזדע און יואל שפּאַדעל, וועלכער איז מיט אַ צייט שפּעטער אומגעקומען. אין גרעסטן געפאַר האָבן מיר זיך דערשלאָגן אין דעם פּריציש הויף קאַרסק. מחמת

ס׳איז צו אונדז דערגאַנגען אַ ידיעה אַז דאָרט באַהאַלטן זיך אויס יידן.

דער נאַכט־וועכטער האָט זיך פאַר אונדז מודה געווען, אַז ער באַהאַלט אויס יידן, און, פאַר געלט וואָס מיר האָבן אים געגעבן, האָט ער אונדז אַריינגעלאָזט צו די יידן.

נאָכן אָפּזיצן דאָרט אַ מעט לעת, האָב איך פאַרלאָזט די חברים און זיך געלאָזט זוכן די פון וואַלד צעלאָפענע יידן. גייענדיק אויף אַ פעלד, האָב איך געזען שטיין א שייער אויף אַ ליידיקן שטח. שטייענדיק שוין ביים שייער, האָב איך מיט שרעק געפרעגט אויף פויליש, צו ס׳געפינען זיך דאָרט יידן. קיינער האָט נישט געענטפערט. האָב איך דאָס זעלבע געפרעגט אויף יידיש און באַלד געזען ווי די פריער אַנטלאָפענע חברה קריכן אַרויס פון זייער באַהעלטעניש.

איך בין געבליבן מיט זיי. אין דערזעלבער נאַכט, שלאָפנדיק האָסטיק אויף אַ בינט שטרוי, האָט זיך מיר געחלומט, ווי מיינע עלטערן און צוויי ברידער וועלכע זענען אומגעקומען אין טרעבלינקע, זעצן זיך צו ביי מיינע פוס און שרייען, אַז איך זאָל נישט וואַרטן ביז עס וועט טאָג ווערן, נאָר שוין פון דאַנען אַנטלויפן.

אויפכאַפּנדיק זיך, האָב איך אין דער פינצטערניש דערציילט דעם חלום פאַר די חברים. כמעט אַלע האָבן געהאַלטן אַז דער חלום האָט אַ באַדייט און מען דאַרף שוין אוועק פון דעם אָרט. מיר זענען גלייך אַוועק און אָנגעקומען אין דאָרף קרישעוו.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער, ווען איך האָב זיך אומגעקערט אויף דעם אָרט צו בעטן ברויט, האָט דער נאַכט־וועכטער מיר דערציילט, אַז ווען מיר זענען אַוועק פון אים, זענען אָנגעקומען באַוואָפנטע דייטשן און גלייך אַריין אין שייער זוכן.

מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך דורך אַ באַקאַנטן גוי זיך דערוווסט, ווי מיין קוזין געפינט זיך. מיר האָבן זיך געטראָפן. איך האָב מיט מיין קוזין זיך אַרומגעוואַלגערט עטלעכע חדשים, ווי געטאָגט דאָרט נישט געגעכטיגט, ביז ראובן מיעדאָוסקי, וועלכער איז געווען אויסבאַהאַלטן ביי אַ גוי, האָט זיך דערוווסט אַז איך לעב. ראובן האָט געבעטן דעם גוי זיינעם אַז ער זאָל מיך אָפּזוכן. און אַזוי אַרום בין איך מיטן קוזין אַריינגעקומען אין דיין „קריאַוקע״ מיר זענען דאָרט געווען פינף יידן.

איינמאָל ביינאַכט, ווען מיר זענען געשלאָפן אין דעם פינצטערן גרוב, האָבן מיר געהערט ווי מען קלאַפּט שטאַרק אין פענצטער פון אונדזער בעל־הבית׳ס הייזקע.

„ווער קלאַפּט?״ — האָט די בעל־הביתטע געפרעגט מיט אַ געבראָכן קול.

„עפן אויף, ווייל ביי דיר זענען פאַראַן יידן! — האָט ווער געענטפערט אויף פויליש — עפן אויף דעם שייער, ווייל מיר ווייסן אַז די באַהאַלטסט דאָרט אויס יידן!״

די בעל הביתטע איז ארויס אינדרויסן און געעפנט דעם שייער. אַ כאָפּ־טע שקצים זענען אַריינגעלאָפן אינ'ם שייער, צעוואָרפן די בינטן שטרוי, גע־קלאָפּט אין באָדן און געשטאָכן מיט די ציינער פון די ווידלעס אין די ערטער ווו זיי האָבן געהאַט אַ חשד. פון אונדזער „קריאָווקע”, אין דעם טיפן גרוב וואָס האָט זיך געפינען אין שטוב, האָבן זיי נישט געוווסט.

און דאָרט טאַקע זענען מיר שוין פאַרבליבן ביז נאָך דער באַפרייונג.

פאלא שווארץ
(תל־אביב)

אויף דער אַרישער זייט

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין סאָקאָלאָוו, איז מיין פאָטער אהרן וואָס געווען אַ פעלדשער אין „שראָדעק זדראָוויאַ". די דייטשן האָבן אים געמאַטערט, ער זאָל אויסזאָגן, ווו עס געפינט זיך נאָך געווער, מחמת מען האָט דאָרט געטראָפן אַ האַנט־גראַנאַט, וואָס דאָס אָפּטרעטנדיקע פוילישע מיליטער האָט איבערגעלאָזט. און היות ווי דער טאַטע האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן, האָבן זיי אים אַרעסטירט און צוזאַמען מיט נאָך פלעני־קעס, עורגעץ אָפּגעפירט; מיר האָבן נישט גערוט, און אַ דאַנק געוויסע אָנ־געזעענע פאָליאַקן, וועלכע האָבן דעם טאַטן תמיד ליב געהאַט, האָבן זיי דייטשן אים באַפרייט.

איינמאָל זענען די דייטשן אַריין אין פאָטאָ־אַטעליר, וואָס האָט געהערט צו מיין ברודער משה, און דאָרט אַדורכגעפירט אַ רעוויזיע. פאַר כעס וואָס זיי האָבן גאָרנישט געפונען — מחמת מיין ברודער האָט די פאָטאָ־אַפּאַראַטן נאָך פריער אַרויסגעפירט, האָבן זיי גענומען רעקווירירן אַלץ וואָס איז זיי אונטערגעקומען ווערטפולעס אין די הענט. איך האָב דעמאָלט אַוועקגעשטעלט פלעשער משקה אויפן טיש און געפּרוּווט זיי פאַרעדן — די משקה האָט די ס.ס.־מענער געלאָקט און זיי האָבן אָנגע־הויבן אַריינגיסן אין די גלעזלעך, וואָס איך האָב פאַר זיי אַוועקגעשטעלט.

אין ס.ס.־מאַן האָט מיר דערלאַנגט זיין גלעזל משקה און מיך געהייסן פריער טרינקען. אַז זיי האָבן שוין געטרינקען, בין איך צו זיי צוגעשאַנגען און געבעטן, זיי זאָלן אונדז צורו לאָזן. איך ווייס נישט צי מיין בעטן זיך ביי זיי וואָלט געווען געווירקט, ווען נישט דער פאָלגנדיקער פאַל: מיין מוטערס אַ שוועסטער האָט געהאַט אַ באַקאַנטע אין ווארשע מיטן נאָמען פעטערסבורסקאַ. איז פרוי פעטערסבורסקעס אַ זון, אַ מוזיקער, אַנטלאָפן פון וואַרשע קיין רוסלאַנד. דורכפאָרנדיק ספּעציעל סאָקאָלאָוו, איז ער געקומען צו אונדז איבערגעבן אַ גרוס פון זיין מוטער. ווען די ס.ס.־מענער האָבן געוואָלט צורויבן ביי אונדז די אַלע ווערטפולע זאַכן, איז דער מוזיקער געווען ביי אונדז אין שטוב. ער האָט אין אַ פליסיקן דייטש גענומען זיך פונאַנדערשמועסן מיט די ס.ס.־מענער און זיי דער־ציילט, אַז ער האָט לאַנג געוווינט אין בערלין און דאָרט געשפּילט אין דער דייטשישער אָפּערעטע. די ס.ס.־מענער, בערלינער, האָבן אים אָנגעהויבן אויספרעגן גענויע פּרטים. היות ווי ער האָט זיי געזאָגט אפילו דעם נאָמען פון דער גאַס, ווו דאָס טעאַטער האָט זיך געפונען, האָבן זיי אים געגלויבט

און אַ דאַנק דעם ביי אונדז גאָרנישט צוגענומען.

מיין פאָטער איז צוזאַמען מיט דעם מוזיקער פעטערסבורסקי אַוועק קיין פּעמיאַטיטש אויף דער סאָוויעטישער זייט, און נאָך צוויי חדשים צוריק־געקומען קיין סאָקאָלאָוו.

באַלד דערנאָך האָבן די דייטשן געשאַפן די געטאָ. מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן אונדזער שיינע וווינונג און אַריין אינעם געטאָ. היות ווי דער טאַטע איז געווען באַליבט ביי די פּאָליאַקן, האָבן די דייטשן באַפוילן אַז מען זאָל פאַר אונדז אָפּגעבן אַ בעסערע וווינונג. דער טאַטע איז אינעם געטאָ אויך געווען פעלדשער און געראַטעוועט מענטשן אָן שום באַלוינונג.

ווען די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט דעם יודנראַט, האָבן אַלע פאַר־לאַנגט אַז דער טאַטע זאָל ווערן דער „יודן־עלטסטער", אָבער ער איז דערצו נישט מסכים געווען. היות נחום לעווין האָט זיך געריסן צו דעם דאָזיקן אַמט, האָט דער טאַטע אים רעקאָמענדירט, און ער איז טאַקע פאַרבליבן אַלס „יודן־עלטסטער" ביז צו דער ליקווידאַציע.

אין שטשעגלאַטשין, בערך אַכטצן קילאָמעטער פון סאָקאָלאָוו, האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט אַ לאַגער, און דאָרט אַריבערגעפירט עטלעכע הונדערט יידן פון סאָקאָלאָווער געטאָ. אויך מיינע עלטערן זענען דאָרט אַריינגעפאַלן. אין ערב יום־כיפור האָט מיין פאָטער די מאַמען איבערגעלאָזט אויפן אָרט, און זיך אַריינגעריסן קיין סאָקאָלאָוו.

ווען די דייטשן האָבן ביי דער לעצטער ליקווידאַציע שטאַרק באַזעצן די געטאָ, בין איך מיטן טאַטן און מיט מיין מאַן אברהמ׳טשע זיידענבערג אַריין אין אַ בונקער — אין דעם זעלבן הויז, וווּ מיר האָבן געוווינט. מיר זענען דאָרט פאַרבליבן עטלעכע טעג. דערנאָך זענען מיר פון דאָרט אַרויס און זיך געלאָזן גיין אין דער פינצטערער נאַכט קיין גרודעק — אַן אַרבעטס־פּלאַץ ביי פּריצים.

זייענדיק דאָרט מיט אונדז עטלעכע טעג, האָט עס דעם טאַטן נישט געלאָזט רוען, און ער איז צוריקגעגאַנגען צו דער מאַמען קיין שטשעגלא־טשין. מיט אַ חודש שפּעטער איז אויך געקומען די ליקווידאַציע אין שטשעג־לאַטשין און ביי די מוראַדיקע שיסערייען זענען מסתמא אויך מיינע עלטערן אומגעקומען.

איינמאָל האָבן די דייטשן צעקלעפּט פּלאַקאַטן, אַז די יידן וואָס זענען נאָך ערגעץ פאַרשטעקט זאָלן קומען פרייוויליק זיך מעלדן, און דערפאַר וועלן פאַר זיי געגעבן ווערן וווינונגען און אַרבעט. האָב איך מיט מיין מאַן זיך נישט צוגעשטעלט, ווי ס׳האָבן עס געטון אַנדערע יידן, נאָר זיך צוריק אַריינבאַקומען קיין סאָקאָלאָוו. אַ באַקאַנטער פּאָליאַק האָט פאַר אַ גרויסע סומען געלט אויסגעאַרבעט פאַר אונדז ביידע אַרישע דאָקומענטן. אויף מיין דאָקומענט האָב איך זיך גערופן יאַנינא גלאָווינסקאַ און מיין מאַן — יוזעף קאָזשעדאַצקי. מיר זענען באַלד אַוועק קיין וואַרשע און אַרומגעוואַנדערט. אַ ווי־

נונג. דאָס איז אונדז זייער שווער אָנגעקומען. פּלוצעם האָבן מיר אָנגע־טראָפן אויף אַ קריסטין אויף בראָדנאַ־גאַס, וועלכע האָט געהאַט אַ שוועסטער אין סאָקאָלאָוו. פאַר געלט איז זי גרייט געווען מיך אַריינעמען אויף אַרמעט. איך האָב ביי איר קוים געפּועלט, זי זאָל אויך אַריינעמען מיין מאַן. ליידער האָבן מיר דאָרט נישט געקאָנט לאַנג פאַרבלייבן, מחמת די שכנים האָבן אונדז דערקענט אַלס יידן. אונדזער באַלעבאָסטע האָט אונדז פאַרשאַפט אַ צווייט אָרט אין פּראַגע. דאָס איז געווען אין יאָר 1943.

אויף דעם נייעם אָרט האָבן מיר זייער געליטן. מען האָט פון אונדז געהאַלטן אין איין ציען געלט. דערווייל האָב איך פאַרשוואַנגערט און דאָרט געבוירן אַ קינד, אַ ייִנגל. אַהיימקומענדיק מיטן קינד פון קליניק, האָט די באַלעבאָסטע אונדז שוין מער נישט געלאָזט זיין ביי זיך. מיר זענען געוואָרן שטאַרק פאַרצווייפלט און נישט געוווּסט וווּהין צו גיין מיטן זויגלינג אויף דער האַנט. די באַלעבאָסטע האָט רחמנות געקראָגן און אונדז רעקאָמאַנדירט אַ צווייטע קריסטין אין שטעטל גראָדזיסק, נעבן וואַרשע.

די פאַמיליע וויבאָרסקי אין גראָדזשיסק, האָט אונדז אָנגעטון זייער גרויסע צרות, הגם מיר האָבן זיי גוט געצאָלט, דאָס עסן איז געווען ערגער ווי פאַרן הונט. איינמאָל, אין חודש מאַי 1943, איז אַ גרופּע אוקראַאינער פּאַגראָמטשיקעס אַריינגעקומען צו אונדזער באַלעבאָסטע שפּילן אין קאָרטן. לכתחילה האָבן מיר נישט געוווּסט ווער די פאַרשוינען זענען, נאָר מיט אַ וואָך שפּעטער האָט מען ביינאַכט שטאַרק אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון אונדזער הויז. דער באַלעבאָס איז דעמאָלט נישט געווען אינדערהיים. אויף דער פראַגע פון דער באַלעבאָסטע ווער דאָס איז, האָט מען געענטפערט אַז דאָס זענען זשאַנדאַרמעריע. די באַלעבאָסטע האָט געעפנט די טיר. אַ צע־טומלטער איז מיין מאַן געלאָפן צו דער לייטער אינעם פאַרהויז, וואָס איז געשטאַנען אָנגעלענט אויפן בוידעם. שוין שטייענדיק אויפן לייטער האָט איינער פון די באַנדע אויסגעשאָסן און אים געטראָפן אין רעכטן אָרעם. מיין מאַן, אַ פאַרוווּנדעטער, איז אַראָפּ פונעם לייטער און געבליבן שטיין. זיי זענען מיט אים אַריין אין באַלויכטענעם צימער. איך מיטן קינד האָבן זיך אין דעם מאָמענט געפונען אין צווייטן צימער. איך האָב געהערט ווי איינער פון דער גרופּע זשאַנדאַרמען פאָדערט שטרענג פון מיין מאַן זיינע דאָקומענטן. היות ווי דער דאָקומענט האָט באַשטעטיקט אַז ער איז אַ קריסט, זענען זיי מיט אים אַריין צו מיר אין צימער, מיך לעגיטימירט און גע־פרעגט צי איך בין זיין פרוי. איך האָב געענטפערט אַז איך קען אים אינ־גאַנצן נישט. זיי האָבן מיך איבערגעלאָזט און מיט מיין מאַן צוריק אַריין אין ערשטן צימער. איך האָב געהערט ווי איינער פון זיי פאָרשט אים שטרענג, צו ער קען מיך. מיין מאַן האָט געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט ווער איך בין, און אַז ער ווייסט אפילו נישט איך וואָס פאַר אַ וווינונג ער געפינט זיך, מחמת ער איז געווען שיכור און זיך אַהער אַריינגע־גנב׳עט.

מיך האָט שטאַרק געחידושט, פאַרוואָס זיי פרעגן דאָס נישט די באַלעבאָסטע. דער עלטסטער פון די זשאַנדאַרמען האָט באַפוילן מיך מאַן אונטערזוכן. באַלד האָט זיך געהערט אַ שאָס און מיין מאַן איז האַסטיק אַוועקגעפאַלן. אַ ציטערדיקע האָב איך אָנגעשטרענגט די אויערן און געהערט ווי זיי שלעפּן אים אַרויס אויף די גאַס. איך בין געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט און נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט.

שפּעטער איז די באַלעבאָסטע אַריינגעקומען אין מיין צימער און באַ־פוילן, איך זאָל זיך שוין אָפּטראָגן פון איר הויז. איך האָב געפּרוווט זי בעטן אַז זי זאָל מיך כאָטש דאָ לאָזן איבערזיצן ביז אינדערפרי, אָבער זי האָט דערפון נישט געוואָלט הערן, און מיך געשטופּט צו דער טיר. איך האָב זיך גענומען גרייטן צו פאַרלאָזן די וווינונג. מיטנעמען מיינע זאַכן, האָט די גויע מיך בשום אופן נישט געלאָזט, זי האָט דערלויבט בלויז מיטצונעמען דעם קינדס ווינדעלעך. איך האָב זיך איינגעוויקלט מיטן קינד און זיך גע־לאָזט אין דער פינצטערער נאַכט צום וואָקזאַל.

צוקומענדיק צו אַ באַלויכטענעם וואַגאָן מיט פּאַסאַזשירן, האָבן צוויי דייטשישע זשאַנדאַרן צו מיר אויסגעשריגן: „קאָם הער". דאָס האַרץ האָט מיר שיער נישט געפּלאַצט פון שרעק. איך האָב זיך קוים באַהערשט און, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, צו זיי צוגעגאַנגען. די דייטשן האָבן מיך מיטן וויינענדיקן קינד געהייסן אַריינגיין אין וואַגאָן און באַפוילן פאַר מיר אָפּגעבן אַ פּלאַץ.

אַראָפּגייענדיק פונעם הויפּט־וואָקזאַל אין וואַרשע, האָב איך געבלאָנ־דזשעט אָן אַ ציל. איך בין געווען אַזוי פיזיש און פּסיכיש דערשעפּט, אַז איך האָב אפילו נישט געפילט מיין קינד אויף דער האַנט. געשלעפּט זיך גאַס איין, גאַס אויס, ביז איך בין צוגעקומען צו אַ שלאַבאַן, נישט ווייט פון אַרומגעצוימטן געטאָ, נישט ווּיסנדיק וועגן די געפאַר. אָבער ביים שלאַ־באַן איז קיינער נישט געשטאַנען. איך בין אַריין אין אַ שטוב. דאָרט איז פאַר מיר ארויסגעוואַקסן אַן עלטערע קריסטין מיט אַ גוטמוטיק געזיכט. ז׳איז געבליבן שטיין אַ דערציטערטע און פול מיט חידוש — ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז זי דערקענט מיך אַלס ײדישקע. אויף דער פראַגע ווי אַזוי מ׳האָט מיך אַריבערגעלאָזן דעם „שלאַבאַן". האָב איך נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט פון מויל. זי האָט מיך באַטראַכט, געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיך געהייסן גיין הינטער אַ פאַרהאַנג פון אַ פינצטער קיכל. באַלד האָט זי מיר געברענגט עסן. איך האָב זיך דאָרט דערוואַרימט און אַ ביסל אויסגערוט. צומאָרגנס האָט זי מיר העפלעך דערקלערט, אַז דער „שלאַבאַן" איז שוין ווידער נישט באַוואַכט און איך מוז אַוועק.

פון דער קריסטין האָב איך ווידער גענומען פאָרן מיט דער באַן אויף דער ליניע וואַרשע־טשענסטאָכאָוו. איך בין אויף דער ליניע געפאָרן גאַנצע וואָכן אָן איבערייס, ווערנדיק אַזוי געשיצט נישט נאָר פון געפאַר צו ווערן

דערקענט אַלס ידישקע, נאָר אויך פון הונגער און קעלט, ווייל אויף דער באַן איז אויך געווען לייכטער זיך צו פאַרשאַפן עסן. נישט געקוקט אויף דער מידעקייט פון שטענדיקן וואַלגערן זיך אין די באַן־וואַגאָנען, וואָלט איך ווי ס'איז אַדורך ווען מיינע האָר אויפן קאָפּ, וואָס כ'האָב זיי אַמאָל געפאַרבט אויף בלאָנד, וואָלטן זיך וואָס אַ מאָל מער נישט געשוואַרצט און געמאַכט קענטיקער מיין ידישן אויסזען.

מיטאַמאָל האָב איך געזען ווי די פּאַסאַזשירען אין די באַן־וואַגאָנען נעמען מיך דורך מיט זייערע פאַרחידושטע אויגן, שושקען זיך איינער מיט דעם צווייטן אין די אויערן און הייבן מיט די אַקסלען. איך האָב דערפילט די געפאַר און זיך געאיילט צוצופאָרן קיין וואַרשע. געווען דעמאָלט קאַלטע טעג. איך האָב זיך געפילט שטאַרק מיד, און מורא געהאַט אַוועקצופאַלן מיטן קינד אויף דער גאַס. צופעליק האָב איך ביי אַ קריסטין זיך דערוווּסט, אַז אויף דער יעראָזאָלימסקע גאַס 76, ביים סטרוזש פונעם הויז האַלטן זיך אויף הימלאָזע מענטשן. איך בין גלייך אַריין און טאַקע געטראָפן הימלאָזע אָדער פאַרשפּעטיקטע מענטשן, ווייט פון וואַרשע. איך האָב זיך דאָרט צוגעזעצט מיטן קינד אין אַ ווינקל אויף דער ערד און, אַ מידע, געדרימלט. באַלד הער איך ווי יונגע קריסטינס רעדן צווישן זיך הויך אויפן קול: „אַ ידישע צווישן אונדז!" איך האָב אַרויסגעוויזן אַ נישט דענערווירטקייט, און, באַהערשנדיק גוט די פּוילישע שפּראַך, האָב איך זיי אָפּגעענטפערט ווי סדאַרף צו זיין. שפּעטער האָט דער סטרוזש, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון פּוילישן אונטערגרונט, מיך אַוועקגעפירט אין אַ זייט און פאַרטרויליך געפרעגט אויב איך בין אַ ידישע. איך האָב זיך געהאַלטן ביי מיינס און אים געוויזן מיין דאָקומענט.

— „ס'וועט פאַר דיר און פאַר דיין קינד פיל בעסער זיין" — האָט דער סטרוזש צו מיר גערעדט מיט אַ ווייכע שטימע — „ווען דו וועסט דיך פאַר מיר מודה זיין — זיי זיך מודה און איך וועל דיר באַלד העלפן. דיין קינד וועט צוליב דעם זיכער געראַטעוועט ווערן.

איך בין געוואָרן ווי פאַרשטומט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. דער סטרוזש האָט מיך מער שוין גאָרנישט געפרעגט און מיר געגעבן גוט אָפּצו־עסן. דערנאָך האָט ער מיר דערקלערט, אַז דאָס קינד קאָן ער גלייך אַריינ־געבן אין דעם „פינדל"־הויז אויף נאָוואָגראָדזקא גאַס 76. ער וועט שוין זאָרגן, אַז דעם קינד זאָל דאָרט גאָרנישט פעלן, און אַז נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה, וועל איך עס קאָנען צוריקאָפּנעמען. איך האָב דערצו איינגעשטימט.

ווען דאָס קינד האָט זיך שוין געפונען אין דעם „פינדל"־הויז, האָב איך אָנגעהויבן אַרומזוכן אַרבעט, און אָנגעקומען אין אַ רעסטאָראַן. אַרבעטנ־דיק דאָרט, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אייגנטימער איז גאָר אַן אוקראַ־אינער. אין דעם רעסטאָראַן איז מען פון מיין אַרבעט געווען זייער צופרידן, אָבער צו מיין אומגליק, האָבן די געסט געוואָרפן אויף מיר פאַרשנדיקע

בליקן, אַזוי, אַז דער אייגנטימער האָט מיך איינמאָל צוגערופן, באַצאָלט וואָס מיר איז געקומען פאַר דער אַרבעט און געהייסן שוין פון דאַנען זיך אָפּצו־טראָגן.

איך האָב אַרומגעזוכט אַנדערע אַרבעט. כ׳האָב געפּרוווט צו פאַרדעקן וו־ ס׳איז מיינע האָר פון קאָפּ, מחמת די געפאַר האָט שוין אויף מיר געלויערט אויף יעדן שריט און טריט. איך האָב קיין אַנדערע אַרבעט אַזוי גיך נישט באַקומען. באַלד האָט מען געכאַפּט צו דער אַרבעט אויף צו ווערן אַרויסגעשיקט קיין דייטשלאַנד. אויך מיך האָט מען געכאַפּט און בין אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ברעסלאו. קומענדיק אַהין, האָט מען מיך אַריינגעגעבן צו הויז־ווירט־שאַפט ביי אַ דייטש. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זיין זון איז אַן ס.ס.־מאַן. מיר איז גראָד דאָרט נישט געווען שלעכט. נישט לאַנג דערנאָך האָט דער באַלעבאָס מיך באַפרייט פון דער אַרבעט און מיך צוריק אָפּגע־שיקט קיין פוילן. אפשר האָט דער דייטש געהאַט אַ חשד, אַז איך בין אַ יידישקע.

איך בין אָנגעקומען קיין קראָקע און אויך דאָרט זיך געשטעלט צו הויזאַרבעט. מיט דער צייט האָבן די פוילישע באַלעבאַטים אויסגעפונען מיין יידישן אויסזען, און מיך משלח געווען.

איך בין אַריין קיין טשענסטאָכאָוו. כ׳בין גענומען געוואָרן אויף צוויי וואָכן אַרבעט אין דער „וואָפּנשול״, און הערנאָך אין דער „קאַזערנע״. כ׳האָב דאָרט געהאַט געגוג צו עסן. איינמאָל האָט מען מיך אַריינגערופן אין דער קאַנצעלאַריע אויף אַן אויספאָרשונג. דאַביי האָט מען מיך אויסגעפרעגט אַלע איינצלהייטן פון מיין פאַרגאַנגענהייט. כ׳האָב פּלוצעם דערפילט די גרויסע געפאַר און פאַרשטאַנען, אַז די אַרבעטערינס, מייסטנס פאָלקס־דייטשקעס, האָבן אַוודאי אָנגערעדט אויף מיר. דער אויספאָרשער האָט מיך געהייסן צוריקגיין צו דער אַרבעט. דער אינסטינקט האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז איך טאָר נישט וואַרטן און מוז שוין פון דאַנען אַנטלויפן. איך האָב לאַנג נישט געטראַכט, אָנגעהאַנגען אויף זיך דעם מאַנטל, און צוגעגאַנגען צום וואַך־טויער. דאָרט איז געשטאַנען אַ באַוואָפנטער זעלנער. איך בין דרייסט פאַר אים דורכגעגאַנגען.

„וווהין ?״ — האָט ער מיך אָפּגעשטעלט.

— „כ׳דאַרף גיין עפּעס איינקויפן״ — האָב איך געענטפערט מיט אַ שמייכל. ער האָט מיך געלאָזט גיין. פאַרשוווּנדנדיק פון זיינע אויגן, האָב איך גענומען שטעלן גיכע טריט, און זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין.

איך בין ווידער אָנגעקומען אויף אַן אַרבעטס־־פּלאַץ, דאָרט בין איך קראַנק געוואָרן און אַריין אין אַ שפּיטאָל. איך בין געלעגן אין הויכע היץ און דעמאָלט אוודאי גערעדט אַזעלכע ווערטער וואָס האָבן מיך פאַראַטן. עס זאָלט זיך זיכער פאַר מיר נישט גוט פאַרענדיקט, ווען עס וואָלט נישט

אַריינגעקומען אַ פאָלקס־דייטש און געטענה׳עט, אַז ער קען מיך. דאָס האָט געווירקט און מען האָט מיך מער נישט געטשעפּעט. דער פאָלקס־דייטש האָט אויף מיר געהאַט מיטלייד. ווען ער איז אַוועק, האָבן די אַנטיסעמיטקעס מיך געגעסן מיט זייערע ווילדע בליקן, אפילו געזידלט: „פּאַרשיווע זשידוווקא״. נאָר אַ גוטהאַרציקע קראַנקן־שוועסטער האָט אויף מיר רחמנות געהאַט און מיך אַריינגעלאָזט אין אַ באַזונדער צימערל.

* * *

נאָך דער באַפרייונג בין איך געגאַנגען אָפּנעמען מיין קינד פונעם „פינדל״־הויז, וועלכעס איז ביים פוילישן אויפשטאַנד געוואָרן איבערגעפירט קיין פּרושקאָוו נעבן וואַרשע. דאָרט האָב איך זיך דערוווסט, אַז אַ פאַרמעגלעך קינדערלאָז־פּאָרפאָלק פון שטעטל גניעווקאָוו נעבן טורין האָבן מיין קינד אַדאָפּטירט. איך בין גלייך צוגעפאָרן אויף דעם אָרט. דאָס קריסטלעכע פּאָרפאָלק, אייגנטימער פון אַ קאָנדיטערייִ, האָבן גאָרנישט געוואָלט הערן פון צוריקגעבן מיין קינד. מיין ווייגען און בעטן זיך ביי זיי האָט גאָרנישט געהאָלפן. ערשט נאָך אַ לאַנגער שתדלנות מצד אַנגעזעענע מענטשן און דער עיקר פאַר אַ גרויסער סומע געלט, וואָס מיין איצטיקער מאַן האָט זיי באַצאָלט, האָב איך ענדלעך מיין קינד אָפּגענומען.

שמעון גרינשפאַן
(נס ציונה)

אַנטלאָפן פון טרעבלינקע

שבת תשובה פון יאָר 1939 איז די היטלער־אַרמיי אַריין קיין סאָקאָ־לאָוו. נאָך אין ערשטן טאָג פון זייער אָנקום, איז אַ כאַפּטע זשאַנדאַרמעריע מיט אוקראַאינער אַריינגעפאַלן אין בית־המדרש מיט רעוואָלווערן אין די הענט. זעענדיק אַ גרויסן עולם דאַווענען, האָבן זיי אויסגעשאָסן צו די ווייַ־בערישער שול און דערהרגעט די פרוי חנה שעדלעצקי. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע בהלה, און יידן האָבן זיך איין גרויס שרעק באַהאַלטן אין די הייַזער. צומאָרגנס האָט מען געכאַפּט מענער צו אַרבעט שלאָגנדיק זיי מכות רצח.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָבן די דייטשן פאַרלאָזט סאָקאָלאָוו, און ס׳האָט אַריינגעמאַרשירט די רויטע אַרמיי. אַז די דייטשן זענען אין אַ וואָך אַרום ווידער צוריקגעקומען, איז דער רוב יידן פון דער שטאָט מיטגעלאָפן מיט דער רויטער אַרמיי. די דייטשן האָבן, צום ווונדער פון די איבערגע־בליבענע יידן, זיך נישט נוקם געווען אין זיי; מען האָט זיי בלויז אויסגע־נוצט צו אַלערליי שווערע אַרבעטן.

אין יאָר 1941, באַלד נאָכדעם ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט די רוסן, האָבן די דייטשן געשאַפן די געטאָ — זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ יודן־ראַט מיט נחום לעווין בראש.

אין דער זעלבער צייט איז אַרויס אַ באַפעל, אַז די יידן פון די אַרומ־מיקע דערפער זאָלן אַריין אין סאָקאָלאָווער געטאָ. אין די יידישע הייזער איז באַלד געוואָרן זייער ענג, אַזוי אַז דער פלעק־טיפוס האָט גענומען שטאַרק בושעווען און די שטערבלעכקייט איז געוואָרן אומגעהויער.

ביז צו דער אויסזידלונג קיין טרעבלינקע האָבן די דייטשן פאַרלאַנגט פון דעם יודנראַט אַ געוויסע צאָל יידן צו דער אַרבעט. דער יודנראַט איז גערן נאָכגעקומען זייער פאָדערונג, הגם מ׳האָט די יידישע אַרבעטער תמיד צעשלאָגן. צוליבן הונגער וואָס האָט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען כמעט אין יעדן יידישן הויז, האָבן זיך יידן צוגעשטעלט פרייוויליק צו אַרבעט, כאָטש מען האָט זיי נישט באַדאַרפט. ערשט מיט וואָכן שפּעטער, ווען מ׳האָט זיך דערוווּסט פון די גויים, אַז די יידן פון אונדזער שכנותדיק שטעטל עסטער־דין, וועלכע זענען כלומרשט געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט קיין טרעבלינ־קע, קומען מער נישט צוריק, — האָבן מיר זיך געכאַפּט אין וואָס עס גייט

און מיר האָבן זיך מער צום רוף פונעם יודנראַט נישט געוואָלט צוהערן.

די ס.ס.־לייט האָבן באַלד געגעבן אַ שטרענגן באַפעל צום יודן־ראַט, אַז ער זאָל זיי צושטעלן דריי הונדערט מענער, אַנדערש וועט ער זיי פּשוט אַרויסנעמען ביינאַכט פון די בעטן. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָט זיך צוגעשטעלט כמעט אַ האַלבע געטאָ יוגנטלעכע מענער פון די עלטערע הונדערט צוגעשטעלטע מענער, האָבן די ס.ס.־לייט, צו אַלעמענס איבעראַשונג, נאָר אויסגעקליבן דרייסיק און זיי באַלד אָפּגעשיקט קיין טרעבלינקע אויף זעקס וואָכן אַרבעט. ווען די מענטשן האָבן זיך נאָך דעם צוגעזאָגטן טערמין נישט אומגעקערט, זענען זייערע פרויען און קינדער, טאַטעס און מאַמעס, אַריינגעלאָפן צום יודן־ראַט מיט אַ געוויין. דער יודן־ראַט האָט זיי באַרואיקט צוזאָגנדיק, אַז אין ערגסטן פאַל, וועט מען זיי מוזן אויסקויפן, און מען האָט טאַקע די יידן אויסגעקויפט פאַר אַ גרויסער סומע געלט, אָבער נישט אַלע פון זיי האָבן דערלעבט צוריק צוקומען. די צוריקגעקומענע זענען געווען האַלב־טויט — זיי האָבן דערציילט, אַז נישט ווייט פון זייער אַרבעטס־פּלאַץ, בערך אַ האַלבן קילאָמעטער, האָט מען אָן אויפהער געהערט האַרץ־רייסנדיקע געשרייען. אויך אַ פייער האָט זיך פון יענעם אָרט געריסן צום הימל. פון זייערע רייד איז געוואָרן קלאָר, אַז די קלאַנגען פון אַ קרעמאַטאָריום, וועגן וואָס די גויים האָבן פאַרשפּרייט, לאָזט זיך גלויבן. אין שטאָט איז אויסגעבראָכן אַ מוראדיקע בהלה.

דעם 22־טן סעפּטעמבער 1942, באַלד נאָך יום כפור איז די שטאָט פּלוצלינג געוואָרן אַרומגערינגלט מיט ס.ס. און אוקראַאינער. צוערשט האָבן זיי געעפנט אַ שיסעריי און אַזוי אַרום צוויסן געגעבן, אַז די אַקציע הויבט זיך אָן. די היטלער־מערדער האָבן באַלאַגערט די יידיטע הייזער מיט אַ האָגל פון מאַשין־געווער און אַרויסגעוואָרפן קינדער פון די פענצטער. יעדן טאָג האָבן זיי געטריבן אַ טייל פרויען, מענער און קינדער — אין די גרויסע שטאָל אַריין, און נאָכן אָפּהאַלטן זיי אַ גאַנצן טאָג, האָט מען זיי ביינאַכט אָפּגעשיקט קיין טרעבלינקע.

אַז די אַקציע האָט זיך פאַרענדיקט, איז נאָך אין געטאָ פאַרבליבן ביי אַ הונדערט יידן, בכדי זיי זאָלן קאָנען באַגראָבן די מתים וואָס זענען געפאַלן בעת די שיסערייען. מיט דריי חדשים שפּעטער, האָט מען אויך די הונדערט יידן געבראַכט קיין טרעבלינקע. פון די געקומענע האָב איך זיך דערוווסט, אַז מען האָט דעם גאַנצן יודן־ראַט אויסגעשאָסן אין געטאָ.

* * *

אין טרעבלינקע נומער 1 איז געווען אַן אַרבעטס־לאַגער — מיט געקליבענע מענטשן פון אַ האַלב לאַנד, די אַרבעט איז געווען גאָר אַ שווערע. פאַר דער מינדסטער זאַך האָט מען מערדערליך געשלאָגן. אָפּטמאָל

פלעגט מען אונדז שיקן אויף אַרבעט אין שכנותדיקן אָרט מאַלקין, וואָס דער רוב פון זיי האָבן זיך שוין מער נישט אומגעקערט.

אין יאָר 1943, הערבסט צייט, איז פּלוצלינג אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין טרעבלינקע נומער 2. די אויפשטענדלער האָבן דערהרגעט אַן ס.ס.־מאַן מיט עטלעכע אוקראַינער און געמאַכט פריי דעם וועג צו אַנטלויפן דרייצן הונדערט יידן. אין דערזעלבער צייט איז דורכגעפאָרן אַ באַן מיט דייטשע מיליטער. די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און דאָס מיליטער האָט פאַרנומען פּאָזיציעס און ביסלעכווייז אַרומגערינגלט דעם דערבייאיקן וואַלד מיט די אַנטלאָפענע און אויסגעשאָסן פון זיי אַ העלפט.

* * *

נאָכן אויפשטאַנד איז פון מיין אַרבעטס־פּלאַץ געלונגען צו אַנטלויפן אַכט יידן. אויך איך בין געווען צווישן זיי. ווען מיר זענען שוין געווען נישט ווייט פון וועלדל, בערך זיבן קילאָמעטער פון אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ, האָבן די ס.ס. און אוקראַינער אונדז נאָכגעיאָגט מיט אַ שיסעריי. דער האָגל פון קוילן האָט קיינעם פון אונדז נישט געטראָפן און ס׳איז אונדז געלונגען אַריינצולויפן אינעם וועלדל. די רוצחים זענען אין וועלדל נישט אַריין, זיי האָבן ווייזט אויס, מורא געהאַט אַהין אַריינצוגיין.

אויסגעשפּעט פון מידקייט און שרעק, זענען מיר אין אַ האַלב־פינצטערע נאַכט אַרויס פונעם וועלדל און מיר האָבן דערזען אַן אויסגעווייסטע, פויערישע כאַטע. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום אָרט, האָט אַ הונט אָנגעהויבן שטאַרק בילן, באַלד איז פון דער כאַטע אַרויסגעקומען אַ פויער מיט אַ ברענענדיקע לאַמטער און נאָכן זאָגן דעם פויער וואָס מיר פאַרלאַנגען — האָט דער פויער אונדז געענטפערט, אַז ער האַלט שוין ביי זיך אויס עטלעכע יידן פון אונדזער שטאָט, אָבער ער האָט בדעה זיי אינגיכן אַרויסצוטרייבן, מחמת זיי האָבן אים מער נישט צו געבן דעם סכום וואָס זיי האָבן אים צוגעזאָגט. היות ווי דריי פון אונדז האָבן געהאַט פאַרנייט אין זייערע בגדים אַ גרויסע סומע, האָבן מיר קוים איבערגערעדט דעם פויער, און ער האָט ביי אונדז צוגענומען די גאַנצע סומע.

דער פויער האָט אונדז אַריינגעפירט אין זיין שייער, וואָס איז געווען אָנגעלייגט מיט בונטן שטרוי. ער האָט אויפגעמאַכט דאָס באַהעלטעניש פון אַ טיפן קעלער און מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט — דער קעלער איז געווען אָן אַ פענצטער. ס׳האָט אין אים תמיד געלויכטן אַ שוואַכע שיין פון אַ ברענענדיקע לאַמטער. מיר האָבן באַלד דערקענט די יידן, זיי זענען געווען איינוווינער פון אונדזער שטעטל.

פון די דאָזיקע יידן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער פויער האָט

שוין לאַנג בדעה זיי אויסצוגעבן פֿאַר די דייטשן. נאָר אויב ער האָט דאָס נישט געטון איז עס דערפֿאַר, וואָס זיין אידעם, אַ קאָמוניסט, האָט אים געדראָט, אַז אויב ער וועט די אומגליקלעכע יידן אויסגעבן, אָדער אפילו אַרויסטרייבן, וועלן די פּאַרטיזאַנער זיך נוקם זיין אין אים און אפילו אונטערצינדן די כאַטע.

שמואל כהן
(קרית־שלום)

פון יענע טעג

ווען די דייטשן האָבן אין יאָר 1939 פאַרנומען סאָקאָלאָוו, איז אַ האַלבע שטאָט מיט יידן אַנטלאָפן אויף די פאַרנומענע סאָוויעטישע געביטן. היות ווי זייערע הייזער זענען געבליבן ליידיקע, האָבן די דייטשן איבערגעפירט פון דער שטאָט קאליש בערך צען טויזנט יידן, ווי אויך אַ גרויסע צאָל פאַליאַקן פון פויזנער געגנט, קיין סאָקאָלאָוו. פאַר וועמען ס׳האָט נישט געסטייעט קיין פּלאַץ האָבן די דייטשן אַריינגעוואָרפן אין באַוווינטע יידישע הייזער, ווי אויך אין די אַרומיקע דערפער.

ביים אַנטשטיין פון געטאָ האָבן אַלע סאָקאָלאָווער יידן געזאָלט ווערן איבערגעפירט קיין ווענגראָוו, (דער גרויסער „יודנשטאָט", ווי די דייטשן האָבן עס באַצייכנט), נאָר צילאָוו, דער שעף פון דער קרייז־קרימינאַל־פּאָליציי, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס יידן־פריינט, האָט אויסגעפועלט, אַז סאָקאָלאָוו זאָל בלייבן אַלס זעלבסשטענדיקע געטאָ.

צילאָוו איז געווען אַ דייטש פון בערלינער געגנט, שוין אַריבער די מיטעלע יאָרן, און דעם דאָזיקן אַמט פאַרנומען נאָך איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. מיין פאָטער, מנחם, איז אַ שטיקל צייט געווען וויצע־פּרעזעס פונעם סאָקאָלאָווער יודנראַט, האָט דער דאָזיקער צילאָוו זיך מיט אים באַקענט. אין דער צייט, ווען ער איז געווען בגילופין, פלעגט ער אפילו מאַכן חוזק פון היטלערן. ווי ווייט די געטאָ, און ספּעציעל איך, האָבן געהאַט גרויס נוצן פון דאָזיקן צילאָוו, קאָנען דינען די פאָלגנדיקע פאַקטן: באַיואָפנטע זעלנער פון דער ווערמאַכט פלעגן דורכשפּאַצירן נעבן פאַרצוימטן געטאָ און אַריינגעשאָסן אין יידישע הייזער. עס זענען דערביי געפאַלן טויטע און פאַרוווּנדעטע, די בהלה אינעם געטאָ איז געוואָרן גרויס — דער יודנראַט איז אין גרויס שרעק זיך צונויפגעקומען און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צו ווענדן צו צילאָוון נאָך הילף. צילאָוו האָט געהייסן אויפזוכן די גילוזן פון די אין געטאָ אַריינגעשאָסענע קוילן. מיט די גילזן איז ער אַוועק אינטערוועניר̈ן אין די מיליטערישע קאַזאַרמעס. מער זענען דייטשישע זעלנער נישט דורכגעגאַנגען די געטאָ.

איינמאָל האָט דער אַרבעטס־אינספּעקטאָר, אַ ווילדער ס.ס.־מאַן, געמאַכט ביי זיך אין צימער אַ הוליאַנקע. ער האָט פאַרבעטן זיינע קאַמעראַדן ס.ס.־לייט אויף דער אָוונט־שמחה. היות ווי מיין ווערקשטעל האָט זיך געפונען אונטער זיין צימער, האָט ער מיך גערופן און מיר באַפוילן שוין צוצוגיין צום יודענראַט און זיי אויפפאָדערן, אַז זיי זאָלן פאַר אים צושיקן צען

לאַמפּן. ווען שלאַפּמיץ, דער פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד פונעם יודנראַט, האָט די פאַרלאַנגטע לאַמפּן באַלד נישט צוגעשיקט, האָט דער אַרבעטס־אינס־פּעקטאָר געמיינט, אַז איך האָב אים אָפּגענאַרט און ער האָט מיך אָנגעלויבן זוכן.

אויפן צווייטן טאָג האָט אַ געטאָ־פּאָליציאַנט מיך אויפגעזוכט און מיר געראַטן, אַז אויב איך וויל לעבן, זאָל איך זיך מער פאַר דעם אַרבעטס־אינספּעקטאָר נישט באַווייזן. איך האָב אים געפאָלגט.

דער אַרבעטס־אינספּעקטאָר אַ האַלב־שיכּורער, איז אַ ווילדער גע־לאָפן צום יודנראַט און אויפגעפאָדערט, אַז אויב זיי וועלן מיך פאַר אים נישט באַלד צושטעלן, איז דער גאַנצער יודנראַט דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך.

דער יודנראַט האָט מיך געהייסן זיך צושטעלן. אויך מיין פאָטער איז געווען ביי דער זעלבער מיינונג. אָבער איך האָב שטאַרק מורא געהאַט און זיך נישט צוגעשטעלט, פילנדיק, אַז דער ווילדער אַרבעטס־אינספּעקטאָר וועט מיין „חטא" בשום אופן נישט דורכלאָזן. בין איך אַוועק צו ציליאָוון און אים דערציילט די גאַנצע מעשה. מיטשיקנדיק אַ ציווילן געהיים־אַגענט, האָט ער מיך געהייסן זיך צו שטעלן פאַר דעם אַרבעטס־אינספּעקטאָר. איך האָב אַזוי געטון. דער געהיים־אַגענט האָט זיך געשטעלט הינטער דער טיר. דער גע־היים־אַגענט האָט צו מיר געזאָגט, איך זאָל אַריינגיין און אין פאַל ווען דער אַרבעטס־אינספּעקטאָר וועט מיר וועלן שלעכטס־טון, זאָל איך גלייך מאַכן אַ געוואַלט. דאָס וועט פאַר אים זיין אַ צייכן, אַז ער דאַרף מיר קומען צו הילף.

באַלד נאָכדעם האָט ציליאָוו אַרויסגערופן צו זיך דעם אַרבעטס־אינס־פּעקטאָר און אים געוואָרנט, אַז ער זאָל מער מיט מיר נישט מאַכן אַזעלכע קונצן. דער אַרבעטס־אינספּעקטאָר איז געווען פול מיט חידוש וואָס ציליאָוו האָט זיך פאַר מיר איינגעשטעלט, נישט געקוקט וואָס ער האָט פאַר ציליאָוון מורא געהאַט, האָט ער מיך פונדעסטוועגן געדראָט, אַז איך וועל זיין ביי אים דער ערשטער קרבן אַוועקגעשיקט צו ווערן אין אַ פאַרניכטונגס־לאַגער.

* * *

מיט דעם אויסברוך פון דער דייטשיש־סאָוויעטישער מלחמה, האָט זיך דער מצב אינעם געטאָ זייער פאַרערגערט. דער הונגער האָט זיך מורא־דיק אַריינגעריסן אין יעדער שטוב די דייטשישע אַרמיי האָט גיך פאַרכאַפּט די סאָוויעטישע געביטן פון דער פּוילישער טעריטאָריע. צוליב דעם דאָזיקן זיג, זענען די ס.ס.־לייט געוואָרן נאָך מער צעוושעט און אָנגעוואָרפן אַ פּאַניק אינעם געטאָ. די געטאָ־יידן זענען מיט איינמאָל געבליבן אַזוי פאַרצווייפלט און הילפלאָז, אַז די האָפענונגען אויף אויסלאַנד איז כמעט ווי פאַרשוווּנדן.

אין אָט אין די טעג, האָט דער אַרבעטס־אינספּעקטאָר אויסגעקליבן בערך פופציק יידן — יונגע בחורים און מיידלעך, און זיי אָפּגעשיקט אויף אַרבעט אין דעם לאַזאַרעט, וואָס איז געשטאַנען אין אַן עק פון דער שטאָט. (צווישן די פופציק בין איך אויך אויסגעקליבן געוואָרן.)

דער לאַזאַרעט האָט פאַרנומען זייער אַ גרויסן שטח און איז באַשטאַנען פון גרויסע באַראַקן, וואָס אין זיי איז אַריין אַן אַ שיעור בעטן.

ווען די פופציק יידן זענען דורכגעגאַנגען אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג, האָט מען זיי באַפרייט פון טראָגן די בלויע מגן־דוד לענטעס און אַרויסגעגעבן אַרבעט־ביכלעך, אין וועלכע ס'איז געווען אָנגעוויזן, אַז זיי זענען יידן.

מיר האָבן געאַרבעט שווער, אָבער ביי נישט שלעכטע באַדינגונגען — אונדזערע צעוויטיקטע הערצער זענען ממש געוואָרן אָנגעפילט מיט פרייד, זעענדיק ווי מען ברענגט צופירן אַן אויפהער פאַרוווּנדעטע דייטשישע זעלנער פון פראָנט, וואָס אַ טייל פון זיי זענען באַלד אויסגעשטאָרבן.

איינמאָל האָט פּאַסירט מיט מיר אַזאַ פאַל: וועלנדיק באַזוכן מיין היים אינעם געטאָ, האָב איך געבעטן ביים הויפּט־דאָקטאָר פונעם לאַזאַרעט, מיך צו באַפרייען אויף עטלעכע טעג, און פון אים באַקומען די געוווּנשטע באַשייניגונג. איך בין געגאַנגען אָן דער לענטע אויפן אַרבל און פאַר קיינעם נישט קיין מורא געהאַט. איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג, גייענדיק ווי תמיד אין מיין גאַס אָן דער לענטע, האָב איך פּלוצעם באַמערקט ווי דער זאָנדער־דינסט ס.ס.־מאַן, גייט מיר נאָך. איך האָב אפילו אויף דעם נישט געלייגט קיין אַכט און בין אַריין צו מיר אין הויז. ווען איך בין שוין געשטאַנען אין שטוב, האָב איך דערזען ווי דער זאָנדער־דינסט שטייט נעבן מיר. ער האָט מיך בייז אָנגעקוקט און געפרעגט פאַרוואָס איך טראָג נישט די לענטע. איך האָב אים דערלאַנגט די באַשייניגונג פון הויפּט־דאָקטאָר פונעם לאַזאַרעט. דער זאָנדער־דינסט־מאַן האָט די באַשיינונגען נישט געוואָלט נעמען אויסרופנדיק: „שייסע!"

אַז איך האָב אים נאָכאַמאָל דערמאָנט אַז די באַשיינונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון הויפּט־דאָקטאָר פונעם לאַזאַרעט, האָט ער אַלץ נישט אויפגעהערט צו שרייען: „שייסע! שייסע!". דאַביי האָט ער ווילד אַרויסגעכאַפּט זיין באַגנעט פונעם שיידל (קיין הייס געווער האָט ער מיט זיך נישט געטראָגן) און געדראָט מיך צו שטעכן, אויב איך וועל נישט מיט אים מיטגיין. אַז איך האָב מיך נישט גערירט פונעם אָרט, האָט ער געוואָלט אויף מיר אַרויפשפּרונגען מיט זיין באַגנעט אין האַנט. איך האָב זיך אָנגעהאַלטן ביים לאַנגען טיש אין מיטן שטוב און אים נישט צוגעלאָזט צו מיר. ער איז אַריין אין אַ ווילדן כעס און גענומען מיר נאָכיאָגן אַרום דעם טיש. מיר האָבן זיך אַזוי געיאָגט עטלעכע מינוטן, ביז ס'איז אים געלונגען מיר צו געבן אַ קלאַפּ מיטן באַגנעט איבערן קאָרק. פילנדיק שטאַרק די ווייטיק האָב איך אַ כאַפּ געטון אַ בענקל און מיטן גאַנצן כוח אים דערלאַנגט איבערן קאָפּ. איך בין

אַנטלאָפן אין דרויסן און געזען ווי מיין מוטער שטייט אַ ציטערדיקע מיט פאַרבראָכענע הענט.

איך בין אַריינגעלאָפן צו עמיצן אין שטוב. ערשט דאָרט האָב איך באַנומען וואָס איך האָב אָפּגעטון מיטן כאַפּן זיך צו שלאָגן אַ זאָנדער־דינסט־מאַן. ווי אַלע מאָל אין אַן עת־צרה בין איך געגאַנגען צו צילאָוון און אים דערציילט דעם נאַר־וואָס געשעענעם עפּיזאָד צילאָוו האָט צוגעזאָגט, דעם ענין אויסצופאָרשן.

צוריקקומענדיק אינעם לאַזאַרעט, האָב איך זיך גלייך געמאָלדן צום הויפּט־דאָקטאָר און אים דערציילט וועגן דער גאַנצער פּאַסירונג מיטן זאָנ־דער־דינסטמאַן. דער הויפּט־דאָקטאָר איז געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט, מסתמא נישט אַזוי דערפאַר וואָס דער זאָנדער־דינסטמאַן האָט מיך געוואָלט שעכטן, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער באַשייני־קונג און זי באַצייכנט ווי „שייסע". דער הויפּט־דאָקטאָר האָט נישט גערוט און געפּאָדערט אַן אויספאָרשונג.

דערווייל האָט עמיצער צווישן געגעבן דעם זאָנדער־דינסטמאַן, אַז סיי צילאָוו און סיי דער הויפּט־דאָקטאָר גרייטן זיך רופן אים אויף אַ פאַרהער. האָט ער זיך געמאַכט קראַנק און מ'האָט אים גענומען אין לאַזאַרעט אַריין. אַז דער הויפּט־דאָקטאָר האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, איז ער אַליין געגאַנ־גען אים אונטערזוכן און אויסגעפונען, אַז ער איז גאָרנישט קראַנק און צוליב דעם באַזייטיקט געוואָרן פון דער זאָנדער־דינסט.

* * *

שטייענדיק אין אַ זוניקן טאָג נעבן אַ באַראַק פונעם לאַזאַרעט, וואָס פון דעם אָרט האָט דאָס אויג דערגרייכט צום וואָקזאַל, האָב איך געזען ווי מען פירט די סאָקאָלאָווער יידן צו דער באַן. מיינע חברים זענען אַרויסגע־קומען קוקן און ערשט איצט האָבן מיר פאַרשטאַנען וואָס די נעכטיקע שיסע־ריי האָט באַדייט.

מיר האָבן נאָכגעקוקט די צעפּייניקטע און אויסגעמאַטערטע וועלכע זענען געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אונטער אַ שטרענגע, אָבער נישט צאָלרייכע וואַך. באַלד זענען מיר צוריק אַריינגעטריבן געוואָרן אין די באַ־ראַקן און מער האָבן מיר שוין גאָרנישט געזען.

מיט אַ צייט שפּעטער איז פון טרעבלינקע אָנגעקומען אַן ס.ס.־מאַן פון אַ העכערער ראַנגע און באַפוילן אַז אַלע מוזן פונעם לאַזאַרעט זיך איינ־דרויסן אויסשטעלן אין דער ריי: מענער רעכטס און פרויען — לינקס. ווען מיר זענען שוין געשטאַנען אַזוי אויסגעשטעלט האָבן מיר געהערט, ווי כמעט יעדער פון אונדזערע מייסטערס האָט נישט געהאַט קיין חשק אַרויסצוגעבן

ווינע אַרבעטנדיקע. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דער טרעבלינקער ס.ס.־מאַן האָט אויסגעקליבן 17 יידן.

באַלד זענען צוריקגעקומען פיר פּערזאָן און אונדז דערציילט עפּעס שוידערלעכעס. מיט זעקס וואָכן שפּעטער איז הער זעלבער ס.ס.־מאַן ווידער געקומען און געפאָדערט 25 פּערזאָן. דאָס מאָל האָט ער שוין געהאַט אַ פאַרטיקע ליסטע מיט נעמען, דער עיקר מיידלעך. איך בין דאָס־מאָל אויך געבליבן אויפן פּלאַץ.

ווען מיר, די איבערגעבליבענע האָבן דאָס צוגעזען, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז אויך אונדזער ריי פון ווערן צוגענומען קיין טרעבלינקע וועט אינגיכן קומען, און מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן אַ וועג ווי צו אַנטלויפן.

און ס׳האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט ווי איך מיט נאָך פינף יידן, צווישן זיי אַ מיידל, איז געלונגען פון דאָרט צו אַנטלויפן. מיר זענען אַריינגעלאָפן אין סאָקאָלאָווער געטאָ. דאָרט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז נאָך דער ליקווידאַציע פון די אָרטיקע יידן זענען הונדערט און פופציק פון זיי געלונגען זיך צו פאַרשטעקן אין בונקערס. ווי נאָר מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן אַ קאָנטאַקט מיט די באַהאַלטענע יידן, האָט מען אונדז געכאַפּט און אָפּגעפירט אין דער קאָמענדאַנטור, וואָס האָט זיך געפונען אין הויף פון נחום לעווין. פירנדיק אונדז האָב איך דערוויל אַריינגעכאַפּט שטאַרקע קלעפּ. מען האָט אונדז אַריינגעלאָזט אין אַ האַלב פינצטערן מאַגאַזין, וואָס אויף איין וואַנט איז געווען אַ פאַרמאַכט פענצטערל. מיר האָבן דאָרט געטראָפן נאָך יידן, וועלכע זענען ערשט נישט לאַנג געכאַפּט געוואָרן. אינדרויסן ביים פענצטערל איז געלעגן אויסגעצויגן דער טויטער קערפּער פון עליע פענציק. דאָס האָבן אים די דייטשן דאָ אַוועקגעלייגט, כדי אָפּצושרעקן די אַנדערע יידן צו אַנטלויפן. עליע פענציק איז דערשאָסן געוואָרן נאַכדעם, ווען ער איז צוריקגעקומען אין לאַזאַרעט נאָכן אַראָפּשפּרינגען פון וואַגאָן, בעת ער איז געפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

זעענדיק אַז מיר וועלן דאָ אומקומען, אָדער ווערן אָפּגעשיקט אין אַ פאַרניכטונגס לאַגער, האָבן מיר, די פינף מענער און דאָס קאַלישער מיידל, ווידער געזוכט אַ געלעגנהייט פון דאַנען צו אַנטלויפן. און באַלד איז אַזאַ געלעגנהייט אונטערגעקומען. צוליב דעם וואָס עמעצער פון די סאָקאָלאָווער גויים האָט גענומען באַגנב׳ענען אַ שאַפע מיט סחורות, וואָס האָט זיך געפינען אין זעלבן הויז. דער באַוואָפנטער וועכטער האָט דעם גנב געכאַפּט, זיך מיט אים געאַמפּערט, און היות ווי מיר האָבן געזען ווי דער וועכטער איז שטאַרק פאַרנומען מיט דעם גנב, האָבן מיר אויסגענוצט דעם מאָמענט און אַרויפּדראַפּנדיק זיך גיך אויפן פענצטערל, זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ברוק אינדרויסן. מיר און די פיר חברים איז געלונגען צו אַנטלויפן, אָבער דאָס קאַלישער מיידל האָט ביים אַראָפּלאָזן זיך אויפן ברוק פאַרטשעפּעט אין אַ דראָט, ראַנגלנדיק זיך מיט דער דראָט, האָט עס דער וועכטער באַמערקט; עס האָט אָפּגע־

הילכט אַ שאָס און דאָס מיידל איז געוואָרן פאַרוואונדעט אין האַנט און אין אַקסל. זי איז געבליבן הענגען אויף דער דראָט און געגומען שרייען. דער וועכטער האָט זי אַראָפּגעשלעפּט פון דראָט און זי צוריק אַריינגעוואָרפן אינעם מאַגאַזין.

מיר, די גרופּע פינף, זענען געלאָפן אין דער פינצטערער נאַכט איבער פעלדער — קיין ריפּקי. מיר זענען צוגעקומען צום באַקאַנטן פּריצישן הויף און דאָרט באַגעגנט יידן, וועלכע האָבן דאָרט געאַרבעט. מיר האָבן איבערגעגעכטיקט און ווייטער געגאַנגען איבער די פעלדער.

אין אַ צייט אַרום האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז נאָכדעם ווי מיר זענען אַוועקגעגאַנגען פון פּריצישן הויף, זענען אַהין אָנגעקומען אַ גרופּע זשאַנדאַרמען און געפרעגט די אָנוועזנדיקע יידן, אויב מיר זענען דאָרט נישט געווען. איינער פון זיי, שלאָפּמיצ׳ס אַ ברודער, האָט געענטפערט אַז יאָ. אויף זייער פראַגע וווהין מיר זענען געגאַנגען, האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט. זיי האָבן אים אַוועקגעשטעלט אויפן פּלאַץ און דערשאָסן.

מיר זענען געגאַנגען קיין קורטשעוו. די זשאַנדאַרמען זענען אונדז נאָכגעפאָרן, אָבער אונדז נישט באַגעגנט. די זשאַנדאַרמען זענען אָנגעקומען קיין קורטשעוו פריער פאַר אונדז און געפרעגטביים לאַגער פּירער צו מיר געפונען זיך דאָ. ער האָט זיי געענטפערט, אַז מיר זענען דאָ נישט געווען. האָבן די זשאַנדאַרמען באַפוילן, אַז ווי נאָר מיר וועלן דאָ אָנקומען, זאָל מען זיי באַלד וועגן דעם צעוויסן געבן.

ווי נאָר מיר האָבן זיך באַוויזן פאַר דעם יידישן לאַגער פּירער (מאַקס ראָזענבערג) האָט ער אונדז דערציילט וואָס די זשאַנדאַרמען האָבן אים באַפוילן און אונדז געהייסן שוין אַוועקגיין פון דעם אָרט, אַזוי ווי ער וואָלט אונדז איינגאַנצן נישט געזען. מיר האָבן נישט געהאַט בדעה זיך דאָ אָפּצושטעלן, אָבער וווהין גייט מען? האָט דער לאַגער פּירער אונדז געראָטן, אַז מיר זאָלן גיין אויף יענער זייט פון טייך בוג, וואָס געהערט שוין צו רייכס־דייטשלאַנד. ער האָט אונדז אויך געהייסן זיך ווענדן נאָך הילף צו זיינע קוזינען. מיר זענען אַוועק. מיט אונדז איז אויך מיטגעגאַנגען דאָס סאָקאָלאָווער מיידל לאה ראָזענבוים.

צוקומענדיק צו דער גרענעץ, זענען מיר אַריינגעקומען צו די פּויערים, וועלכע זענען געווען באַקאַנט מיט מאַקסן — מיר האָבן דאָרט אָפּגעאַרבעט אַ טאָג. דערנאָך האָט אַ פּויער אונדז אַריבערגעפירט די גרענעץ. מיר האָבן זיך געווענדעט צו מאַקס קוזינען און זיי דערציילט וואָס מיט די יידן האָט פּאַסירט בכלל, און מיט אונדז — בפרט. די מענטשן פון דעם אָרט האָבן געשטוינט פון אונדזערע רייד און גאָר נישט געוואָלט גלויבן וואָס מען טוט מיט יידן אויפן „פּוילישן געביט".

איינמאָל איז געקומען אַ יידיש מיידל, וועלכע האָט געאַרבעט אין דער זשאַנדאַרמעריע און דערציילט, אַז זי האָט געהערט ווי דער עלטסטער האָט

געזאָגט צום פּרעזעס פון יודנראַט אַז, ער זאָל אים צושטעלן פינף הונדערט פערד און וועגענער. לויט די דאָזיקע רייד — האָט זי דערקלערט — זעט זי אַ גרויסע צוגרייטונגס־אַקציע פון סעמיאַטיטשער געטאָ. נאָר די דאָרטיקע געטאָ יידן, וועלכע האָבן נאָך נישט געהאַט אַזוי פיל געליטן (דאָס האָט מען געקאָנט מערקן לויט די הוליאַקעס אין אַ היפשן טייל יידישע הייזער) האָבן נישט געוואָלט גלייבן, אַז אַזאַ אַקציע וועט פאַר זיי קומען.

פונדעסטוועגן האָבן זיך דאָרט פאַרט געפונען מענטשן, וואָס האָבן נישט גרינגגעשעצט דעם מיידלס אָנזאָג און געטראַכט ווי אַזוי צו האַנדלען בעת אַזאַ אַקציע. האָבן מענטשן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט איבער־געשניטן אַ שטיק מיט דראָט אַרומגעצוימטן פּאַרקן, כדי פאַרלייכטערן דאָס אַנטלויפן, אויב אַזאַ אַקציע וועט טאַקע פאָרקומען.

איך געדענק נישט צו דער פּרעזעס פונעם סעמיאַטיטשער יודנראַט האָט טאַקע צוגעשטעלט (און צו ער איז בכלל געווען ביכולת עס צו טון) די פון זיי אויפגעפאָדערטע פונף הונדערט פערד און וועגענער, אָבער אַז די געטאָ איז אין אַ פאַרטאָג געוואָרן אַרומגערינגלט מיט דייטשישע טאַנקן — דאָס האָבן זיך באַלד איבערצייגט די נישט גלויביקע יידן אין דעם מיידלס רייד. באַלד האָט זיך געהערט אַזאַ מוראדיקע שיסעריי, אַז ס'האָט זיך גע־דאַכט, אַז די הייזער טרייסלען זיך. אין גרויס בהלה זענען מענטשן געלאָפן צום אַרומגעצוימטן פאַרקאַן, ווילענדיק אַנטלויפן אין דערנעבנדיקן וואַלד. לויפנדיק זענען מענטשן געפאַלן, מאַנכע זענען געבליבן הענגען דערשאָסענע אויפן דראָט פאַרן פאַרקן.

וויסנדיק פון דעם אָרט ווו די דראָטן זענען איבערגעשניטן, בין איך געלאָפן אַהינצו און טאַקע צוליב דעם געהאַט די מעגלעכקייט אריינצולויפן אין וואַלד, דורך דעם וועג האָבן זיך געראַטעוועט אַפאָר צענדליק יידן.

איך האָב מיך געהאַלטן מיט אַ גרופּע פון פיר יונגע מענער. מיר זענען געקראָכן טיף אינעם וואַלד און נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טון. דערווייל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ דריבנע, קאַלט רעגנדל — און אַזוי האָט עס אָנגע־האַלטן אַ גאַנצע וואָך. אונדזערע קליידער זענען פון דעם רעגן געוואָרן דורכ־געווייקט, אַזוי אַז מיר האָבן זיך געפילט אינגאַנצן צעבראָכן. אָבער גע־שטאַרקט פון אַן אומבאַשרייבלעכן לעבנס־פאַרלאַנג, האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון וואַלד און זוכן, פריער פאַר אַלעם, שפּייז ביי די פויערים.

גייענדיק אַזוי אין וואַלד האָבן מיר פּלוצעם דערזען שטיין אַ זייער נידריקע כאַטע. מיר זענען גלייך צוגעגאַנגען אויף דעם אָרט און געהערט עפּעס אַ שטיל געפּליסטער. מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין דעם שמאָלן טירל. זאָגנדיק אויף פּויליש „עפנט, מיר זענען יידן" און אַז מען האָט נישט גע־הערט קיין ענטפער, האָבן מיר דאָס זעלבע איבערגעחזערט אויף יידיש. דאָס טירל האָט זיך שנעל געעפנט און באַלד האָט העך געזען אַ גרופּע יידן, וועלכע זענען אויך אַנטלאָפן פון דעם באַשאָסענעם געטאָ.

אַזוי ווי די יידן האָבן אַליין נישט געהאַט וואָס צו עסן, זענען מיר פון זיי אַוועק און געזוכט אַ וועג וואָס פירט צו אַ דאָרף. ווילנדיק אַריבער־גייך אויף דער צווייטער זייט פונעם שאָסיי, איז פּלוצעם אָנגעפאָרן אַ באַ־וואָפנטער דייטש אויף אַ ראָווער. דערשראָקענע, זענען מיר צוריק אַריינגע־לאָפן אין וואַלד, און געהערט די שאָסן, וואָס דער דייטש האָט אונדז נאָכ־געשיקט. אָבער קיינעם פון אונדז נישט געטראָפן. אויפדערנאַכט זענען מיר ווידער אַריבערגעגאַנגען דעם שאָסיי און צוגעקומען אין אַ קליין דאָרף. מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין אַ פּאַרמאַכטן לאָדן פון אַ כאַטע.

— „ווער איז“? — האָט זיך געהערט אַ פּויערישע שטימע.

— „מיר זענען היימלאָזע און הונגעריקע יידן. מיר האָבן שוין נישט געגעסן עטלעכע מעת־לעת. דערבאַרעמט אייך איבער אונדז!“

— „גייט אַוועק פון דאַנען, אויב איר ווילט שוינען אייערע לעבנס“ — האָבן זיך שוין געהערט פון צוויי פּויערישע שטימען.

מיר זענען צו צו אַ צווייטע, דריטע און פערטע כאַטע — אָבער פון אומעטום באַקומען דעם זעלבן ענטפער, און היות ווי די הינט האָבן בילנדיק זיך געריסן אויף די קייטן, זענען מיר פון דאָרט אַוועק און צוריק געגאַנגען אין וואַלד אַריין. מיר זענען געבליבן זיצן אינעם וואַלד מוראַ־דיק פאַרצווייפלט.

אינדערפרי האָט אונדז דער הונגער ווידער געטריבן צו גיין זוכן שפּייז אין אַ צווייט דאָרף, אפילו ס׳זאָל מיט אונדז געשען דאָס ערגסטע. צוקומענדיק צום שאָסיי איז אַדורכגעגאַנגען אַ יונגער פּויער. איינער פון אונדז האָט אים אָפּגעשטעלט און דערציילט, וואָס מיר לעבן איבער. דער פּויער האָט אונדז אָנגעקוקט מיט רחמנותדיקע בליקן און געהייסן וואַרטן ביז ער וועט ברענגען עסן. כאָטש מיר האָבן געהאַט אַ חשד, אַז דער פּויער קאָן, שטאָט עסן, אונדז ברענגען דייטשן, האָבן מיר פונדעסטוועגן אויף אים געוואַרט. צו אונדזער שטוינונג איז דער פּויער טאַקע געקומען מיט אַ טאָרבע עסנוואַרג — אַ גרויס שוואַרץ ברויט מיט אַ פלאַש בראָנפן.

— „טרינקט דעם בראָנפן, ס׳וועט אייך דערוואַרימען“ — האָט דער פּויער דערלאַנגט דעם פלאַש איינעם פון אונדז.

נאָכן אויסטרינקען דעם בראָנפן, האָבן מיר דעם לאַבן ברויט ממש פאַרשלונגען. דער פּויער האָט אונדז לאַנג באַטראַכט מיט באַדויערן, זאָגנדיק:

— „קומט מיט מיר אין מיין שייער, וועל איך אייך אָנזעטיקן, און איר וועט אייך אַ ביסל אויסרוען!“

מיר זענען מיט אים מיטגעגאַנגען. דער פּויער האָט אונדז אַריינגעפירט אין זיין גרויסן שייער, וואָס איז געשטאַנען אויפן לידיקן פעלד, אַ ביסל ווייט פון זיין דאָרף. מיר זענען אַריין צווישן סנאָפּעס שטרוי און זיך דערוואַרעמט.

שפּעטער האָט דער פויער אַריינגעבראַכט אַ גרויסן טאָפּ געקעכטס, ברויט און נאָכאַמאָל בראָנפן. מיר האָבן אויפגעגעסן צו דער זעט און זיך אויסגערוט אַ גאַנצע נאַכט.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט דער פויער געעפנט דעם שייער זאָגנדיק:

— „איר וועט מוזן פון דאַנען אַוועקגיין, ווייסט איר דאָך, אַז איך טאָר איך נישט האַלטן".

מיר האָבן אים געדאַנקט און גלייך פון אים אַוועק. אָבער פאַרנאַכט זענען מיר ווידער צוריקגעקומען צו דעם שייער און שטילערהייט זיך דאָרט איינגעגראָבן. אַז דער פויער האָט צומאָרגנס געעפנט דעם שייער און אונדז געזען ליגן אויפן שטרוי, האָט ער שוין גענומען רעדן מיט אַ בייזן טאָן. איינער פון אונדז האָט אַרויסגענומען פון זיך וועסטל קעשענע זיין גאָלדענעם זייגער און אים דערלאַנגט. באַלד האָט אַ צווייטער אויסגעפּאַקט פּאַפּירן־געלט. דער פויער האָט צוגענומען דעם זייגער און דאָס געלט און איז אַוועק.

שפּעטער איז ער צוריקגעקומען מיט פאַרשידענע עסנוואַרגן און עס אונדז דערלאַנגט. ער האָט, זאָגט ער, אויסגעגעבן אונדזער גאַנץ געלט פאַר דעם עסן.

מיר זענען אין דעם שייער פאַרבליבן אויף נאָך עטלעכע טעג. אָבער אַוועקגייען פון דעם אָרט האָבן מיר געמוזט, מחמת מיר האָבן געזען אַז דאָס אָרט איז פאַר אונדז נישט געזיכערט און שטעלן אויך אין געפאַר דאָס לעבן פון דעם גוטן פויער און זיין פאַמיליע.

פון דעם טאָג אָן האָב איך זיך די גאַנצע צייט ביזן אָנקומען פון די רויטע אַרמיי געוואַלגערט אין די וועלדער און אין די פויערישע שייערן — זייענדיק נאָך איצט מיט פול חידוש, ווי אַזוי איך האָב דאָס אַלץ געקאָנט דורכלעבן און אויסהאַלטן.

עליע שטיינבערג
(פאַריז)

מיינע איבערלעבענישן אין די דייטשע קאַצעט־לאַגערן

די נישט געכאַפּטע יידן, וועלכע האָבן זיך נאָך געפונען אין פּאַריז, האָבן זיך מער אין דער עפנטלעכקייט נישט באַוויזן, יעדער ליגט באַהאַלטן אונטער דער ערד, און ווען עס געלינגט צו קומען אין דעם נישט באַזעצטן געביט, ראַנגלט זיך אויך ווייטער מיטן גורל.

איך קום קיין ליאָן אין דער פרייער זאָנע, אין זומער 1943 ווערט אויך ליאָן באַזעצט פון אָקופּאַנט. און ווייטער גייט אָן דער געראַנגל פאַרן לעבן. אין נאָוועמבער 1943 ווער איך געכאַפּט דורך דער געסטאַפּאָ, וואָס טוט כסדר איר טויט־מלאכה.

דינסטיק, דעם 22־טן נאָוועמבער בין איך צוזאמען מיט אַ גרעסערער גרופּע יידן געבראַכט געוואָרן קיין דראַנסי. מיר ווערן געציילט און קאָנטראָלירט דורך די יידישע פּאָליציי־געהילפן, וואָס נעמען אַוועק גלייך איין טייל פון אונדזער גרופּע צו דעפּאָרטירן אויפן קומענדיקן פרימאָרגן. איך בין צווישן די, וואָס בלייבן צייטווייליק. נאָכן אדורכגיין אלע קאָנטראָלן, ווערן מיר אריינגעפירט אין אַ גרויסן צימער, ווו עס געפינען זיך אויך געכאַפּטע יידן פון פאַרשידענע טיילן אין פראַנקרייך. דאָ בין איך פאַרבליבן 15 טעג און שפּעטער ווער איך ווי אלע פון דאָסניי אָפּגעשיקט מיט אַ גרעסערע גרופּע אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען אויף מזרח. דער צוג שלעפּט אונדז אין דער שפּעטער באַקאַנט־געוואָרענער ריכטונג.

מיר ליגן דערוויל אויף די שטרוי־זעק און וואַרטן. דער שעף פון דער אָפּטיילונג וועקט דורך פייפן, דער זייגער איז 4 פאַרטאָג. אין דרויסן איז נאָך גוט פינצטער. מיר גרייטן צו אונדזערע באַגאַזשן, וואָס מיר נעמען מיט זיך. די וויכטיקע וואַליזעס מיט זאַכן האָבן שוין די ס. ס. צוגענומען מיט 2 טעג פריער, און זיי האָבן פאַרזיכערט אַז מיר וועלן דאָס צוריק באַקומען אויפן באַשטימטן פּלאַץ. מיר געפינען זיך אין הויף פון באַרימטן דראַנסי, עס הערט זיך דער צווייטער פייף און מיר מאַרשירן, צוזאַמען זענען מיר 60 מענטשן אין אַ גרופּע — מענער, פרויען און קינדער, אלץ ווייגט.

די אויטאָבוסן וואַרטן שוין אויף אונדז. יעדער גרופּע ווערט אריינגעשטופּט אין איין אויטאָבוס, באַוואַכט דורך די פראַנצויזישע זשאַנדאַרמען אין פולער באַוואָפנונג, מיט אייזערנע קאַסקעס אויף די קעפּ. צו דעפּאָרטירן זענען אויך געבראַכט געוואָרן דאָס אַלטווארג פון די מושב זקנים הייזער.

ענדלעך קומט אונדזער רייע, מען פירט אונדז צו אַ באַן־ליניע. ווען מיר שטייגן אויס פון די אויטאָבוסן, זעען מיר אז מיר זענען אויף דער סטאַציע באַבעניע — א פאָרשטאָט נעבן פּאַריז.

דאָס אויסשטייגן איז אונטער אַ שטרענגער וואַך פון די באַוואָפנטע זשאַנדאַרמען. מיר ווערן נאָכאַמאָל געציילט: „60 שטיק". די דייטשע סאָלדאַטן נעמען אונדז איבער און פירן צו אַ וואַגאָן מיט אַן אויפשריפט: „פּאַר 8 פערד אָדער 40 מענטשן". די דייטשע וואַך פאַרמאַכט די שווערע אייזערנע טיר.

אין דרויסן ווערט טונקל, דער צוג רירט פון אָרט. מיר שטייען ביי די דורכזיכטיקע שפּאַרעס און ווילן זעען ווו מיר געפינען זיך. דער צוג לויפט פאַרביי נאַנזי־לע־סעק און בלייבט שטיין. ווען עס ווערט גוט פינצטער, הויבט דער פולער צוג אָן צו פאָרן מיט אַ שטאַרקע שנעלקייט. ווו ס'זעט אויס האָבן די דייטשן אונדז נישט געוואָלט פירן בייטאָג, כדי די פראַנצויזן זאָלן נישט זעען אונדזער טראַגעדיע.

דער שעף פון וואַגאָן (ווייס, א פראַנצויזישער ייד) צינדט אָן א נאַפט־לעמפּל, וואָס הענגט אין דער מיט פון וואַגאָן און מיר נעמען זיך איינאָרדענען די געלעגערס. אזוי ווי ס'איז נישט מעגלעך אז אלע זאָלן ליגן, טוישט מען זיך.

אן אראַבישער ייד, וואָס איז מיט אונדז, וויל ארויס פון וואַגאָן, ער אַמ־פּערט זיך מיט די קראַטן פון פענצטערל וואָס געפונען זיך אין דרויסן פון וואַגאָן. די דריי דורך די דייטשן אָפּגעקליבענע אויפזעער (יידן) געוואָלדעווען אַז אַלע יידן וועלן ווערן דערשאָסן. עס טוט זיך חושך, אַלע 60 געפאַנגענע שטייען אויף די פיס, אַלץ שרייט, די פרויען און קינדער וויינען, דער שעף אַמפּערט זיך מיטן אַראַבישן ייד.

אין דרויסן ווערט שוין ליכטיק און ס'איז צו זעען אַז מיר געפינען זיך שוין אויף דער דייטשער טעריטאָריע. איצט האָט שוין קיין באַדייטונג אַרויסצושפּרינגען פון וואַגאָן.

די ערשטע נאַכט איז פאַריבער, אזוי זיצן מיר שוין 24 שעה אין פאַר־מאַכטן וואַגאָן. דאָס וואַסער פון די עמערס איז שוין אויסגעגאַנגען, און איצט נוצט מען זיי פאַר די באַדערפענישן. מענער און פרויען דערליידיקן זייער געברויך; די עמערס גייען איבער און מיר. 60 לעבעדיקע באַשעפענישן, שטיקן זיך אין דעם פערד־וואַגאָן.

עס הויבט ווידער אָן טונקל ווערן, וווהין מען פירט אונדז, ווייסן מיר נישט. אלע זענען פאַרביטערט און ווייטער גרייט מען די געלעגערס פאַרטיעס־וויז, אָבער ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ, אַלץ איז פאַרגאָסן. די עמערס זענען פול. די אַלטע, וואָס פאָרן מיט אונדז, מאַכן אונטער זיך, ווו זיי שטייען אָדער ליגן. די צווייטע נאַכט איז פיל ערגער ווי די ערשטע. דער צוג לויפט, און קיין פּלאַץ ווו זיך צו לייגן איז מער נישטאָ. מיר האָבן געמאַכט פּלאַץ פאַר די פרויען, קינדער און אַלטע, וואָס קאָנען נישט שטיין. אַלע שטייען מיר אַ גאַנצע נאַכט אויף די פיס און דער טאָג קוקט ווידער אַריין אין אונדזער פאַרשטינקע־נעם וואַגאָן, ווו מיר זענען פאַרמאַכט ווי חיות. די פרויען און די קינדער וויי־נען; נישטאָ קיין וואַרימס פאַר די קינדער, נישט קיין ווינדעלעך — אלץ איז נאַס, קאַלט, אלע זענען איינגעשמירט פון שמוץ.

נאָך 48 שעה פאָרן, בלייבט דער צוג שטיין. אַ דייטש מאַכט אויף די טיר פון וואַגאָן: — „ארונטער מיט די עמערס״! — באַפעלט ער. ווייס טוט די אַרבעט נישט ווילנדיק. מיט אַ ביטערער מינע קומט ער צוריק אין וואַגאָן און דערציילט, אַז מיר פאָרן אין דער ריכטונג צו מזרח. די טיר ווערט ווידער פאַר־מאַכט.

דער צוג לויפט מיט דער גאַנצער שנעלקייט. מיר פאָרן פאַרביי דייט־טשע שטעט, מענטשן אין ציווילע קליידער זעט מען דורך די שפּאַרעס, די פרויען און קינדער ווייִנען כסדר. עס ווערט ווידער נאַכט, און ווידער לייגט מען זיך אויפן נאַסן באָדן פון וואַגאָן. אַזוי די דריטע נאַכט.

עס איז פרייטיק, דעם 10־טן דעצעמבער 1943. מיר שטייען און קוקן ארויס דורך די שפּאַרעס און זעען פאַרשנייטע פעלדער, אַלץ ארום איז ווייס. שוין פיר טעג זינט מיר זיצן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, נישט וויסנדיק, וו־ הין מען פירט אונדז.

דער צוג פאָרט לאַנגזאַמער און שטעלט זיך אָפּ. ס׳דערהערט זיך דאָס ווילדע ריטשען פון די ס.ס.־לייט: „ארונטער! שנעל ראוס, שנעל ראוס!״

מיר קריכן ארויס פון די וואַגאָנען. די ווייסקייט פון שניי שטעכט די אויגן. די געוואַלדן פון ס. ס. פאַרטויבן אונדז, מיר זענען צומישט. די נאַציס שפּרינגען ארום אונדז און הערן נישט אויף צו שרייען „לאוס, לאוס, שנעלער מאַכן!״

ווען אַלע זענען שוין אַרויס פון וואַגאָן מיט די פּעקלעך, הייסן זיי אַלץ אָפּלייגן אויף איין באַרג, אפילו די קינדער־פּלעשלעך. זיי שטעלן אונדז אויס אין צוויי רייען: מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער. אַלץ מוז ווערן שנעל געמאַכט, און כסדר גייט דאָס הינטישע ריטשן פון די טייוולאָנים. מיר שטייען שוין אין צוויי רייען. באַלד קומען 3 נאַציס אין מיליטערישע קליידער מיט פּיל אָפּצייכנונגען אויף זייערע לאַצן. איינער פון זיי סעלעקטירט — רעכטס, לינקס. ס׳דויערט אַ שטיקל צייט, דער אָפּקלייב איז געמאַכט.

מיר שטייען ווייטער, די אָפּגעקליבענע ווערן אריינגעשטופּט אין די צו־ געגרייטע לאַסט־אויטאָס וואָס פירן צום ערשטן אוועק די פרויען און קינדער און דערנאָך די מענער.

איצט קומט אונדזער ריי. מען שטופּט אונדז אריין אין די לאַסט־אוי־ טאָס און מען פירט אונדז אַוועק. עס געדויערט נישט לאַנג און מען הייסט אונדז אויסשטייגן. מיר זענען אין אַ לאַגער־הויז פון קראַנקע צווישן צוויי באַ־ ראַקן די קראַנקע זעען אונדז דורך די פענצטער, זיי שטעקן אַרויס אויסגע־ דאַרטע קעפּ. מיר זעען געגנוי דריי רייען פּריטשעס (בעטן) איינע איבער די אַנדערע.

מיר שטייען אין אַ ריי. באַלד קומט צו אונדז אַן ס.ס.־מאַן און גרילצט ווי אַ טיגער: „אויסטון און שטיין בלייבן״. ער הערט נישט אויף צו שרייען: „אויסטון און שטיין בלייבן נאַקעט״! אין דרויסן איז שרעקלעך קאַלט, דער שניי

דערגייט ביז צו די קני, מיר הויבן אָן זיך אויסטאָן, עס איז אָבער פאר זיי נישט גענוג שנעל, און ס'פאַלן באַלד שטעקנס איבער אונדזערע קעפּ.

מיר זענען אָנגעקומען 10 אינדערפרי און דער זייגער איז שוין דריי נאָכמיטאָג. מיר שטייען. פאַרנאכט פירט מען אונדז אַריין אין אַ וואַש־רום. אָן ס. ס.־מאַן פאָדערט אַלץ אָפּצוגעבן, וואָס מען האָט געבראַכט מיט זיך: ווען וועט ס'ווערט עפּעס אויסבאַהאַלטן, ווערט באַלד דערשאָסן. מיר הערן אויס זיינע רייד און טוען אויס די זייגערלעך א. א. און צעטרעטן אַלץ אומבאַמערקט.

מיד און רעזיגנירט וואַרטן מיר, וואָס וועט ווייטער פּאַסירן. ענדלעך קומען אַריין צוויי מענער אין ווייסע כאַלאַטן: אַ געוועזענער פראַנצויזישער פּראָפעסאָר און אַ פּוילישער ייד. דער ערשטער רעדט צו אונדז אין פראַנצויזיש און דער אַנדערער — אין יידיש, דאָס פאָלגנדיקע:

„ווי איר זעט, זענט איר אָנגעקומען קיין אויסשוויץ־מאַנעוויץ. איר זענט אין אַרבעטס־לאַגער באַנאַ. דאָ איז אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פון דאָ קומט מען נישט אַרויס. אייערע קינדער און פרויען, וואָס זענען מיט אייך געקומען, זענען אוועקגעפירט געוואָרן אין גאַז־גאַמער, ווו מען האָט זיי דאָרט פאַרגאַזט און דערנאָך פאַרברענט, די אַלע וואָס זענען געווען סאָרטירט אויף לינקס זענען געווען צו פאַרניכטן. איר זענט אין אַ אַרבעטס־לאַגער, דאָ אַרבעט מען שווער, טראַכט נישט פון אייערע פרויען און קינדער, טוט זיך אויס פון אייער פריוואַטן לעבן, קלערט נישט פון דעם געוועזענעם, אויב איר ווילט לעבן,

דאָס זעלבע האָט זיך איבערחזרט ביים אָנקומען פון יעדן נייעם טראַנספּאָרט.

מיר זענען ווי פאַרגליווערט, מיר קוקן זיך אָן, דאָס בלוט בלייבט שטיין אין די אָדערן. מיר זינקען פאַר פּיין: שוין זענען אונדזערע טייערע טויט. אַזוי שמועסן מיר שטייענדיק נאַקעט אין וואַש־רום. מיר זענען אַהער געקומען 1250 נפשות, און אין וואַש־רום זענען מיר נאָר 180, זיי האָבן צוגענומען 1070 מענטשן צו פאַרניכטן. אונדזער ווייטיק איז גרויס, ביז משוגעת.

נאָך דער דערמאָנטער דרשה, וואָס זאָגט נישט אָן קיין גוטעס וועגן דעם נייעם אָרט ווו מיר געפינען זיך איצט, זענען געקומען אייניקע פריזירער. אַלע מוזן מיר ווערן געשוירן און ראַזירט, ווו נאָר אַ האָר איז פאַראַן. אַלע 180 וואַרטן. אַזוי שטייען מיר שעה'ן ביז אַלע זענען פאַרטיק. איצט ווערט יעדער דעזינפיצירט, איינגעשמירט מיט אַ שאַרפע פליסיקייט אויף די דעליקאַטע ערטער און אַוועקגעפירט אין באָד. פון 10 אין דער פרי שטייען מיר שוין אויף די פיס און פון 2 נאָכמיטאָג — נאַקעט, צעבראָכן פון אונדזער רייזע. איצט זענען מיר אין באָד. דאָס אָרט איז נישט גענוג פאַר קיין 180 נפשות. די ס. ס.־לייט שטופּן מיט די שטיוול אונדזערע נאַקעטע קערפּעס ביז אַלע זענען אַריין צוזאַמענגעקוועטשט. דאָ וואַרטן מיר ווייטער אויף וואַסער, און אפשר קומט גאַז, ווער ווייסט? עס הערן זיך דערשלאָגענע אויסרופן: אַלץ איינס, סיי ווי זענען מיר פאַרלוירן.

עס קומט אַ שרעקלעך הייסער שטראָם וואסער איבער אונדזערע קעפּ, מען גיסט אונדז אָפּ מיט די הייסע וואסער און גלייך טרייבט מען אונדז ארויס אויפן פּראָסטיקן דרויסן נאַקעט. איצט פירט מען אונדז אין אַ צווייטן בלאָק, ווו מיר באַקומען מלבושים.

מיר קומען אין באַקליידונגס־מאגאזין. דאָ באַקומען מיר אַ העמד און אונטערהויזן, און אין אַ צווייטן בלאָק — הויזן, אַ מאַרינארקע אין פּאסן, אַ היטעלע און אַ פּאָר העגטשקעס — אַלץ אין פּאַסן. מיר זעען אויס ווו די משו־געים און דערקענען זיך נישט.

דער לאַגער־עלטסטער, אָנגעטון אין געפּאַסטע הויזן מיט גלאַנציקע



אַ דייטשער קאָנצענטראַציע־לאַגער

שטיוול, אַ שוואַרצן ראָק מיט אַ גרינעם ווינקל (אַן אַלטער פאַרברעכער) פירט אונדז אין די בלאָקן, גרילצנדיק: „איינס, צוויי, דריי, פיר גלייכע שריט, איר פאַרפלוכטע מויזער־געזיכטער, גלייכע שריט!". באַלד פאַלן שטעקנס איבער אונדזערע קעפּ און דאָס בלוט גיסט זיך שוין. פאַרמאַטערטע, אויסגעשעפּטע מוזן מיר מאַרשירן מיט מיליטערישע שריט.

די צוגעגרייטע בלאָקן זענען: 33, 31, 30. איך בין אין בלאָק 30. צו־זאַמען מיט מיר איז אויך דאָ ווייס, דער שעף פון וואַגאָן, מיט זיינע געהילפן פּיקאַרט און שטערן, מיין חבר מאָריס רעזניק, שוסטערמאַן מיט צוויי זיין

יוריסט (וואָס איך האָב אים געקענט פון פּאַריז), שיקאַרע, שלאָס (אַ הענ־דלער פון סען־אַנטואַן) מאַקס ווינט (אַ ייד פון ווין וואָס איז מיט מיר גע־קומען פון ניצע קיין דראַנסי) און נאָך פיל פראַנצויזישע יידן, וועמענס נע־מען איך קען נישט. אין בלאָק 30, ווו מיר זענען געקומען, איז דאָ אַ יידישער שטובן־עלטסטער, מאַקסים — פון דייטשלאַנד.

מיר ליגן שוין טיף אויסגעשעפּטע אויף שטרוי־זעק. דער שטובן עלטס־טער מאַקס מעלדעט, אַז היינט באַקומען מיר קיין פרעסן. מאָרגן וועלן מיר באַקומען ברויט און זופּ. שוין 4 טעג ווי מיר האָבן פאַרלאָזט דראַנסי און ביז היינט נאָך קיין עסן נישט באַקומען. אַזוי ליגנדיק, שלאָפן מיר איין. דאָס איז געווען די נאַכט פון פרייטיק אויף שבת, דעם 11־טן דעצעמבער, 1943.

טיף פאַרמאַטערט ליג איך און טראַכט פון טאָג, וואָס איז געווען אַזוי פיינלעך. דער זייגער איז 4 פאַרטאָג, איך הער ווו ערגעץ צעקלינגט זיך אַ גלאָק, וואָס וועקט צום אויפשטיין און גלייך צעשרייט זיך דער שטובן די־נער מאַקסים: „אויפשטיין! אויפשטיין! בעטן מאַכן! פענצטער אויפמאַכן!", זיין קול ווערט הינטישער פון מינוט צו מינוט און עס פאַלן קלעפּ. — „פאַרשטייסט דאָס נישט, דרעק־זאַק, דער גלאָק האָט שוין געקלונגען. אויפשטיין און בעטן בויען" און דערביי דראָט ער, אַז ווער עס וועט נישט מאַכן גוט דאָס בעט, וועט באַקומען 10 אויפן „אַזש" (אויפן הינטן), און טאַקע אין אָוונט באַקומען אַ סך די צוגעזאָגטע שטעקנס. דער פאַרמשפּעטער מוז זיך לייגן אויף אַ טאַבורעטקע מיטן הינטן אַרויף, און דער בלאָק־עלטסטער מיטן שטוב־היטער קלויבן אויס אַ געזונטן פּאָליאַק וואָס האָט ליב צו שלאָגן אַ „יודע". די קאַפּאָס שטייען אַרום, הער „שטובן־עלטסטער" (אָדער דער „שטובן־דינער") ציילט, און דער פּאָליאַק לאָזט אַראָפּ דעם שטעקן מיט דער גאַנצער קראַפט. אַלע אַרום לאַכן ווו דער קרבן וואַלגערט זיך פאַר ווייטיק. אויך איך בין געווען פון די קרבנות.

דער גלאָק קלינגט ווידער און די קאַפּאָס שרייען: „אַרבעט קאָמאַנדע אינטרעטן צום אַפּעל". אַזוי קלינגט דער גלאָק אויך צום אַפּמאַרש. דורך דעם גלאָק זאָגט מען אָן ווען אויפשטיין, ווען זיך צו לייגן, אָדער ווען מען הענגט עמעצן. דעמאָלט רופט מען אַלע העפטלינגען זיך צו זאַמלען כדי בייצוזיין די עקזעקוציע, אָדער צו אַנדערע פייניקונגען.

שבת באַקומען מיר ברויט מיט זופּ. מיר הויבן זיך אָן באַקענען מיט די לאַגערגעזעצן, לויטן איינזען פון די קאַפּאָס. אין אָוונט נאָכן אַפּעל, לייגן מיר זיך ווידער אויף די שטרוי־זעק און טראַכטן פון נעכטיקן טאָג. צו קיין אַרבעט האָט מען אונדז נאָך נישט גענומען.

זונטיק, דעם 12־ דעצעמבער, 1943 — אַפּרו־טאָג פאַר די העפטלינ־גען. נאָך יעדע 15 טעג אַרבעט באַקומען די העפטלינגען איין טאָג רו. דער אַפּעל קומט דעמאָלט פאַר איינמאָל אין טאָג — 12 פאַרמיטאָג (געווינלעך — 2 מאָל אין טאָג) ביז 12 מוז אַלץ זיין אין אָרדנונג. דאָס הייסט: זיין געשוירן, ראַזירט,

אדורכגעפירט דעם לייז־קאָנטראָל. פון 12 ביז 1 — דער אַפּעל; 3 ווערט פאַר־טיילט די זופּ. דערנאָך זענען די הפטלינגען פריי... צו ווערן געפייניקט.

אין אָוונט, צוריקקומענדיק פון אַפּעל, מעלדעט אונדז דער בלאָק־עלטסטער, אַז דער לאַגער עלטסטער קומט אונדז אָנקוקן צו אַלץ איז ביי אונדז אין אָרדנונג, דערביי זאָגט ער, אַז אַלץ מוז זיין אין בעסטער אָרדנונג, און יע־דער מוז זיין ביי זיין בעט.

עס דערנעטענערט זיך די שעה, מיר שטייען אלע ביי די בעטן, ווו מיר שלאָפן, יעדערער קאָנטראָלירט זיך, צו אַלץ איז ביי אים אין אָרדנונג.

צו דער באַשטימטער צייט קומט דער לאַגער־עלטסטער. עס דערהערט זיך א געשריי פון שטובן־עלצטן:

„אכטונג, מיצן אָפּ“! יעדער שטייט ביי זיין בעט ווו צוגעשמידט, דאָס בלוט אין די אויערן גליווערט, מיר רירן זיך נישט פון אָרט און באַוועגן נישט מיט קיין אבר, עס הערט זיך דאָס שווערע סאָפּן פון אַלע העפטלינגען, (200 אין אַ בלאָק), די הערצער קלאַפּן.

פאַר אונדזערע אויגן טראָגט זיך דורך אַ קאָלאָס מיט ווילד געשוי־רענע האָר, אַ פּנים רויט פון רציחה, ער גייט טריט ביי טריט און קריצט מיט די ציין. ער זוכט אַ קרבן, פרעגט פון צייט צו צייט ביי יעדן זיין געבוירן אָרט, דערביי זידלט ער „פּאַרדאַמטע יודן“ מויזנגעזיכטער, צו ווערט איר שוין וויסן ווו אזוי מען דאַרף זיך זויבער האַלטן? איך וועל אייך ווי די הינט הענגען. פון דאַנען קומט איר נישט אַרויס! אין אַ סאַנאַטאָריום זענט איר, איר שווייגן: קרעציקע פראַנצויזן! נעגער ראַסע! אַ קריג האָט איר געוואָלט?!“

אזוי גייט ער פּאַוואָליע מיט אַ רוט אין האַנט. אין בלאָק הערשט אַ טויטע שטילקייט, בלויז דער בלאָק־עלטסטער באַגלייט אים טריט נאָך טריט.

מיר אָטעמען שווער. יעצט גייט ער שוין אין דער דריטער רייע, ווו ער געפינט אַ קרבן, און שוין פאַלן קלעפּ. איינער איז נישט געווען ראַזירט. מיר זעען זיין ברוטאַלקייט און קוקן צו דעם קרבן, וואָס ליגט שוין אויף דער ערד באַגאָסן מיט בלוט, ער מוז זיך שנעל צוריקשטעלן, דאָס פּנים פון קרבן איז אָנגעלאָפן, פון דער נאָז גיסט זיך בלוט, איצט באַנוצט ער זיין רוט, ער שמייסט אים איבערן פּנים, די קולות פון קרבן זענען שרעקלעכע און ער ליגט שוין ווידער אויף דער ערד. איצט קאָפּעט ער אים מיט זיינע שטיוול אין בויך אריין און לאכט דערביי:

„די באַדאגליע, האָסט אונדז געוואָלט פאַראַטן, פּאַרדאַמטער איטאַליע־נער, אַרמיסטיציאַ האָט זיך דיר פאַרוואָלט?! (דער נישט ראַזירטער איז געווען אַן איטאַליענער ייד) אזוי זידלענדיק דעם איטאַליענער פאַרלאָזט ער דעם בלאָק. עס הערט זיך נאָכאַמאָל אַ געשריי פון בלאָק־עלטסטן: „אַכטונג!“ דער לאַגער־עלטסטער איז אַוועק. מיר אָטעמען לייכטער אָפּ.

אַזוי האָט אויסגעזען דער ערשטער וויזיט פון לאַגער־עלטסטן אין בלאָק 30, זונטיק, דעם 12־טן דעצעמבער. מיר באַקומען אונדזער פּאַרציע ברויט און

דעם ליטער זופּ. זעענדיק דאָס טרויעריקע ספּעקטאַקל, וואָס איז היינט אָוונט פאָרגעקומען אין בלאָק, פאַרשטייען מיר שוין די ריכטיקייט פון די רייד, בעת אונדזער אָנקומען אַהער, מיר הויבן אָן באַגרייפן, וואָס דאָ קומט פאָר. נישט איינער פון אונדז טראַכט זיך פאַרוואָס ער איז נישט אַוועק מיט זיין פרוי און קינדער.

דער גלאָק קלינגט ווידער. מיר לויפן אויפן אַפּעל־פּלאַץ. צוזאַמען מיט אונדז שטייען אַלע העפטלינגען פון מאַנעוויץ — 11000 מאַן. אַלע שטייען און ציטערן, נאָכן ציילן גייען מיר צוריק אין די בלאָקן. דאָרט מעלדעט אונדז דער שטובנדינער, אַז מאָרגן גייען מיר שוין אויף אַרבעט. עס הויבט זיך אָן פאַר אונדז די גאַנצע ביטערקייט.

מאָנטיק, דעם 13־טן דעצעמבער, פאַרטאָג, דער זייגער איז 3.30. מען וועקט אונדז. מאַקסים, אַליין אַ ידישער העפטלינג, איז נישט ווינציקער ברוטאַל ווי זיין באַלעבאָס, „אויפשטייקן!" גרילצט ער מיט דער גאַנצער ווילדקייט, שנעלער גייט דאָס נישט, קרוציפיקס!" און דערביי לאָזט ער זיין קניפּל איבער אונדזערע קעפּ. זיין דייטשע הינטיש ריטשען איז נישט אַנדערש ווי פון די פאַרשאָלטענע ס. ס. אויך ער ווילדעוועט אויף אונדזער טראַגעדיע.

מיר באַקומען די פאַרציעס ברויט מיט מאַרגארין, און באַלד יאָגט ער אונדז אַרויס פון בלאָק. אין דרויסן איז פינצטער. „איינטרעטן!" שרייט ער. מיר שטייען פאַרן בלאָק, צו 5 אין אַ ריי. דאָ קומט אַ קאַפּאָ, אויפן האַנט־באַנד אַ נומער 63, אַ העפטלינג ווי מיר אין פאַסן־קליידער מיט אַ רויטן ווינקל. אַ פּאָליאַק פון לובלינער ראַיאָן, (אַ רויטער ווינקל באַדייט אַ פּאָליטישער). ער ציילט שנעל אָפּ 40 שטיק. אין דרויסן הויבט אָן ליכטיק ווערן, דער קאַפּאָ מאַרשירט מיט אונדז ווי מיט רעקרוטן. נאָכן אַפּעל טרעטן מיר אריין אין ארבעטס־קאָמאַנדע. צוזאַמען מיט די 11000 העפטלינגע פון מאַנעוויץ מאַרשירן מיר צו דער אַרבעט אויפן ארבעט פעלד וואָס הייסט באַנאַ.

מיר מאַרשירן צום טויער וואָס פירט אויסער דעם לאַגער, דער קאַפּאָ גייט אין דער לינקער זייט פון דער ערשטער ריי און שרייט כסדר: — לינקס, לינקס, נאָזע הויך, אָפּגיין לינקס, לינקס. דער וועג צום טויער איז באַשטעלט מיט ס. ס.־לייט, באַוואָפנטע מיט מאַשין־געווער.

ווען מיר קומען פאַרן טויער הערט זיך ווידער: „לינקס, לינקס, נאָזע הויך, מיצן אָפּ!" דאָ גייען מיר ווי האָלץ־פיגורן מיט די היטלעך אין דער רעכטער האַנט און באַוועגן נישט מיטן קאָפּ. דער קאַפּאָ מעלדעט דאָ: קאָמאַנדאָ 63, העפטלינגען 40 שטיק. מיר זענען פאַרן טויער. אַ קאַפּעליע פון 12 מענער אין פאַסן־קליידער קלאַפּן כסדר מיט מוזיק־אינסטרומענטן אַ מיליטערישן מאַרש. פאַרטויבט צו ווערן.

אַזוי מאַרשירן אַדורך די אַלע פיגורן אין פאַסן פאַרן טויער פון גיהנום. דאָ שטייען אַלע לאַגער פירער, (דער שטורם־פירער, דער אַרבעט־פירער, דער ק. א. ב. פירער) און פיל ס.ס.־לייט מיט מאַשין־געווער, אַלע באַוואַכן די שוצ־

לאָזע אויסגעמאַטערטע העפטלינגען. די באַנדע מערדער טוען כסדר זייער טייוו־לאָנישע אַרבעט.

דער וועג פון לאַגער ביז באַנא (דאָס אַרבעטס־פּלאַץ) איז 4 קילאָמעטער. אויף יעדער 50 טריט שטייט אַן אויסגעבויטער אָבסערוואַציע־פּונקט פון 2 עטאַזש, ווו אַ באַוואָפנטער ס.ס.־מאַן אָבסערווירט דעם וועג בעת די העפטלינגען מאַרשירן אַרויס פון לאַגער, פאַרצוימט מיט עלעקטרישע דראָטן. ווי איז צו דעם, ווערלכער קאָן נישט מער מאַרשירן; דער ווערט גלייך אַרויסגעשלעפט פון דער ריי און געשטעלט אָן אַ זייט. אַזוי זאַמלט זיך אָן יעדן טאָג אַ גרעסערע צאָל. ווען אַלע קאָמאַנדעס האָבן אַרויסמאַרשירט פון לאַגער, נעמט מען צוזאַמען אַלע די וואָס האָבן דאָס מער נישט געקאָנט מיטמאַכן, צו קאָנטראָלירן אין דעם קראַנקן־הויז, ווער עס איז נאָך פעיק צו דער אַרבעט; ווער ס'איז שוין אויסגעשעפּט, איז זיין גורל אָפּגעמשפּט. אַזוי טויטן זיי יעדן טאָג. צוזאַמען מאַרשירן מיר מיט די העפטלינגען אויף באַנא. די וועגן, וואָס פירן צו דעם אַרבעטס־פּלאַץ, זענען באַדעקט מיט די פאַרשידענע פאַסן־פיגורן. אָבער אויך דאָ זענען מיר באַוואַכט מיט די ס.ס.־לייט און אַרומגעצוימט מיט עלעקטרישע דראָטן וואָס מאַכן נישט מעגלעך, זיך צו דערנענטערן צום אַרויסגאַנג פון אַרבעטס־פּלאַץ.

דער קאַפּאָ 63 ווייזט אונדז אָן אונדזער אַרבעט. מיר גראָבן פאַרפרוירענע ערד. דער פאַך־אַרבעטער, אַ פּאָליאַק מיטן נאָמען פראַנעק, ווייזט אונדז ווי אַזוי מיר דאַרפן אַרבעטן, דערביי זידלט ער אויך די „פאַרשיווע זשידעס".

די אַרבעט אונדזערע איז נישט קיין לייכטע: קלאַפּן מיט די פּיקעס אין דער געפרוירענער ערד וואָס וויל זיך נישט אונטערגעבן.

12 אַ זייגער הערט מען אַ סירענע וואָס זאָגט אָן מיטיק־צייט. מיר באַקומען עפּעס אַזעלכעס — נישט צום פאַרדייען. די ערשטע טעג איז דאָס עקלהאַפטיק, אַ ביסל שפּעטער עסן מיר שוין מיט אַ גוטן אַפּעטיט. די 45 מינוט פון מיטיק עסן איז אַריבער, און ווידער אַרבעטן מיר דאָס זעלבע.

דער טאָג פאַרענדיקט זיך ווען עס ווערט פינצטער. מיר גייען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע קאָמאַנדעס אין לאַגער. אונדזערע אַרבעטס־שעה'ן זענען פון זון־אויפגאַנג ביז זון אונטערגאַנג — פון טאָג ביז נאַכט — קיין זייגער קענען מיר נישט. ווייטער גייען מיר צוזאַמען אַלע 40, און דער קאַפּאָ 63 פירט זיין קאָמאַנדע. ווען מיר קומען ווידער נאָענט פאַרן טויער, הערט זיך די אויסגעשרייען פון קאַפּאָ, דאָס באַקאַנטע: „לינקס, לינקס, נאָזע הויך!" ווי האַלץ פיגורן שטייען מיר פאַרן טויטן־טויער. דער קאַפּאָ שרייט: „מיצן אָפּ, קאָמאַנדאָ 63, 40 העפטלינגען, לינקס, מיצן אָפּ!" און ווידער שלעפּט מען אַרויס די וואָס קענען ווייטער נישט גיין און מען שטעלט זיי אָן אַ זייט. יעדן מאָרגן, יעדן אָוונט איז מען נישט זיכער מיטן לעבן, מיט האַרצקלאַפּע־

ניש מאַרשירן מיר אַריין אין לאַגער. גלייך קומט פאַר דער אַפּעל. אַלע העפּ־טלינגען זענען שוין אויפן אַפּעל־פּלאַץ.

אויפן אַפּעל־פּלאַץ שטעלן מיר זיך צו צום בלאַק 30. דער בלאָק־עלטס־טער קוקט אונדז אָן מיט פאַראַכטונג און ציילט זיינע 200. זיינע הענט באַ־וועגן זיך שנעל, ער זשאַלעוועט נישט קיין פּעטש אָדער אַ קאַפּע אין בויך אַריין.

מיר שטייען צוזאַמען מיט אַלע 61 בלאָקן, וואָס ווערן געציילט פון די ס. ס.־קאָנטראָלערן. מיר שטייען אין לאַנגע רייען אויסגעשטעלט מיליטעריש. עס הערט זיך אַ ריטש פון לאַגער־עלטסטן: „מיצן אַפּ“, עס שפּאַצירט אַדורך דער באַריכט אָפּנעמער. אַלץ קומט פאַר פּינקטלעך. עס הערט זיך דער צווייטער באַפעל: „מיצן אויף“, די מוזיק קלאַפּט, און מיר מאַרשירן אין די בלאָקן אונטער דער קאָמאַנדע פון בלאָק־עלטסטן. פאַרן בלאָק פירן 2 פון בלאָק־עלטסטן באַשטימטע העפטלינגע ווידער דורך אַ קאָנטראָל. נאָכן קאָנטראָל לויפן זיך אַלע וואַשן, דערנאָך, לויט נומערן, — באַקומט יעדער דעם ליטער זופּ, און — אויפן שטרוי־זאַק. אַזוי פון 4 פרי ביז 9 אָוונט אָן אָפּרו. ווען מיר ליגן שוין אויף די שטרוי־זעק קומט פאַר אַ פיס־קאָנטראָל דורכן בלאָק־עלטסטן (מיט אַ גרינעם ווינקל). ער נעמט זיך צו הילף 2 געזונטע פּאָליאַקן, וואָס האָבן נישט פיינט צו שלאָגן יידן, באַקוקן די פיס פון די וואָס ליגן אין די פּריטשעס. וועמענס פיס ס׳זענען נישט זויבער, דער באַקומט מיטן גומענעם שטעקן און מוז לויפן נאַקעט און באָרוועס ווינטער זיך וואַשן די פיס. צוריקקומענדיק ווערט מען נאָכאַמאָל קאָנטראָלירט, און נאָכאַמאָל זענען די פיס איינגעטראָטן לויפנדיק אָן שיך, אַזוי פאַרווילן זיי זיך.

מיר אַרבעטן שווער. אין אָוונט לאָדן מיר אויס צעמענט פון די וואַגאָנען, מיר שלעפּן 50 קילאָדיקע זעק צעמענט. מיר האָבן צו גיין אַ 150 מעטער פון דעם וואַגאָן ביזן אָרט פון אָפּליגן דעם צעמענט. דער קאַפּאָ יאָגט, ער וויל מיט אַ כיוון אונדז פאַרמאַטערן. מיר לויפן מיט צעריסענע האָלץ־שיך און פאַלן כסדר. דער קאַפּאָ ווערט ווילד, די מידע אויסגעמאַטערטע קאָמאַנדע האָט קיין כוח נישט צו גיין, און ער טרייבט מען זאָל לויפן, ווער ס׳פאַלט מיטן זאַק צע־מענט, ווערט דער קאַפּאָ נאָך ווילדער און האַקט מיטן שטעקן. „אַלע פאַרשיווע זשידעס“! שרייט ער, דער פּוילישער לערער פון לובלין, דער קאַפּאָ אין לאַ־גער — און העלפט צו פאַרניכטן די יידן. „ווילן מאַכן געשעפטן, אָבער נישט אַרבעטן, איך וועל אייך שוין אויסלערנען אַרבעטן. איר זענט שולדיק אין קריג, צוליב אייך ליידן מיר פּאָליאַקן. איר פוילע זעק, פּאַסקודנע זשידעס!“

ווען עס ווערט טונקל, רוקן מיר זיך אַריין אין לאַגער. מיר זענען פון די לעצטע קאָמאַנדעס, דער פּוילישער קאַפּאָ רוקט זיך מיט אונדז אַריין אין לאַגער פון די לעצטע, און מיר, אויסגעמאַטערטע, מוזן נאָך לויפן 4 קילאָמעטער, אַ צעשלאָגענער, וואָס האָט אפילו נישט קיין כוח צו גיין, מוז לויפן, און פאַר־לירט דערביי אַ האָלץ שיך. דער ווילדער קאַפּאָ דערלויבט אים נישט אָנצוטון

דעם שיך, און ער מוז לויפן מיט איין שיך אין האַנט אין אַ קאַלטן דעצעמבער־טאָג.

אַזוי דערשלאָגן ליגנדיק אויפן שטרוי־זאַק, טראַכט גישט איינער, אַז ס׳איז אפשר גלייכער צו גיין צו די עלעקטרישע דראָטן, איידער אַזוי צו ווערן געפּייניקט.

אויף צומאָרגנס זענען מיר שוין מיט 2 ווינציקער,ביידע קרבנות זענען אין ק. א. ב. (קראַנקן שטוב) און פון דאָרט קומען ווינציק צוריק. היינט איז רו־טאָג. דער זייגער איז שוין 8, דער גלאָק קלינגט אויפצושטיין. פון 8 ביז 12 טוען מיר די אַרבעט פון די רו־טעג, און מיר טראַכטן פון דער זופּ, וואָס מיר וועלן היינט באַקומען, די פּאָרציע ברויט מיט מאַרגאַרין איז שוין לאַנג נישטאָ.

מען דערקלערט „בלאָקשפּערע״ — מיר טאָרן מער נישט אַרויס פון בלאָק. מיר זענען אַלע פאַרמאַכט און קאָנען ווערן אָפּגעמשפּט פאַרברענט צו ווערן. וואָס הייסט „בלאָקשפּערע״, ווייסן מיר שוין. מיר זענען אַלע דערשוואַקן און טראַכטן מער נישט פון דער זופּ, עס גייט שוין מער נישט אַריין אין האַלדז קיין עסן. מיר זיצן דערשלאָגענע. די טירן און די פענצטער באַוואַכט דורך די קאַפּאָס. דער בלאָק־עלטסטער באַפעלט אונדז, זיך אויסצוטון און זיך איינשטעלן נומערוויז, אַלץ מוז גיין שנעל. מיר זענען ווי פאַרגליווערט. די הערצער קלאַפּן נערוועז און שוין לעשט זיך אויס אונדזער יונג לעבן. 200 מענער שטייען נאַקעט מיט האַרץ קלאַפּעניש און וואַרטן אַדורכגיין דורכן מלאך־המות, ווער ווייסט וועמען ער וועט אין אויוון אַריינשיקן, ווער פון די, וואָס שטייען דאָ, וועט שוין מאָרגן נישט לעבן? אונדזערע נאַקעטע קערפּערס זענען געגרינצלט. עס הערט זיך אַ ריטש: „אַכטונג״! דער טייוול, אַ הויכער איןברילן אין אַ פעלץ מאַנטל, זיינע 2 באַגלייטער, איינער אַ ס. ס., דער צווייטער דער ק. א. ב. עלטסטער פון מאַנעוויץ. זיי דריי שיקן יעדן טאָג הונדערטער העפטלינגען אין קרעמאַטאָריע. 200 אויסגעדאַרטע קערפּערס, פאַרגליווערט פון פּיין, ציען זיך דורך פאַר דעם ס. ס.־אָפיציר און דעם ק. א. ב.־„סאַניטאַר״. דער וואָס מוז מאָרגן אומקומען, ווערט ביי אים זיין קאַרט צוגענומען. דער בלאָק־עלטסטער, וואָס האַלט די קאַרטן אין האַנט, גיט דאָס איבער דעם ס. ס. מאַן, דער ס. ס. גיט דאָס איבער דעם ק. א. ב.־עלטסטן, אַזוי קומט פאַר די פּראָצעדור. אין 45 מינוט זענען 34 לעבנס פאַר־משפּט צום אומקום. עס דערהערט זיך ווידער „אַכטונג!״ דער טייוול מיט זיינע 2 געהילפן זענען אַוועק.

מיר זענען אין בלאָק, און זעען שוין דעם מאָרגנדיקן טאָג מיט זיין גאַנצן גרויל. די אָפּגעמשפּטע ווייסן, אַז מאָרגן וועלן זיי אומקומען. מיר אַלע שטיקן זיך פון טרערן, קוקנדיק אויף זיי. דער יוגאָסלאַווישער ייד פון מיין קאָמאַנדע געזעגנט זיך מיט מיר, זיין נאָמען איז דויטשער, געבראַכט

פון איטאַליע אין ענדע 1943. דער צווייטער, וואָס שלאָפט אין בעט נעבן מיר, קאָנסטאַנטין, אַ יוריסט פון איטאַליע, אויך ער איז פאַרמשפט מאָרגן אומצו־קומען. ער וויינט.

פון מיין קאָמאַנדע 63 גייען אַוועק 6 מענטשן אין קרעמאַטאָריע.

ווידער אַ טאָג ווי אַלע טעג. מיר שטייען און אַרבעטן ביים אָנפילן ערד אין לאַרעס (וואַגאָנעטקעס) און מיר שטופן די לאַרעס אָנשטאָט מאַשי־נעס, די אַרבעט איז שווער. איך אַרבעט מיט דער לאָפּאַטע. די נעכטיקע סע־לעקציע לאָזט מיר נישט צורו.

דער קאַפּאָ רעדט צו אונדז וועגן דער נעכטיקער סעלעקציע ווי אַ זאַך, וואָס איז נאַטירלעך. די וואָס קאָנען נישט אַרבעטן, טאָרן נישט עסן, בפרט זשידעס. ער זאָגט אַז נעכטן זענען אַוועק 6 פון אונדזער קאָמאַנדע, מאָרגן קאָנען נאָך אַוועק אַנדערע 10. דאָס אַרט אים נישט, ער דינט טריי די ס. ס. און איז אַן איבערצייגטער אַנטיסעמיט; ער באַרעכטיקט די היטלער־מערדער, וואָס פאַרניכטן די יידן. ער באַרימט זיך מיט זיין ווילדקייט, ער האָט שוין אויך פיל גריכן און פראַנצויזן אין אויוון געשיקט. צום סוף פון טאָג זאָגט ער אונדז זיינע שטענדיקע זידלווערטער: „איר פאַרשיווע „זשידעס" וועט אַלע גיין אין קרעמאַטאָריע; איר וועט פון דאַנען קיין לעבעדיקע נישט אַרויס".
— אַזוי רעדט צו אונדז מיעטעק, דער קאַפּאָ פון דער קאָמאַנדע 63, דער גע־וועזענער פוילישער לערער.

ווי יעדן טאָג קלינגט ווייטער דער גלאָק אויפצושטיין און ווייטער דאָס טאָג טעגלעכע מיט דער גאַנצער בייזקייט. אין דרויסן איז שרעקלעך קאַלט, די ווינטן רייסן שטיקער. די אַרבעט, וואָס מיר מאַכן איז שטענדיק די זעלבע. מיר זענען אויסגעפרוירן און פאַרהונגערט, אויסגעמאַטערט און פאַרפייניקט. אַ גאַנצן טאָג פון 4 פאַרטאָג ביז 9 אָוונט, יאָגט מען אונדז. מיר זענען שוין געוואָרן פאַרוואַנדלט אין גייענדיקע האַלץ־פיגורן, וואָס טוען יעדער זאַך אָן פאַרשטאַנד, אָן געפיל, און יעדן טאָג דאָס זעלבע.

אין אָוונט קומען מיר אויפן אַפּעל־פּלאַץ אין די טויזנטער, איינגעריסט פון אויסלאָדן קוילן אָדער צעמענט; מענטשן מיט אויסגעלאָשענע אויגן, איינ־געהויקערט פון קעלט: מענטשן מיט געשוואָלענע פנימער, שוואַרץ ווי פון גומע אָנגעבלאָזן, גראָבע ליפּן מיט שוואַרצע רינגען אונטער די אויגן, פאַר־מיאָוסט און צעבראָכן, פון אַלע הערט זיך איין גרויסער קרעכץ: ווען וועט עס שוין נעמען אַ סוף...

* * *

אָנשטאָט אין אָוונט, מאַרשירן מיר היינט 2 אַ זייגער אין לאַגער אַריין, פאַר אונדז איז עס אַ נייעס, ווען מיר קומען אויפן אַפּעל־פּלאַץ, באַמערקט זיך אַז עפּעס קומט פאָר. מיר, די גרינע אין לאַגער, זענען איבערגעשראָקן. מיר שטעלן זיך אויס: 11000. מיר שטייען אויך נאָכן אַפּעל מיט אַנטבלויזטע

קעפּ און קוקן אין דער ריכטונג ווו די ס.ס. לייט געפינען זיך. עס קומען אָן סאָלדאַטן מיט מאַשין־געווער און קאַסקעס אויף די קעפּ.

עס רייסט זיך דורך אַ דונערדיקע שטים פון לאַגער־עלטסטן: „מיצן אָפּ" מיר שטייען ווי איינגעמויערטע און רירן זיך נישט פון אָרט, אונדזערע בליקן זענען אָנגעשטרענגט אין דער ריכטונג פון די ס.ס. לייט. באַלד לייענט מען אַ טויט־אורטייל: פאַרמשפּט צום טויט דורך הענגען פאַרן וועלן אַנטלויפן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. מיר הערן דעם פּסק־דין און שטרענגען אָן אונדזערע בליקן צו דער תליה, וואָס שטייט נעבן בלאָק 4. איינער אין פּאַסן קליידער שטייט אונטער דער תליה מיט די הענט געבונדן אויף הינטן, אַ צווייטער העפטלינג, אויך אין פּאַסן־קליידער, פאַרלייגט דעם פאַרמשפּטן די פּעטליע. ס'הערט זיך דער קלאַפּ פון דער דעק, אויף וועלכע דער פאַרמשפּטער איז געשטאַנען און דער געהאַנגענער וואַרפט זיך נאָך אַ פּאָר סעקונדן... די 11000, מוזן אַדורכמאַשירן און זעען דעם געהאַנגענעם. וואָס זעט איצט אויס ווי אַן אַראָפּהענגנדיקע, אָבגעבראָכענע צווייג.

אייניקע פון אונדזער בלאָק ליגן אין ק.א.ב (קראַנקענשטוב), און אויך איך בין שוין קראַנק. וויסנדיק פון דעם וואָס דאָ קומט פאָר, טראַכט איך וועגן מיין ריי, ווייל אַלע וואָס ליגן אין קראַנקן־הויז, זענען קאַנדידאַטן קיין אוישוויץ. אַזוי גייען פאַרביי טעג נאָך טעג און איך קעמפּ מיט זיך, ווייל נישט גיין אין קראַנקן־הויז, די היץ שטייגט און איך ברען ווי פייער, די שווע־רע אַרבעט לייגט מיך אַוועק. אין אָוונט ווען מיר קומען פון דער אַרבעט לויף איך דאָך אין ק.א.ב. — מער אויסהאַלטן קאָן איך נישט. ווען איך קום צו צום היץ־מעסטער, וויזט דער טערמאָמעטער 38.4. דאָס איז זאָגט ער, נישט גענוג צו ווערן אויפגענומען אין שפּיטאָל — מען מוז האָבן נישט ווינציקער ווי 39.5, ווען איך פאַרטיידיק זיך, קריג איך קלעפּ און ווער אַרויסגעוואָרפן. אויף צומאָרגנס מוז איך ווייטער גיין צו דער אַרבעט. איך שלעפּ זיך נאָך מיין קאָמאַנדע און פאַל ביי דער אַרבעט צוזאַמענגעבראָכן, דער קאַפּאָ איז נישט צופרידן; אויך מיך וויל ער שוין פירן אין קרעמאַטאָריע. איך ליג נעבן דער בודע, ווו מען נעמט דאָס געצייג צו דער אַרבעט. די מיטאָג־זופּ עס איך שוין נישט.

אויפן אַפּעל פירט מען מיך אַוועק אין קראַנקן־הויז. דער דאָקטאָר הייסט מיך אָוועקלייגן אויפן באָדן, ווו עס ליגן אַ סך ווי איך און וואַרטן אין דער ריי. יעדן אָוונט ברענגט מען פון דער אַרבעט געפרוירענע, צע־ריבענע און פאַרשמיסענע. דאָס צימער איז צו קליין אַריינצונעמען אַלע וואָס בעטן הילף. דער היץ־מעסטער גייט פון איינעם צום צווייטן, ביי מיר וויזט דער טערמאָמעטער 40.1. „מיין יונגע" — זאָגט ער — „מאָרגן וועסטו שוין זיין אין הימל"...

איך פאַרשטיי, אַז איך בין שוין אויך פאַרטיק. היינט איז שוין דער

72־טער טאָג זינט איך געפין זיך אין דעם גהינום. דער קאַפּאָ קלערט וויכ־ציק פון די וואָס ער מאָרדעט אויס! ער באַרימט זיך, אַז יעדע 3 חדשים שיקט ער אין קרעמאַטאָריע אַ קאָמאַנדע פון 40 אָדער 50 העפטלינגען.

איך בין ביי דעם פולן באַוווסטזיין, איצט בלייב איך שוין אין קראַנקן־הויז, פונוואַנען ס׳גייען ווינציק אַרויס. יעדן טאָג זענען פאַראַן פיל טויטע. די „מוזלמענער" (אויסגעשעפּטע) וואָס מען ברענגט אַהער, האַלטן נישט לאַנג אויס.

די קאַפּאָס לאָדענען אומגעקומענע צי פאַרברענען אין קרעמאַטאָריע

איך זע מיין היים, מיינע 4 ברידער און 2 שוועסטער, מיין אַלטע טאַטע־מאַמע, מיין גרויסע משפּחה. איך טראַכט צו ליידט נאָך וועך פון זיי, איך טראַכט פון מיין ברודער, וואָס איז דעם 16 יולי 1942 צוגענומען געוואָרן פון פּאַריז, לעבט נאָך וועך פון מיינע נאָענטע?

איצט איז מיין ריי, מיין ווייטיק איז גאָר שרעקלעך ווען איך טראַכט פון מיין טייערן זונעלע, ער איז נאָכנישט קיין 4 יאָר אַלט, צו וועט ער וויסן ווי אַזוי זיין טאַטע איז אומגעקומען? אָדער איז ער אויך שוין פון די ברוינע מערדער פאַרשלעפּט געוואָרן קיין אוישוויץ?

קורט, דער פלעגער פון קראַנקן־הויז, רייסט איבער מיין רעדן צו זיך. איך קוק אויף אים מיט ווילד ברענענדיקע אויגן. איך זאָג אים: „מיין

זונעלע איז נאָך קיין 4 יאָר אַלט און שוין מוז ער בלייבן אַ יתום. דער פלעגער הערט מיין רעדן און וויקלט מיך איין אין אַ נאַסע שמאַטע.

ווען איך וועק זיך אויף, איז שוין אין דרויסן גוט ליכטיק, איך זע דורך די פענצטער דעם דיקן שיכט שניי, און דעק זיך צו איבערן קאָפּ, נישט צו זעען דאָס וויסטע לעבן פון מיינע מיטברידער, וועלכע מאַרשירן אין טיפן שניי צו זייער געצוואונגענער שקלאַפן־אַרבעט. מיט שוידער דער־מאָן איך זיך אין מיין קאָמאַנדע. וויפל פאַרפייניקטע אָדער פאַרפרוירענע וועט מען היינט ברענגען צוריק פון דער אַרבעט.

היינט איז דער ערשטער טאָג, זינט איך געפין זיך אין קראַנקען־הויז. מיר איז גוט אין שמוציקן בעט, וואָס שטינקט מיט אייטער פון דעם לעצטן פאַרשטאָרבענעם. ס׳איז מיר וואַרעם, שוין 74 טעג זיך נישט אויסגעשלאָפן. יעדן טאָג זיך געמוזט אויפהויבן 4 פאַרטאָג און שטיין אויף די פיס ביז 9 אָוונט.

ס׳איז שוין אַ שטיק אויף טאָג, און איך ליג נאָך אין בעט. די היץ אין מיר ברענט. מיין שכן, אַ טשעכישער העפטלינג ליגט נעבן מיר און האַלט שוין ביים אויסשפייען די רעשט לונגען. ער איז שוין ביים פאַרענדיקן און גיט מיר זיין שוואַרצע קאַווע. אויך איך באַקום נישט קיין עסן, נאָר אַ ביסל שוואַרצע קאַווע.

מיין צווייטער שכן דערציילט מיר, אַז מיט צוויי טעג צוריק איז פאַר־געקומען אַ סעלעקציע אין ק.א.ב. מען האָט דעמאָלט אַרויסגענומען 100 מענטשן פירן אין קרעמאַטאָריע, די וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט נעמען, האָט מען געשלעפּט מיט כוח. שפּעטער האָט מען צוריקגעבראַכט זייערע מאַנטלען...

עס איז שוין דער צווייטער טאָג, זינט איך געפין זיך אין קראַנקען־הויז. דער דאָקטאָר, אַ ייד, באַטראַכט מיך פון אַלע זייטן און געפינט אַן אָנצינדונג אין דער לינקער זייט. ער באַרואיקט מיך, אַז קיין וואַסער האָב איך נישט, און זאָגט מיר, אַז ער וועט זיך באַמיען, מיך צו ראַטעווען. קיין מעדיקאַמענטן האָט ער נישט, די ס.ס. גיבן בלויז טויט.

קומענדיק צוריק אין מיין בעט, איז שוין מיין שכן, דער טשעך איבערגעדעקט. ער נעכטיקט מיט אונדז. איך קאָן נישט איינשלאָפן. דאָס קליינע נאַכט־ליכט וואַרפט אויף מיר אַ שרעק. איך טראַכט פון טויט. דער פלעגער קורט וויקלט מיך נאָכאַמאָל איין אין אַ נאַסע שמאַטע, און זאָגט מיר, אַז מיר גייט בעסער. אויך מיין נייער שכן ענדיקט שוין און בלאָזט פון זיך אַרויס די נשמה. שוין 5 טעג האַלט ער זיין גאַנצן רעזערוו ברויט אין אַ זעקעלע אונטערן קאָפּ, און ווייסט נישט, אַז ער וועט זיין ברויט שוין נישט עסן, זיין נאָז איז ווייס ווי קרייד. איידער עס ווערט פינצטער, איז ער שוין טויט. דאָס געפונענע ברויט ווערט צעטיילט פאַר די וואָס קאָנען

עסן. דער הונגער איז גרויס און מען טראַכט נישט פונוואַנען דאָס עסן איז געקומען.

יעדן פרימאָרגן און אָוונט קומען אַריין צעבראָכענע, געשוואָלענע העפט־לינגען, אין אַ גאַנצן טאָג טראָגט מען אַרויס טויטע. מיין דריטער שכן, אַ ייד פון לאָדזש איז אויך שוין טויט. ער איז איינגעשלאָפן אָן אַ קרעכץ. אַזוי גייט עס כסדר.

זעענדיק, וואָס דאָ טוט זיך, ווילט זיך שוין ווידער גיין אין די קאָמאַנדע. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז מיר גייט שוין פיל בעסער.

נאָך 23 טאָג אין קראַנקן־הויז, ווער איך באַשטימט צוזאַמען מיט נאָך איינעם אין זעלבן צימער ביינאַכט צו באַדינען די קראַנקע. דערפאַר באַקומט מען אַ צוגאָב זופּ.

שבת דעם 1־טן אַפּריל 1944 פאַרלאָז איך דאָס פאַרשטונקענע קראַנקן־הויז, וווּ איך בין געלעגן 28 טעג.

איך קום צוריק אין בלאָק 30, וווּ איך בין געשלאָפן. דער בלאָק־עלטסטער (אַ גרינער ווינקל: פאַרברעכער) קוקט אויף מיר מיט פאַראַכטונג. ס׳קומט פאַר דער אַפּעל. ווען מיר קומען צוריק פרעגט ער מיך צו וועלכער קאָמענדע איך געהער: ווען ער הערט — 63, חוזקט ער: אַ גוטע קאָמאַנדע...

נאָכן אַפּעל, שטעל איך זיך ווי פריער, צו דער קאָמאַנדע 63. דער קאַפּאָ קוקט אויף מיר מיט איראָניע, זעען מיך אַ לעבעדיקן איז מסתמא נישט זיין פאַרלאַנג. איך בין אים איבעריק. ער האָט שוין פרישע קרבנות, פון די 40 מענטשן, וואָס זענען געווען מיט מיר, זענען געבליבן נאָר דער וואָס האָט אים געפּוצט די שיך און זיינע דריי דינער. אַלע אַנדערע פון פריער זענען שוין נישט געווען. ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן זענען אַלע געוואָרן „מוזלמענער״ און ביי אַ סעלעקציע — צוגענומען.

דער קאַפּאָ פון דער קאָמאַנדע 63, איז אַ באַרימטער אַנטיסעמיט. און העצט אַלע אַנדערע צו שלאָגן די יידן; אויך דעם קאַפּאָ 178, וועלכער איז אַליין אַ גוטער שלעגער. (דער קאַפּאָ 63 הייסט מיעטעק, אַ געוועזענער לערער פון לובלינער קרייז, אין יאָר 1944 געווען אין לאַגער מאַנעוויץ).

קומענדיק צוריק פון דער אַרבעט זעט מען שוין ווייטער 3 תליות, נעבן בלאָק 4, וווּ עס שלאָפט דער לאַגער־עלטסטער. אַלע מאַרשירן אויפן אַפּעל־פּלאַץ. די ס.ס. לייט קומען אין פולער באַוואָפנונג.

עס רייסט זיך דורך די שטים פון לאַגער עלטסטן: „רוע! מיצע אָפּ!״. אַלע קליינע און גרויסע פון לאַגער שטייען אַנטקעגן אונדז. די פּראָצעסיע איז אין פולן גאַנג.

אַ העפטלינג פון דער שרייבער־שטובע לייענט דעם אורטייל: פאַר־משפּט צום טויט דורך הענגען פאַר גנבענען עסן אין דער צייט פון פלוגער־אַלאַרם. אַזוי אַלע דריי אורטיילן. מיר, 11000 אין פאַסן־קליידער, מיט אַנט־

בלויזטע קעפּ, האַלטן איין דעם אָטעם צו הערן די לעצטע ווערטער פון די צום טויט פאַרמשפּטע.

עפּעס האָבן די קדושים געזאָגט, אָבער צוליב דער ווייטקייט האָב איך גאָרנישט פאַרשטאַנען. ווידער מאַרשירן מיר פאַרביי די געהאָנגענע, וואָס דער ווינט באַוועגט זייערע קערפּערס. פאַר זיי איז שוין אַלץ פאַרענדיקט. זיי האָבן זיך אַזויפיל אָנגעליטן, יאָרן זיך געפּייניקט אין הונגער, קעלט און איצט אין 1944, ווען די נאַציס, הויבן אָן קריגן די טויט־קלעפּ אין זייער שוואַרצער סוף דערנענטערט זיך, זענען זיי טויט. עס דערנענטערט זיך דער חודש מאַי, די לופט־אָנגריפן ווערן אָפטער, און מיר האָבן נישט קיין רעכט זיך אויסצובאַהאַלטן. ווען עס פאַלן די באָמבעס, מוזן מיר בלייבן אויף די ערטער. באנא איז גרויס, אַ גאַנצע שטאָט מיט פאַבריקן וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך די אַהער געבראַכטע שקלאַפן. דאָ אַרבעטן יידן, רוסן, פראַנצויזן, בעלגיער, איטאַליענער, פאָליאַקן, יוגאָסלאַוון, גריכן, טערקן — מענטשן פון גאַנץ אייראָפּע.

אויב נישט פאַרברענט אין קרעמאַטאָריע, ווערן מיר געטויט פון די טראַסקערייען, אונדזערע נערוון זענען ביז גאָר צעשרויפט. ווען די אָפּעראַציעס ענדיקן זיך, זענען מיר ווייטער צופרידן צו זען ווי אַלץ איז צעשמעטערט. נאָכן לעצטן אָנגריף האָבן מיר אויפגעקליבן די קערפּערס, צווישן זיי אויך אונדזערע ברידער, ס׳זענען געווען ביז 225 טויטע און 430 פאַרוואונדעטע. אַזוי גייט עס כסדר.

ווען מיר מאַרשירן אַריין אין לאַגער פון דער אַרבעט, פאָרט שוין דער ק.א.ב. וואַגאָן צוריק. די דאָקטוירים האָבן שוין זייער אַרבעט געמאַכט — צוגענומען די פאַרוואונדעטע, און די טויטע געשיקט אין קרעמאַטאָריע.

איך געפין זיך שוין אין אַ צווייטער פיל לייכטערע קאָמאַנדע — פאַר טראַנספּאָרט. דער קאַפּאָ איז אַ דייטשער ייד פון בערלין, זיין פרוי און קינד האָבן די היטלעריסטן פאַרברענט אין אוישוויץ. ער זידלט נישט און שלאָגט נישט. מיר סאָרטירן, רערן, קייקלען זיי פון דערפרי ביז נאַכט. קלויבן צוזאַמען דאָס צעשטערטע פון די באָמבאַרדירונגען, מיר טוען די אַרבעט מיט גרויס פאַרגעניגן, ווויסנדיק אַז אַלץ גייט צום סוף. אַזוי לעבן מיר מיט האָפנונג אפשר צו איבערלעבן.

צווישן די לעצטע טראַנספּאָרטן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ אין יולי 1944, זענען אויך געווען די אונגאַרישע יידן (אויך פון די קאַרפּאַטן), זיי זענען געזעסן זיבן דורות אין די דערפער און אין קליינע שטעטלעך, ס׳רוב — בעלי־מלאכות, איינער דערציילט אַז מען האָט איבגעזאָגט, אַלע פאָרן אין אַ לאַגער אַריין אַרבעטן. „גוּ, האָב איך געטראַכט, צו אַרבעטן בין איך געוווינט, וועט דאָך מיר נישט זיין שלעכט“. ער איז אַ פאָטער פון 8 קינדער, מיטגענומען די גאַנצע פאַמיליע, צווישן זיי 2

טעכטער, וואָס האָבן געקאָנט איבערלעבן ביי נישט־יידן. ער האָט דאָס געטון, כדי צו זיין צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע...

די אַרבעט אויף די פעלדער איז געווען שווער און ביטער. אין די זומער חדשים — אַ גאַנצן טאָג אין וואַסער, און איבערן קאָפּ די זון, פאַר־ברענט פון היץ און דורשט, אויסגעשמירט אין בלאָטע און צעמענט, מיט געשוואָלענע און אָפּגעבריטע פיס פון די צעריסענע האָלץ־שיך. ווינטער אין די רעגנס און שנייען אָדער פרעסט אויפשטיין 4 פאַרטאָג און שטיין ביז 7 ביינאַכט ביי שווערער אַרבעט אין פעלד, שטענדיק זיין באַדראָט פון טויט דורך סעלעקציע צום פאַרברענען אָדער אַנדערן אופן.

איך געפין זיך אין בלאָק 34. דער בלאָק־עלטסטער איז אַ געשמדטער ייד פון דייטשלאַנד. ער האָט שטאַרק פיינט די מזרח אייראָפּעישע יידן און שלאָגט מכות רצח. ער אַליין טיילט די זופּ און גיסט מיט אַ כיוון דערנעבן. און וויי איז צו דעם, וואָס פאַלט אַריין אין זיינע בלוטיקע הענט. מיר ליגן

אַ גרופּע „העפטלינגע" ביי דער אַרבעט

שוין אין די פּריטשעס. מיין איצטיקער שכן איז אַ בעלגישער ייד, גע־בוירן אין פּוילן. ער קומט יעצט פון לאַגער מסחר — דאָס הייסט פון דער קאַבינע (קלאָזעט) — די בערזע פון די העפטלינגען. דאָרט ווערט פון זיך פאַרקויפט דאָס העמד, אָדער די שיך פאַר אַ שטיקל ברויט אָדער ביסל זופּ. פון דאָרטן ברענגט ער מיט די שרעקלעכע נייעס, אַז די טעג וועט פאָרקומען אַ סעלעקציע.

די אונגאַרישע יידן, וואָס זענען געקומען מיט די לעצטע טראַנס־פּאָרטן אין 1944 שלאָפן ביז טויזנט מענטשן אין אַ צעלט, וואָס קאָן אַריינ־נעמען בלויז 200. די מענטשן ווערן משוגע פון ענגשאַפט, עס דויערט שעהן ביז מען באַקומט דאָס שטיקל ברויט אָדער די זופּ. דער מצב דאָרט איז זיך שווער פאָרצושטעלן. קומענדיק פון דער אַרבעט דאַווענען זיי מנחה

און מעריב אין דרויסן פאַרן געצעלט, נישט פאַרשטייענדיק ווו זיי געפינען זיך. אַ גרויסער טייל, די שטאַרק רעליגיעזע, עסן נישט די זופּ צוליב כשרות, זיי לעבן מיט דער פּאָרציע ברויט און פאַרקויפן זייער ביסל זופּ פאַר צי־גאַרעטן אָדער עפּעס אַנדערש. זיי ווערן שנעל „מוסלמענער".

סעפּטעמבער 1944. עס איז ערב ראש השנה. יידן בעטן דעם בלאָק־עלטסטן ער זאָל זיי דערלויבן דאַוונען צוזאַמען ראש השנה נאָך דער אַרבעט אין בלאָק. וועצל, דער געשמדטער ייד, דער בלאָק־עלטסטער אין בלאָק 34, חוזקט, אָבער — דערלויבט. ראש־השנה ביינאַכט, קומענדיק פון דער אַרבעט, וואַשט מען זיך און יעדער נעמט זיין פּאָרציע זופּ. פון בלאָק פּילט מען די גאָטספאַרכטיקייט פון די פרומע יידן. אַ בעל תפילה דאַוונט אויפן קול, און אַלע יידן פון בלאָק דאַוונען מיט. די געוויינען, און דאָס געבעט צו גאָט, ער זאָל אויסלייזן פון דעם גיהנום, גערינצלען אונדזערע לייבער. מענטשן וויינען מיט בלוט אויפן חורבן אוישוויץ.

אויף צומאָרגנס גייען מיר ווייטער צו אונדזער קאַטאָרגע־אַרבעט. יידן שמועסן אַז עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון יום־הדין, עס איז ערב יום־כיפור. ווען מיר קומען אין בלאָק נאָך דער אַרבעט, מעלדט אונדז דער בלאָק־עלטסטער, אַז דעם אָוונט איז בלאָק־שפּערע. טיר און פענצטער ווערן באַ־וואַכט פון די קאַפּאָס. דער בלאָק־עלטסטער און די שטובן־דינער זענען צו־פרידן, זיך צו באַפרייען פון די „דרעק־זעקע" (אַזוי האָבן זיי אונדז גערופן). זיי שטשירן שוין מיט די ציינער. דאָס האַרץ פאַרקלעמט אין אַזאַ שרעקלעכן מאָמענט, מיר קאָנען זיך נישט באַוועגן און שטייען ווי אָקסן אין שעכט־הויז.

דער בלאָק־עלטסטער באַפעלט, זיך אויסצוטון און איינשטעלן נומער־ווייז. ס'שטייען נאַקעטע, לעבעדיקע מתים, און די טייוולאָנים מיט שטעקנס אין די הענט. מיר טאָרן נישט רעדן, נישט באַוועגן זיך. עס הערט זיך אַ גרילץ פון בלאָק־עלטסטן: „אַכטונג"! ס'גייט איינער נאָך דעם צווייטן צום טויט, אַזוי ווערן ווידער 45 לעבנס אָפּגעמשפּט פאַרברענט צו ווערן.

אין מיין בלאָק איז חושך. אַ פאָטער זיצט איבערגעבויגן איבער זיין זון, ביידע זאָגן אַ תּפילה. אין דעם אָוונט איז געווען דער ריכטיקער יום־הדין.

די אָפּגעמשפּטע ווייסן אַז מאָרגן וועלן זיי שוין נישט לעבן, די נערוון זענען אָפּגעשוואַכט, אַלע זענען איינגעוויקלט אין מאָרגנדיקן רויך, וואָס וועט זיך ציען פון קרעמאַטאָריע צום פאַרוואָלקנטן הימל. די קאַפּאָס און דער בלאָק־עלטסטער האָבן זיך איצט פאַרמאַכט אין זייער „טאָג־ראום" ווו זיי פרעסן און זויפן.

3 אנשטאט 4 פאַרטאָג פליט היינט אַרום דער בלאָק־עלטסטער מיט זיינע געהילפן איבער די בעטן פון די אָפּגעמשפּטע און נעמען זיי אַוועק

דאָס אָנטועכץ, און שלעפּן די פאַרמשפּטע צו זיך אין צימער ביז אַלע אַנ־דערע גייען אַוועק אויף דער אַרבעט. דערנאָך נעמען זיי צוזאַמען אַלע אָפּ־געמשפּטע און פירן זיי אַוועק אין אַ צעלט, וואָס שטייט אין דער מיט אויפן פּלאַץ אין לאַגער מאַנעוויץ. דאָס מאָל זענען 500 מענטשן פון מאַ־נעוויץ פאַרמשפּט געוואָרן אומצוקומען. 11 אַזייגער פאַרמיטיק זענען גע־קומען אויטאָס, זיי אַוועקצופירן אין די גאַז־אויוונס.

ווידער שטייען מיר שוין צווישן טאָג און נאַכט אויפן אַפּעל־פּלאַץ אַנטקעגן די תליות, ווו נייע דריי פאַרמשפּטע שטייען שוין אויף די דעקן. ביים פאַרלייגן די פּעטלע שרייט איינער פון די פאַרמשפּטע אויס: חבריא, די קעפּ הויך! מיר זענען די לעצטע קרבנות, זאָל לעבן די פרייַ... מער האָט ער שוין נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן...

דאָס יאָר 1944 איז באַלד צום סוף, מיר ווייסן אַז אין פראַנקרייַך זענען שוין די לעבנגעבליבענע יידן פריי.

אין די גרויסע קאַבינעס מיט 16 פּלעצער אין יעדער זייט זיצן 32 מענטשן אין פּאַסן קליידער, האַלב אַראָפּגעלאָזט די הויזן און ברומען די מאַרסעליעזע אויף פראַנצויזיש...

ווען מיר זענען שוין אין די בלאָקן, הערן זיך סירענעס, און קנאַקן פון אַוויאָנען. ערגעץ ווי פאַלן באָמבעס, און מיר זענען אין די פינצטערע בלאָקן אויסגעצויגן אויף די שטרוי־זעק. עס הערן זיך רופן „שמע ישראל". מיר זענען פאַרמאַכט אין אַן עלעקטריזירטער שטייג, נישט אַרויסצובאַקומען זיך פון דאַנען. די שויבן טראַסקען, די בלאָקן ציטערן, אַלץ שפּרינגט אין די לופט. פון ווייטן זעט מען רויטע פייערן רייסן זיך צום הימל, נישט ווייט פון אונדז ברענט אַ לאַגער. מיר ליגן אויף די ערטער און טאָרן זיך נישט באַהאַלטן, נאָר וואַרטן אויפן טויט.

ס׳איז סוף פון יאָר 1944. צוליב זייער יום־טוב, האָבן מיר 2 רו־טעג. אין אָוונט, שוין נאָך דער זופּ, ליגט יעדער אויף זיין שטרוי־זאַק. אין בלאָק 34, ווו איך געפין זיך, זענען פאַראַן פיל גריכישע יידן. איינער ליגט אויפן דריטן עטאַזש און צעוויינט זיך מיט גרויס ווייטיק: „פאַרברענט מיין פרוי מיינע צוויי קינדער, מיין היים פאַרניכטעט" און אַלעמענס אויגן שטעלן זיך טרערן. אין בלאָק איז שטיל, דער בלאָק־עלטסטער שטערט דאָסמאָל נישט. עס ווילט זיך שוין מער נישט לעבן, אין לאַגער ווערט יעדן טאָג ערגער, אונדזער שפּייז, וויניקער. ווען מיר קומען צומאַרגן פון דער אַרבעט איז מער נישטאָ קיין ליכט און קיין וואַסער. אַלץ איז צעשמעטערט.

די בלאָק־עלטסטע און די קאַפּאָס ווערן ווילדער. זיי שלאָגן מכות־רצח און דערמאָנען אונדז כסדר, אַז פון דאַנען קומען מיר מער נישט אַרויס:

יאַנואַר 1945, מיר פרירן. דאָס אויפשטיין 4 פאַרטאָג איז שרעקלעך.

אויף די פעלדער פון אויבערשלעזיע, די ווינטן בייסן און מיר ווערן צו־זאַמענגעבראָכן פון דער קעלט.

ווען מיר קומען דעם 15־טן יאַנואַר אין אָוונט פון דער אַרבעט, מעלדעט דער בלאָק־עלטסטער, אַז מיר ווערן עוואַקואירט פון דאַנען.

אין בלאָק טומלט זיך. מיר באַקומען נישט מער קיין זופּ, נאָר אַ פּאָר קאַרטאָפל מיטן שאָלעכץ. יעדער נעמט זיינע קאַרטאָפל אין היטל. יעדער טוט שוין וואָס ער וויל: ווען דער גלאָק קלינגט פאַרטאָג, שטייען שוין אַלע אויף די פיס ווי יעדן טאָג אָפּצומאַרשירן צו דער אַרבעט. מיר וואַרטן אין בלאָק. עס איז שוין 5—6—8 אַ זייגער, מען פירט אונדז נישט אויף אַרבעט, נאָך מיטאָג קלינגט ווידער דער גלאָק, און אַלע לויפן אויפן אַפּעל־פּלאַץ. מיר מאַשירן אַרויס צי דעם אַרבעט־פּלאַץ באַנא. ביים טויער זעט מען נישט מער קיין מיליטערישע פירער, קיין מייסטער. עס שטייען ס. ס. לייט מיט מאַשין־געווער, די גרויסע זענען אַוועק. אין באַנא הערט זיך שוין מער קיין גערויש אַלץ שטייט; עס רויכט נישט מער דאָס קראַפט־ווערק און נישט די גאַזאָווניע. יעדער קאַפּאָ פירט זיין קאָמאַנדע ווו ער וויל, מען טוט שוין גאָרנישט.

שפּעטער גייען מיר צוריק אין לאַגער אַריין, דער בלאָק־עלטסטער שלאָגט נישט מער. ער ליגט פאַרמאַכט אין זיין „טאָג־ראום", מיר זענען נאַקעט אָן שיך, אָן עסן.

אין אָוונט מעלדעט דער בלאָק־עלטסטער, אַז נאָך אפשר היינט מאַר־שירן מיר אָפּ. מען רייסט די שטרוי זעק, און יעדער מאַכט זיך אַ טאָרבע. אינדערפרי שטייען מיר אין פראָסט אויפן אַפּעל־פּלאַץ, אָנגעטון די טאָר־בע אויפן אַקסל און וואַרטן.

12 אַזייגער גייען מיר צוריק אין די בלאָקן, נאָכן באַקומען די זופּ, שטייען מיר ווייטער און וואַרטן. די קראַנקע, וואָס קאָנען אפילו נישט שטיין, גייען מיט אין שרעקלעכן וועג.

אַזוי האַלט דאָס אָן אַ גאַנצן נאָכמיטאָג. פאַרן פינצטער ווערן צע־קלינגט זיך ווידער דער אכזריותדיקער גלאָק. עס איז דער 18־טער יאַנואַר 1945. אַלע 11000 העפטלינגען שטייען אויסגעשטעלט צו 100 אין אַ רייע. דער אַפּעל־פּלאַץ האָט אַ באַזונדערן אויסזעען; אַלע קאַפּאָס און בלאָק־עלטס־טע שטייען מיט אונדז, בלויז דער טיגער (דער לאַגער־עלטסטער) גייט פאַ־רויס. ס'הערשט אַ פולשטענדיקע שטילקייט. אַ מעלדונג: „אָפּמאַרשירן"! מיר גייען אין אַ לאַנגע רייע. איך קוק פאַר זיך און הינטער זיך; מיין אויג האָט נישט געקאָנט דערזען ווו עס איז דער סוף פון דעם לאַנגען צוג.

מיר גייען צו 5 אינדערברייט אויף באַשנייטע וועגן. פון דערווייטנס באַגלייט אַ וואָגן פון רויטן קרייץ, אָבער נישט פאַר אונדז. מיר זענען באַ־וואַכט פון ביידע זייטן פון ס.ס.־לייט מיט מאַשין־געווער. מיר גייען פאַרביי

אַ דאָרף. די האַלץ־שיך זענען פול מיט שניי און מיר גייען ווי אויף שטאָלצן. מען זעט ווי ציווילע עוואַקואירן זיך אויף האַנט־וועגעלעך. די פּאַניק ביי די לויפערס איז גרויס. מיר שלעפּן זיך טויט מידע אויף דעם וועג שעהן און קאָנען שוין מער נישט גיין. אין אַ צווייטן דאָרף בייגאַכט וויזט דער קירכן־זייגער צוויי.

מיר מאַרשירן מיט אַלע כוחות. ווער ס׳קאָן מער נישט מאַרשירן, ווערט דערשאָסן. די נאַכט איז שרעקלעך, די שיסעריי הערט נישט אויף. וווהין מען פירט אונדז, ווייסן מיר נישט, מיר גייען כסדר אויף זייטיקע וועגן, נישט אויף קיין שאָסייען. דאָס מאַכט נאָך שווערער דעם מאַרש. אויף די וועגן ליגן שוין בערגלעך דערשאָסענע, און מען שלעפּט אונדז אַלץ ווייטער. אין דרויסן הייבט אָן ליכטיק ווערן.

שוין אַ שטיק אויף טאָג קומען מיר פאַר אַ ציגעלניע. 15 שעה האָט מען אונדז געשלעפּט אָן אָפּרו, הונדערטער פון אונדז זענען געבליבן אויף די פאַרשנייטע פעלדער, מיר זענען אַלע אויסגעמאַטערט, אויסגעשעפּט. אין דרויסן איז אַ ווילדע קעלט. עס איז דער 19־טער יאַנואַר 1945.

מיר זענען אין שטעטל ניקאָלאַיעוו, דאָס גאַנצע שטעטל איז באַזעצט מיט ס. ס. לייט, וואָס ציען זיך צוריק פון פראָנט, פאַר אונדז איז קיין פּלאַץ נישטאָ, מיר ווערן אַריינגעשטופּט אין הויף פון אַ ציגעלניע, וואָס איז באַדעקט מיט טיפע שניי. מיר לייגן זיך ווי עס זאָל נישט. אַ בוידעם, אַ לאָך, אַבי זיך אַביסל אָפּצורוען. אָבער אומעטום ליגן מענטשן, מען לייגט זיך דערויף, מען ליגט זיך דעריבער אויפן שניי. אויף יעדן ציגל זיצן מענטשן, האַלב דערפרוירענע, צוליב פראָסט זענען פיל איינגעשלאָפן, עס ליגט שוין אַ באַרג פאַרשטייפטע. זיי האָבן זיך ערשט נאָך באַוועגט און שוין ווערן זיי אַרויסגעוואָרפן אויף באַרג טויטע. די אַנדערע נעמען פון זיי אַראָפּ די שמאַטעס זיך צוצודעקן, די מתים בלייבן ליגן נאַקעט, זייערע קערפּערס זענען שוואַרץ מיט שטייפע פיס. אין דרויסן רייסט דער פראָסט, ליגנדיק אין אַ לאָך פאַרשטעקט, טרעף איך דאָ אַ לאַנדסמאַן פון מיין געבוירן שטעטל סאָקאָלאָוו. איך געדענק נאָר זיין פאַרנאָמען — יאָסל. מען האָט זיך גלייך ווידער פאַרלוירן.

דער זייגער איז דריי, און שוין הערט זיך ווידער דאָס פּייפעריי „איינטרעטען און מאַרשירען!“ מיר שטייען שוין אויסגעשטעלט צו 5, דאָ זענען שוין קיין קאַפּאָס נישטאָ, די ס. ס. לייט, וואָס פירן אונדז, זענען שרעקלעך ווילד, זיי לויפן אַרום מיט רעוואָלווערן אין די הענט, ווער עס רירט זיך נישט פון אָרט, ווערט באַלד דערשאָסן.

מיר דאַרפן יעצט מאַרשירן 24 קילאָמעטער צום לאַגער, גלייוויץ 2. ווען מיר קומען פאַר גלייוויץ, שטייען מיר לאַנג ביז מיר באַקומען זיך אַריין.

דער אַזוי אויך נישט קיין גרויסער לאַגער, איז שוין פאַרלייגט מיט

טראַנספּאָרטן, וואָס זענען געקומען פאַר אונדז. דער שרעקלעכער גיהנום גלייוויץ קאָן אַריינגעמען נאָר 2000 העפטלינגען, און דאָ זענען שוין דאָ אַ פּאָר צענדליק טויזנט פון אוישוויץ, בירקענאו, בלעכהאַמער א. א. אַלע זענען געקומען פאַר אונדז. די בלאָקן, די שרייב־שטובע, די מאַגאַזינען, די קאַבינע — אַלץ איז פאַרלייגט, נישטאָ ווו זיך אַוועקצולייגן. מענטשן זענען אָנגעהאַנגען אויף די ווענט, אַלץ איז פאַרפּאַקט, עס טוט זיך חושך. די קעלט דערהרגעט אונדז, מיר פאַלן פון מידקייט און לייגן זיך אַלע צוזאַמען אין שניי, זאָל זיין אויף אייביק, אבי זיך אַוועקלייגן.

עס קומט אָן אַ נייער טראַנספּאָרט מיט מענטשן אין פאַסן־קליידער פון יאַוושעוויץ: צווישן זיי אַ סך רייכסדייטשן — געוועזענע פאַרברעכער. אויך פאַר זיי איז קיין פּלאַץ נישטאָ, זיי וואַרפן זיך אויף אַנדערע, שוואַכערע. אויך אונדז פאַרטרייבן זיי פון „אויסגעוואַרעמטן" שניי, ווו מיר ליגן און פרירן אוי באַקומען דערצו געשלאָגן פון די ס. ס. לייט. מען זאָל זיי אָפּגעבן די פּלעצער אין דרויסן ווערט ליכטיק און איך טרעף מיין מאַניעוויצער שכן פון לאָדזש, וואָס איז מיר פאַרלוירן געגאַנגען ביי אונדזער אָנקומען אין גלייוויץ 2. מיר שטייען ווייטער צוזאַמען. די זון קומט אַרויס פון הינטער דעם נעפל, עס הערט זיך אַ ווילדע פייפעריי, דאָס הייסט: איינטרעטן צום אַפּעל, אַלע פון די בלאָקן שטייען, אַ לאַווע מענטשן־קעפּ אויפן אַפּעל־פּלאַץ. די בלאָקאָוועס שטייען אויף די דעכער פון די בלאָקן, באַוואָפנט מיט שטעקענער. דאָ שטייענדיק טרעף איך מיין סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַן, יאַנקל קוויאַטעק, מיר פרייען זיך צו זיין צווישן די לעבעדיקע. ער דערציילט מיר, ווער פון אונדזערע גאָענטע לעבן נישט מער. ווייטער פייפען און שרייען די ס. ס. לייט: — „אַלע פון אוישוויץ און בירקענאו: — „אָפּמאַרשירן". די ס. ס.־סעלעקציע־קאָמיסיע קאָנטראָלירט: ווער עס איז שוין אויסגעשעפּט און קאָן ווייטער נישט מאַרשירן ווערט גלייך דערשאָסן. הינטן, נעבן דעם בלאָק ליגט אַ באַרג דערשאָסענע.

די מאַניעוויצער בלייבן דערוויל ווייטער, מיר באַקומען זיך אַריין אין אַ בלאָק, וואָס איז איצט פריי געוואָרן. באַלד הערן זיך ווילדע געשרייען און אַ שיסעריי: „איינטרעטן!". מען שטעלט אונדז ווידער אויס צו פינף גריי אין וועג. עס איז דער 21־טער יאַנואַר, 1945.

ווייטער גייען מיר דורך אַ טויט קאָמיסיע, וואָס גיט נאָך 30 שעה הונגערן וועמען אַ שטיקל ברויט פון 300 גראַם און 25 גראַם וווּרשט, און וועמען — דעם טויט דורך דערשיסן אינטערן בלאָק. אין אַ לאַנגע ריי צו 5 קומען מיר צו אַ באַן־ליניע נישט ווייט פון לאַגער, דאָ בלייבן מיר שטייך 5 שעה. 10 ביינאַכט קומט אָן אַ טראַנספּאָרט וואַגאָנען אָן דעכער. די ס. ס. לייט באַפוילן: „שנעל אין די וואַגאָנען אַריין! שנעלער! שנעלער!" גייט דאָס נישט אַזוי שנעל, פאַלן גלייך שאָסן איבער אונדזערע קעפּ. אַלע וואַרפן זיך אויף די וואַגאָנען. ס'איז שוין קיין פּלאַץ נישטאָ, ס'טוט זיך חושך, דערשטיקט צו

ווערן. אין אַ וואַגאָן פאַר 40 זענען אַריינגעשטופּט געוואָרן 180 ביז 220 מענטשן. עס האָבן זיך אויסגעבילדעט דריי שיכטן: די ערשטע, וועלכע זענען אַריין אין וואַגאָן, זענען געבליבן פון אונטן, די צווייטע שיכט, איז געלעגן אויפן ערשטן און די דריטע שיכט — אויפן צווייטן. דער אויבערשטער טייל איז געפרוירן געוואָרן און דער אינטערשטער — דערשטיקט.

שוין 2 טעג ווי מיר זיצן אין די וואַגאָנען אָן עסן. מיר דערנערן זיך מיט שניי, וואָס פאַלט פון הימל אין די וואַגאָנען. די באַדערפעניש מאַכט מען אונטער זיך. בייטאָג שטייט דער צוג אויף די פעלדער, און ביינאַכט שלעפּט ער זיך אומזעבאַר אַדורך די שטעט. מיר פאָרן אַדורך ברעסלוי (ווראָצלאַוו). אַלץ איז דאָרט פאַרמאַכט און פינצטער, דער צוג שטעלט זיך נישט אָפּ אויף די באַן־סטאַציעס, נאָר אויפן פעלד.

שוין דער דריטער טאָג ווי מיר זיצן געפרוירן אין די שטייגן אָן עסן, אָן וואַסער. אויף די בקשה, אונדז צו באַפרייען פון די טויטע, קומט דער ענטפער: „איר וועט אַליין זיין טויט, די טויטע בלייבן ביז איר וועט קומען אויפן פּלאַץ". אויפן 4־טן טאָג קומען מיר אין שטאָט און בלייבן שטיין. מיר דערוויסן זיך, אַז מיר זענען אין טערעזיענשטאַט.

דאָ שטייען מיר גענוג לאַנג, די ס. ס. לייט און אויך די דאָקטוירים פון מאַנעוויץ פאָרן זיך אַרום די וואַגאָנען. נאָך פיר טעג טראַנספּאָרט, שטעלן מיר זיך צום ערשטן מאָל אויף און זעען, אַז מען טראָגט ברויט פאַר די העפטלינגען. די דאָקטוירים לויפן אַרום צו יעדן וואַגאָן און פרעגן וויפל לעבעדיקע געפינען זיך אין יעדן וואַגאָן. עס מעלדן זיך באַלד אַ פּאָר שטאַרקערע, וואָס ציילן איבער די לעבעדיקע און טויטע. ביי אונדז אין וואַגאָן זענען געווען 75 לעבעדיקע און אפשר אַזויפיל טויטע. די טויטע לייגט מען אין איין זייט און די לעבעדיקע שטעלן זיך אויס אין אַ צווייטע זייט. די טויטע לייגט מען איינעם אויפן צווייטן, כדי זיי זאָלן פאַרנעמען וואָס ווינציקער פּלאַץ.

אַן ס. ס. מאַן פרעגט אויב אַלע האָבן באַקומען ברויט. דער ס. ס. מאַן רופט אַרויס די דריי פאַרטיילערס, באַזוכט זיי אין וואַגאָן און געפינט זייערע פאַרציעס און באַזונדער 2 גאַנצע ברויט. ער פרעגט נאָכאַמאָל „האָט איר אַלע ברויט באַקומען?" דערנאָך ציילט ער אַליין אַלע לעבעדיקע אין וואַגאָן און געפינט ווייניקער לעבעדיקע, ווי ס'איז געווען אָנגעגעבן. ער נעמט אַראָפּ די ברויט־פאַרטיילער און דערמאָרדעט זיי.

מיר פאָרן ווייטער. דער צוג שלעפּט זיך אַ גאַנצע נאַכט, מיר זיצן ווייטער אויף די פּלעצער ווי צוגעוואַקסן אין שמוץ פון 4 מעת־לעת. מיר זענען אַלץ אויף דער טשעכישער טעריטאָריע. אונדזער צוג שטעלט זיך אָפּ אויף אַ סטאַציע אַנטקעגן די אַנדערע ציווילע צוגן. די ציווילע זעען אונדזערע פּאַסן־קליידער און פאַרשטייען ווער מיר זענען. זיי קוקן אויף אונדז מיט רחמנות. איניקע וואַרפן אונדז אַריין שפּייז־פּעקלעך, וואָס ווערן באַלד צעכאַפּט.

ס'הויבט אָן פינצטער ווערן און מיר פאָרן ווייטער. ווידער הערט זיך שיסן, און ווידער באַגראָבט מען אַ פּאָר העפטלינגען ביי דער שיין פון דער לבנה. ווען עס ווערט ליכטיק, זעען מיר די שטעטלעך און דערפער. מיר קומען צו אַ באַן־ליניע און ווערן געוואויער אַז דאָ איז ווײמאַר, און נישט ווייט — דער באַרימטער לאַגער בוכנוואַלד. איין האַלבער צוג בלייבט שטיין, און מיר פאָרן אַרויף אויף אַ באַרג. מיר זעען אַרומגעצוימטע באַראַקן מיט עלעקטרי־שע דראָטן און פאָרן אַריין אין אַן אויסגעהאַקטן וואַלד, וואָס וואַרפט אַ מורא. די ביימער פון ביידע זייטן מאַכן נאָך טונקעלער דעם פאַרכמאַרעטן הימל. בוכנוואַלד געפינט זיך טאַקע אין בויך פון אַ וואַלד.

אונדזער צוג בלייבט שטיין אויף אַ באַן־ליניע און ווידער הויבט זיך אָן די ווילדע גרילצעריי: „אויסשטייגן און לער מאַכן די וואַגאָנען, שנעלער! שנעלער! לאוס, לאוס!"

מיר ריקן זיך אַרונטער פון וואַגאָן און פאַלן אַראָפּ, די פיס דינען נישט מער פון ליגן זעקס מעת־לעת אויף איין אָרט. די ס.ס. לייט ווערן ווילדער און עס פאַלן שטעקנס איבער די קעפּ, מיר שטעלן זיך אויף און נעמען אויסריייניקן די וואַגאָנען. מיר וואַרפן אַרונטער די מענטשן, וואָס ברעכן זיך איין. די טויטע ליגן געפרוירן מיט אַרויסגעזעצטע ביינער, שוואַרץ מיט גע־לע פלעקן.

עס שטייען אויך דאָ צענדליקער טויזנטער וואָס זענען געקומען פאַר אונדז. מיט אונדז פאַרנעמט זיך דער „לאַגער־שוץ" מיט גרינע מאַנטלען, זיי שלאָגן אומרחמנותדיק. מיר, אַ גרופּע פאַריזער, שטייען צוזאַמען: מישא רעז־ניק, באַקיוויעצקי; מאַרסעל פון אָרדען; שפּיגלמאַן און אייזנבערג פון בעלגיע און מיין פריינט סאַלאָמאָן.

אויפן פלאַץ אַנטקעגן דער באָד ליגן בערג פוטער־מאַנטלען, אסטראַקאַן, זיזאַן, די בעסטע פוטערוואַרג, און אַנדערע ווערטפולע זאַכן, געבראַכט פון קרבנות פון גאַנץ אייראָפּע.

אונדזער גרופּע האַלט זיך צוזאַמען. מענטשן ווערן ווילד און משוגע פון די יסורים, איינער שטייט אויפן צווייטן, עס ליגן צעריבענע מענטשן, די מענטשן־לאַווע וואַרפט זיך פאַר קעלט, עס שטייען צענדליקער טויזנטער אין דער רייע אַנצוקומען.

שפּעט אין אָוונט קומט „דער לאַגער־שוץ" און שטעלט ווידער אויכ צו 5, און פירט אונדז אין בלאָק, מיר קומען אין אַלטן־לאַגער, בלאָק 57. די אינקוויזיציע שטאָט האָט צוויי לאַגערן: איין אַלטן און איין נייעם, דער לעצטער געבויט פון ציגל מיט עטאַזשן, און דער אַלטער לאַגער איז פון האָלץ ווי איך אוישוויץ אָדער מאַנעוויץ.

אונדזער גרופּע, 1000 נפשות. לאָזט מען אַריין אין איין באַראַק. עס הויבט זיך ווייטער אָן דאָס ווילדע געשטיפּעריי צו געפינען אַ שטיקל פּלאַץ,

עס איז דאָ פּריטשעס פון דריי עטאַזשן, אָבער נישט פאַר קיין טויזנט מענטשן. אויף איין פּלאַץ פאַר 5 מענטשן ליגן — 24.

עס ווערט שטיל, מיר ליגן איינגעוויקלט אין אונדזערע בגדים, עס קומט אַריין דער בלאָק־עלטסטער, אַ הויכער דייטש מיט פיל קנייטשן אויפן פּנים. (ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז ער אַ פּאָליטישער, שוין 10 יאָר אין בוכנוואַלד). ער גייט דורכן בלאָק, אונטער אים די שטובן־דינסטן, פראַנצויזן און רוסן. דער בלאָק־עלטסטער באַפעלט, זיך צו שטעלן גרופּנ־וויז צו באַקומען זופּ. די ידיעה איז געוועזן גענוג, אַז אַלע טויזנט מאַן זאָלן זיך שטעלן אויף די פיס און זיך שטופּן אויף די פּעסער זופּ. די שטובן־דינער שרייען אויף אַלע שפּראַכן, מען זאָל זיך נישט שטופּן, אַז ס׳איז דאָ זופּ פאַר אַלעמען, אָבער עס העלפט נישט. די שטובן־דינער זענען נישט בכוח איינצוהאַלטן די אויסגעפרוירענע, אויסגעהונגערטע, וואָס האָבן שוין 8 טעג נישט געהאַט אין מויל קיין וואַרעמעס.

דער בלאָק־עלטסטער אַפּעלירט נאָכאַמאָל זיך צו האַלטן רואיק, אָבער אַלע שטייען אַנטקעגן אים מיט אַרויסגעזעצטע אויגן און קוקן אויף די פּעסער, פון וועלכער עס זעצט אַ פּאַרע. מען נעמט ווייטער טיילן זופּ, און דאָס שטופּן זיך הערט נישט אויף.

דער בלאָק־עלטסטער הייסט פירן די זופּ אין זיין שטוב. ביינאַכט וועקט מען אויף גרופּנוויז, און ס׳ווערט געטיילט אַ גאַנצע נאַכט.

ווען דער בלאָק־עלטסטער ציילט אינדערפרי און געפינט נישט קיין טויזנט מאַן, זוכן די שטוב־דינסטן אין בלאָק און שלעפּן אַרויס פון די ווינקלען און לעבער טויטע, אויסגעשעפּטע, אויסגעמאַטערטע, דערשלאָגענע. די טויטע ווערן געשלעפּט ביי די פיס ביז אינטער דעם בלאָק, זייערע פּנימער ווערן באַשאָטן מיט קאַלך. ווען די צאָל שטימט, באַקומט יעדער אַ שטיקל ברויט, וווּרשט און אַ ליטער זופּ אויף 24 שעה. און אויף דער פּריטשע איז קוים אויסצוהאַלטן פון ענגשאַפט.

אויף צומאָרגנס אינדערפרי, הערט זיך דאָס פייפעריי: „אַריינטרעטן צום אַפּעל!“ העפטלינגע שלעפּן ווי פערד גרויסע האָלץ־וועגענער מיט גוססדיקע מענטשן אין פאַסן־קליידער, מען פירט זיי שוין אין קרעמאַטאָריע. איך זע באַקאַנטע פּנימער צווישן זיי. קראַנקע באַקומען אַן איינשפּריצונג און ווערן באַלד טויט. „איך בוכנוואַלד“ — זאָגט מיר אַ קאַפּאָ מיט אַ טעמפּן פּנים — „שפּילט מען זיך נישט, עס זענען דאָ פאַראַן צופיל קראַנקע“.

די ערשטע פאַראָרדענונג: אָפּלייגן די לאַכעס וואָס מיר טראָגן אויף זיך. מיר זענען צופרידן דאָס אַראָפּצוואַרפן פון זיך, נאַקעטע פירט מען אונדז אַריין איין אַ צווייטן צימער. דאָ שטייען צוויי ס.ס. אָפיצירן. זיי קוקן אונדז אָן, הייסן עפענען דאָס מויל. (זיי זוכן, מסתמא, גאָלדענע ציין) און הייסן זיך איבערדרייען מיט די פּלייצעס צו זיי, הייסן זיך איינלייגן איין צווייען, אַזוי ווערט איינער נאָכן צווייטן, דורך זיי קאָנטראָלירט. ווען אַלע זענען שוין

געגוי קאָנטראָלירט, לאָזט מען אונדז אַריין אין אַ גרויסע האַלע צו שערן און ראַזירן מיט עלעקטרישע מאַשינקעס, אַלע קערפּער טיילן. דאַן לאָזט מען אונדז אַריין אין אַ צווייטע האַלע, ווי יעדער מוז אַריינגיין און זיך איינטינקן אין אַ פאַס בייסנדיקע פליסיקייט. דאַן פירט מען אונדז זיך צו וואַשן.

דאָס וואַרעמע וואסער נעמט אַרום די אויסגעדאַרטע גופים, וואָס זענען שוין אַזוי לאַנג געווען צוזאַמענגעוואַקסן פון ליגן אויף אַ קופּע. דערנאָך פירט מען אונדז אריין אין אַ באַקליידונגס־מאַגאַזין. יעדער באַקומט אַ העמד, הויזן אַ מאַרינאַרקע, אַ מיץ און אַ פּאָר האָלץ־שיך; די אלערליי אלטע קליידער זענען ציווילע מיט אַ רויטן פּאַס אויף דער פּלייצע.

אַריינקומענדיק אין בלאָק 57 באַקומען מיר אונדזער טעגלעכע פּאָרציע: אַ שטיקל ברויט און אַ ליטער זופּ, וואָס ווערט גלייך פאַרשלונגען, און ווידער מוז מען אַרויף צו די שלאָף־פּריטשן אויפן ענגן דריטן עטאַזש, דערשטיקט צו ווערן. יעדן טאָג שלעפּט מען פון די פּריטשעס די „איינגעשלאָפענע", און נאָכן אַפּעל ווערן די מתים אַרויפגעלאַדעוועט אויף וועגן, געשלעפּט דורך העפּטלינגען. מען שמועסט אַז אין בוכנוואַלד געפינען זיך 60 טויזנט העפּטלינגען.

מיר שטייען מיט אַלטע בוכנוואַלדער, וואָס קאָנען שוין גוט די געזעצן פון גלייך שטיין 10 שעה אין פראָסט אָדער אונטער אַ ברענענדיקער זון. אייניקע דערציילן אונדז שרעקלעכע זאַכן, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט די ערשטע צייטן, ווען בוכנוואַלד איז געבויט געוואָרן: וועגן לעקן מיט דער צונג די פּאָדלאָגע, קריכן אויפן בויך פון איין וואַנט צו דער צווייטער, אָדער שטיין פון 11 אינדערפרי אין אַ זומער־טאָג אויפן אַפּעל־פּלאַץ אונטער די גליענדיקער זון ביז אויפצומאָרגנס 11 אינדערפרי. מער ווי אַ העלפט זענען אומגעקומען. פאַר יעדער קלייניקייט האָט מען געשאָסן, מענטשן זענען משוגע געוואָרן פון צרות.

מיר ווערן פאַרשריבן אויפסניי: נאָמען, געבוירן־אָרט, און באַקומען אַ נומער. מיין נומער איז 124000 פון בוכנוואַלד, דער נומער פון אוישוויץ רעכנט זיך דאָ נישט. דערנאָך באַקומט יעדער אַן איינשפּריץ. אויפן זיבעצנטן טאָג גייען מיר איבער אין אַ צווייטן לאַגער, ווי מיר גייען דורך אַ קאָמיסיע פאַרן שיקן אויף אַרבעט אין פאַבריק. נאָך אַזאַ שרעקלעכע עוואַקואַציע, ווייסן מיר נישט, ווער פון אונדז וועט בלייבן לעבן. באַקאַנטע באַשליסן דעריבער איבערצוגעבן זיך די נויטיקסטע צוואה אין פאַל ווען איינער פון אונדז פאַלט. נאָך דער סעלעקציע, פירט מען אונדז אַריין אין אַ קינאָ־זאַל מיט אויסגעשטעלטע האָלץ־בענק. דאָ זיצן אַלע, וואָס ווערן געשיקט אויף טראַנספּאָרט. ביז 4 פאַרטאָג פילט זיך אָן דער גרויסער זאַל מיט אַ פּאָר טויזנט מענטשן. דערנאָך פירט מען אונדז אויפן אַפּעל־פּלאַץ צום ציילן. אין דרויסן איז נאָך פינצטער און די פּראָזשעקטאָרן באַלויכטן דעם גרויסן אַפּעל־פּלאַץ פון בוכנ־

וואַלד. מיר שטייען אין מיליטערישע לאַנגע רייען צו 100. ס'הייסט אַז מען שיקט אַרויס 10 טויזנט העפטלינגען אויף אַרבעט.

מיר מאַרשירן אונטער די באַגלייטונג פון באַוואָפנטע ס.ס. לייט מיט מאַשין געווער אויף באַשנייטע אונטער־וועגן צווישן בוימער צו אַ באַן ליניע. מען ציילט אונדז צו 60. מיר זיצן אויפן באָדן און באַקומען ברויט מיט ווייסן קעז.

אויפן וועג באַשיסן די אַוויאָנען אונדזער וואַגאָן. מיר זענען אינעווייניק, און אַ ווילד געטראַסקעריי איבער אונדזערע קעפּ, די ס.ס. לייט, וואָס שטייען ביי די טירן פאַלן טויט מיט אָפּגעריסענע קעפּ. זיי פאַלן אויף אונדז, עס גיסט זיך בלוט פון זייערע צעריסענע קערפּערס, מיר ליגן אויף איין קופּע, די אַוויאָנען — איבער אונדז. מיר שפּרינגען אַרויס און צעלויפן זיך איבער די אַרומיקע פעלדער. די אַוויאָנען פייערן אָן איבערייס פון מאַשין־געווער. מיר וואַרפן זיך אויף די ערד. די אַוויאָנען קרייזן אַרום אַ פּאָר מאָל און פליען אַוועק איבערלאָזנדיק צעריסענע קערפּערס, אויך פון העפטלינגען.

מיר האָבן געטראַכט אַז עס האָט נישט קיין צוועק צו אַנטלויפן, נישט ווייט פון בוכענוואַלד, אַרומגערינגלט מיט ס.ס.־לייט, וואָס קאָנען לאָזן זייערע טויט מכשירים אויף אונדז, און זיך צוריקגעקערט צו די וואַגאָנען. די אַוויאָנען האָבן אָנגעמאַכט אַ חורבן, דער צוג איז צעשמעטערט, פיל טויטע ליגן אַרום, און מיר קלויבן צוזאַמען די טויטע און פאַרוווּנדעטע. עס קומט דער רויטער קרייץ מיט די דאָקטוירים און גיבן הילף נאָר די פאַרוווּנדעטע ס.ס.־לייט. עס ליגן העפטלינגען מיט אויפגעריסענע בייכער, מיט אָפּגעריסענע הענט און פיס, דאָקטאָר מאַקאָווסקי פון קראַנקען־הויז אין מאַנעוויץ איז מיט אונדז. ער לויפט צו יעדן פאַרוווּנדעטן און טוט וואָס ער קאָן. די שטערבלעך פאַרוווּנדעטע קאָן ער גאָרנישט העלפן. ער האָט בלויז אַ פּאָר פּאַפּירענע באַנדאַזשן. אַזוי קלייבן מיר צוזאַמען די טויטע העפטלינגען אין איין זייט און די ס.ס. לייט — אין דער צווייטער. נאָר די פאַרוווּנדעטע ס.ס. לייט ווערן אָפּגעפירט אין אַ שפּיטאָל. די מיידלעך, וואָס זענען געקומען מיטן רויטן קרייץ, טיילן וואַסער פאַר אַלע און נעמען צוזאַמען די צעריסענע שטיקער קערפּער אין פעלד.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען צום וואַקזאַל פון האַלבערשטאַט, 50 קילאָמעטער פון בוכענוואַלד און 150 פון מאַגדעבורג.

אין דעם ריינעם שטעטעלע האַלבערשטאַט מאַרשירן מיר פאַרביי געשעפטן, ווו מען קריגט אַלץ. יעדער טוט זיין טעגלעכע אַרבעט. ציווילע שטייען און קוקן אויף אונדז. מיר מאַרשירן ווייטער אינטער דעם איינדרוק פון טויט. ווידער קומען מיר אָן אין אַן אויסגעהאַקטן וואַלד.

דער לאַגער האַלבערשטאַט. ווי די אַנדערע לאַגערן, איז אויך אַרומגעצוימט מיט עלעקטרישע דראָטן, און געפינט זיך אין אַ טאָל צווישן צוויי בערג.

אַריינקומענדיק אין הויף פון לאַגער, האָבן מיר געזען דריי מענטשן אין פּאַסנקליידער צוגעבונדן צו עלעקטרישע סלופּעס מיט די הענט אויף הינטן.

מיר שטייען אין אַ לאַנגע ריי. ס׳קומט דער לאַגער־פירער און פּאַר־אָרדנט שטרענג, ס׳זאָל זיך אויסטיילן באַזונדער יידן, רוסן און פראַנצויזן.

שוין שטייען דריי גרופּעס. באַלד פרעגט ער ווער עס קאָן איבער־זעצן אויף פראַנצויזיש און ווער אויף רוסיש. גלייך טרעטן אַרויס איבער־זעצער. דער פירער פון לאַגער דערציילט אַז דאָ אין לאַגער איז זייער שטרענג. ווען איינער פונדאַנען גנבעט, אַנטלויפט אָדער פּאַסט זיך נישט צו צו די פּאַראָרדנונגען, ווערט גלייך איבערגעגעבן צו דער „געסטאַפּאָ" און גע־האַנגען. אָט דאָ שטייען דריי רוסן, וועלכע האָבן געגנבעט קאַרטאָפל אין דער קיך; זיי מוזן שטיין ביז די קאָמאַנדאָס קומען פון דער אַרבעט, דאָס הייסט פון 7 אינדערפרי ביז 7 אָוונט. די איבערזעצער גיבן אַלץ איבער אין די פאַרשידענע שפּראַכן: דאָס הייסט: פאַר נעמען קאַרטאָפל שטייען דריי מענטשן צוגעבונדן צו די עלעקטרישע סלופּעס 12 שעה אין אַ ווינטער טאָג. דאָס איז געווען דעם 19־טן פעברואַר 1945 אין לאַגער האַלבערשטאַט.

נאָכן אויסהערן די רייד פון דעם עלטסטן און די איבערזעצער, לאָזט מען אונדז אַריין אין אַ גרויסע האַלע, פונוואַנען די נישט־יידן גייען אַרויס. אזוי זענען מיר געשטאַנען 6 שעה און זיך נישט געטאָרט רירן פון אָרט.

מיר באַקומען שוואַרצע קאַווע, און דערביי פרעגט אַ שרייבער יעדן זיין נאָמען, פאַך און אָפּשטאַמונג. איידער עס ווערט נאַכט, פירט מען אונדז אין בלאָק 14, וואָס געפינט זיך אין אַ טאָל. אַלץ איז דאָ נאַס און שמוציק. נישט קיין בעטן, נישט קיין שטרוי־זעק, נישט קיין דעקן, קיין ליכט, קיין וואַסער.

שוין דריי טעג ווי מיר ליגן אויף דער קלעפּיקער ערד. דאָס עסן איז דאָ פיל ערגער ווי אין די אַנדערע לאַגערן. 1 ברויט פאַר 6 מענטשן, אַ ביסל עקלהאַפטע קאַלטע זופּ. שוין פיל טעג זיך נישט געוואַשן, יעדן טאָג פירט מען אונדז אַראָפּ פון די בערג צום אַפּעל־פּלאַץ, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון טויער פון לאַגער. אויפן 6־טן טאָג, ווען מיר שטייען אויפן אַפּעל־פּלאַץ און אַלץ איז פאַרטיק, קומט אַ פאַראָרדנונג ווייטער שטיין צו־בלייבן. די נאַכט־שיכט גייט צו דער אַרבעט, די צווייטע קאָמאַנדע פון טאָג־שיכט קומט פון דער אַרבעט, און מיר שטייען כסדר. דאָ קומט צו אונדז אַ קאָמיסיע פון „ווערק הערמאַן געררינג", וואָס אַרבעט אויס אין אַ טונעל די „וואַפע 2". די קאָמיסיע — אַ גרופּע ציווילע דייטשן מיט שטעקנס אין די הענט, אין לעדערנע היטלען, גייט דורך אונדזערע לאַנגע רייען און קוקט יעדן אין פּנים אַריין. מיר וואַרטן מען זאָל אונדז פאַרקויפן. דערנאָך גייען מיר צוריק אין די קברים־בלאָקן. דער שמוץ עסט אונדזערע לייבער און מען

הערט זיך נישט אויף צו קראַצן. אַזוי ליגן מיר גאַנצע טעג און טוען די אומריינע אַרבעט פון זיך אַ ביסל באַפרייען פון די לייז.

אויפן 8־טן טאָג מעלדעט מען אונדז, אַז מיר גייען אויף אַרבעט. מען שטעלט צוזאַמען אַ 310־טע קאָמאַנדע פון 50 נומערן (50 מענטשן). אונדזער פירער איז אַ העפטלינג, וואָס איז שוין געווען 4 יאָר אין לאַגער. זיין אויפגאַבע איז, אונדז צושטעלן צו דער אַרבעט.

מיר גייען דאָס ערשטע מאָל אין טונעל „הערמאַן גערינג" אונדזער גרופּע ווערט געפירט פון ס.ס. לייט נישט פון דער „ריינער ראַסע". מיט אַ פרעמדן אַקצענט שרייען זיי: „שנעלער אויפגיין!"

אויף די וועגן שטייען „ריין ראַסיקע" מיט גומענע שטעקנס און הערן נישט אויף צו שלאָגן מכות רצח די קאָמאַנדעס וואָס גייען אין טונעל אויף אַרבעט. מיר לויפן ווי משוגעים און צעברעכן די פיס אויף די פאַרשידענע מאַטעריאַלן, וואָס וואַלגערן זיך אויף די וועגן. ענדלעך קומען מיר אין טונעל, וואָס איז נישט ברייט און נישט גענוג ליכטיק. איין פּאַרטיע גייט אַרויס און אַ צווייטע — אַריין. און דערמיט גייען 2 ליניעס, וואָס פירן אַרויס די אויפגעריסענע שטיינער אין וואַגאָנעטקעס. די ס.ס.־לייט, וואָס קאָנטראָלירן דאָס אַלץ, שטייען אין די זייטן פון טונעל ווי הינטשלעגער מיט שטעקנס און האַקן איבער די קעפּ, אַז מען זאָל מאַכן „לויפשריט". מיר לויפן צווישן מאַשינען, וואָס גייען איןביידע ריכטונגען און ווערן פאַרטויבט פון די גערוישן און געשרייען פון די ס.ס.־לייט. מענטשן ווערן צעקוועטשט צווישן די שנעל לויפנדיקע מאַשינען. די צעקוועטשטע ווערן אַרויסגעפירט אויף די וואַגנעטקעס, צוזאַמען מיט די שטיינער.

מיר קומען אויף אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ „הערמאַן גערינג". דער מייסטער טיילט אונדז צו אַרבעט. אונדזער אויפזעער, וואָס האָט אונדז אַהערגעבראַכט, האָט גאָרנישט צו זאָגן. דער מייסטער צעטיילט אונדז אין באַזונדערע גרופּעס צו אַ צווייטן מייסטער. דער צווייטער, וואָס פירט אָן מיט אונדז, איז אויך אַ האַמבורגער דייטש מיט אַ בייז פּנים אָן צוין. ער רעדט צו אונדז מיט אַ האַמבורגער אַקצענט און מיר פאַרשטייען נישט קיין וואָרט. אונדזער אַרבעט דאַרף זיין: אויפרייסן שטיינערנע ווענט און אַרויפלאָדן די שטיינער אויף וואַגאָנעטקעס. די ווענט דאַרפן מיר האַקן מיט פּיקעס.

די אַרבעטס־צייט אין דעם טונעל איז 12 שעה, עס אַרבעטן 2 שיכטן טאָג אין נאַכט. מיר אַרבעטן דעם טאָג־שיכט פון 7 אינדערפרי ביז 7 ביינאַכט.

יעדן אינדערפרי ווערן מיר אויפגעוועקט נישט דורך קיין גלאָק, נאָר דורך אַ ווילדן דייטש מיט אַ שטעקן אין זיינע גרויסע הענט. די בייזע וואַסער־אויגן מאַכן אים ענלעך צו אַ תליון. מיר שטייען טאַקע שנעל אויף די פיס און לויפן גלייך אויפן אַפּעל־פּלאַץ. דאָ אין לאַגער האַלבערשטאַט געפינט זיך איין גרויסע קאַבינע פאַר אלע העפטלינגען און איין וואַסערקראַן, ווייט פון די בלאָקן. אַלע זענען שמוציק און פאַרלייזיקט. איבאַוונט,

ווען מיר קומען צוריק אין לאַגער, באַקומט מען די קאַלטע און עקלהאַפ־טע זופּ.

נאָך 15 טעג טאָג־שיכט, טוישט מען אונדז אויף נאַכט־שיכט: פון 6 אָונט ביז 5 אינדערפרי. די נאַכט־שיכט איז פיל ערגער — מיר האָבן נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט. דאָס צוריקקומען אינדערפרי פון דער נאַכט־אַרבעט דויערט לאַנג ביז מען לייגט זיך אַוועק אויף די פּאַרלייזיקטע שטרוי־זעק. 13 אַזייגער וועקט מען אונדז, זיך צוגרייטן צו דער נאַכט־שיכט אַרבעט. פאַרן אָפּמאַרשירן צו דער ארבעט באַקומען מיר די טעגלעכע שפּייז 2 אַזייגער. אין לאַגער צירקולירן אַ באַגרענעצטע צאָל טעלער, וואָס ליגן אין די הענט פון די שטאַרקע, דער רוב נישט־יידן. מוז מען וואַרטן איינער אויפן צווייטן, צו קאָנען נעמען דאָס ביסל עקלדיקע קאַלטע זופּ.

דער וואָס באַקומט די זופּ גייט אַריין אין גרויסן האַל, וואָס נעמט אַריין מער ווי 2000 מענטשן, און עס איז נאָך דאָ פּלאַץ אויף שמוציקע שטרוי. דאָרט זיצן פיל נישט־יידן, וואָס אַרבעטן מיט אונדז: פראַנצויזן, רוסן, יוגאָסלאַוון, פּאָליאַקן, לעטן. נאָך דער זופּ־פאַרטיילונג ווערט קיינער נישט אַרויסגעלאָזט. יעדער האַלט זיך ביי זיין גרופּע פון דער זעלבער נאַציע.

די רוסן זינגען צוממייסטן. אַזוי מישן זיך אויס פינף פעלקער, וואָס לעבן צייטנווייז נישט בשלום צווישן זיך. אַ טייל, ס'רוב פון די סלאַווישע פעלקער, זענען געווען ספּעציאַליזירט מיט פאַרשידענע טריקן צוצוגנבענען דאָס שטיקל ברויט ביים חבר. דאָס פלעגט ווערן אַזוי געמאַכט: אין איין האַנט האַלטסטו די פּאַרציע ברויט און אין דער צווייטער די זופּ. איינער כאַפּט אַראָפּ די מיץ, דער צווייטער דאָס ברויט, דער דריטער די שיסל זופּ, נאָך וועמען צוערשט לויפן?

דער אַלטער בערך 70 יעריקער מייסטער האָט נישט אויפגעהערט צו דהאָען, אַז ער וועט אַלע דרעק־יידן טויטן מיטן קניפּל. ער שלאָגט מיט אַ באַזונדערן סאַדיזם. אַזוי גייען טעג נאָך טעג. צו דער קאָמאַנדע, ווו איך האָב געאַרבעט, איז צוגעטיילט אַ לאָמער ס.ס.־מאַן, געקומען פון מזרח־פראָנט. 7 מאָל געווען פאַרוואונדעט, מיט איין האַנט און איין שטייפן פוס און אַ גומענעם אונטן. ווי איז געווען צו דעם, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט. ער נעמט אַוועק אַ העפטלינג און הייסט זיך אים בוקן און ציילט אַריין 25 שטעקנס. אַזוי קומט ער אָפּט אין טונעל און נעמט נקמה פאַר זיין שוואַרצן סוף, וואָס ער האָט געהאַט אויפן פראָנט.

די מענטשן פאַלן דערשעפּט פון דער אַרבעט, פון ווייניק עסן און שרעקלעכע באַדינגונגען. די שטערבלעכקייט איז גרויס. דער לאַגער ציילט 4500 פאַרשפּאַרטע, און יעדע וואָך זענען דאָ בערג טויטע. דאָ איז קיין קרעמאַטאָריע נישט פאַראַן, און די טויטע ליגן ביז שבת, דאָס באַגראָבן די טויטע פלעגט דויערן אַ גאַנצע נאַכט. דאָס לעבן איז נאָך ערגער ווי אין

די ביזאיצטיקע לאַגערן, ווו איך בין געווען. די קאַמער מיט די טויטע גע־פינט זיך צווישן די בלאָקן, ווו מיר זענען, עס פילט זיך אַ שרעקלעכער ריח.

יעדן פרימאָרגן קומט דער בלאָק־עלטסטער, אַ טעמפּער דייטשער פאַרברעכער, מיט זיין געהילף, וואָס איז שוין לאַנגע יאָרן אין די לאַגערן. ער וועקט אונדז מיט זיין סענקעוואַטן שטעקן, אויב דאָס גייט נישט צו אַזוי שנעל ווי ער וויל, שיקט ער זיין פאָליציי־הונט. אַזוי טרייבט מען אונדז יעדן פרימאָרגן אַרויס אויפן אַפּעל־פּלאַץ, און דער הונט רייסט אָפּ שטיקער פון אויסגעדאַרטן פלייש.



ביים אַוועקרוימען די אומגעקומענע.

ווי יעדן שבת, קומט אויפן אַפּעל־פּלאַץ דער באַפעל: „יודען שטיין בלייבען!“ ווידער שלעפּן מיר זיך מיט די טויטע, וואָס ליגן אין די קאַסטנס, עס גליטשן זיך אַרויס די אויסגעדאַרטע הענט פון אַ טויטן, זיי הענגען אַראָפּ ווי צוויי בייטש־שטעקלעך איבער אונדזערע אַקסלען. מיר קומען פאַר דעם גרויסן ברודער־קבר, היינט שטייט דאָרט אַ העפטלינג, וואָס פירט אָן מיט די אַרבעט, ער וויל נאָכמאַכן די אמתע ס. ס.־לייט און שרייט כסדר: „אַרונטערשמייסען!“.

אָנהויב אין חודש אַפּריל 1945, ווען מיר קומען פון דער אַרבעט אין לאַגער, טרעפן מיר אַ נייע סיטואַציע. וואָס דאָ קומט פאָר באַאומרואיקט אונדז שטאַרק. די 4500 העפטלינגען געפינען זיך דאָ צושטעלט אין לאַנגע רייען אויפן אַפּעל־פּלאַץ. יעדער פון אונדז זאָגט זיינע השערות, גענוי ווייסט קיינער נישט. מען גלויבט ווידער אין עוואַקואַציע. די נאַכט שלעפּט זיך אַדורך אין טומל און אין געפילדער. מיר קנוילן זיך ווייטער צוזאַמען אויף אונדזערע געלעגערס. אויף צומאָרגנס גייען מיר נישט צו דער אַרבעט.

נאָכן אַפּעל טרייבט מען אונדז נישט מער אין די בלאָקן. די אַפּריל זון וואַרעמט אַ ביסל, און מיר לייגן זיך אויס אויפן פּלאַץ און שינדן ווידער די אַזוי אויך פון שמוץ צעריסענע הויט פון קערפּער.

דער לאַגער־פירער מיט די ס.ס.־לייט באַפעלן אויסצושטעלן; די ס.ס.־לייט זוכן באַהאַלטן געווער אין די בלאָקן. אויפן דריטן טאָג מעלדעט מען אונדז אויפן אַפּעל, אַז מיר גייען אויף טראַנספּאָרט.

אין אָוונט פון 8־טן אַפּריל 1945 שטעלט מען אונדז אויס אין באַזונדערע שפּראַך־גרופּן: צוזאַמען פראַנצויזן און בעלגיער, רוסן און פּאָליאַקן, און באַזונדער יידן. מיר זענען 500 יידן פון פראַנקרייך, פּוילן און האָלאַנד. אונדזער גרופּע איז די קלענסטע, צוממיינסטן זענען פאַראַן רוסן. אונדזער אָפּמאַרש קומט פאָר ווי אין מאַניעווריץ.

ווי דעמאָלט, אַזוי באַגלייטן אונדז יעצט די היטלער־האָרדעס, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס, דער פירער מיטן טויטן־קאָפּ גייט אויך מיט. די ס.ס.־פירער טרייבן אונטער מיט זייערע הינטישע קולות. מיר זענען אויף די וועגן, אין פאַרזייטע פעלדער. עס ציען זיך מיליטער טיילן. די פעלדער זענען שוין צעגרינט. די ס.ס.־לייט פירן יעדע גרופּע אין אַ צווייטער ריכטונג, אין דער פינצטער אויף הינטער וועגן. מיר זעען טאַקע זייער מפּלה: דאָס מיליטער לויפט איןביידע ריכטונגען אַהין און צוריק אין אַ ווילדע בהלה.

ערגעצוווּ אָפּעריִרן עראָפּלאַנען, מיר הערן דאָס טראַסקערייִ פון די באָמבעס; אויפן הימל פליִען ראַקעטן, און באַלייכטן אונדז. מען זעט די צווייטע גרופּע, וואָס מאַרשירט אין אַ צווייטע זייט, עס קומט אַ פאַראָרדנונג זיך אויסצולייגן אויף די פעלדער. ס׳רוב גייען מיר ביינאַכט. אין אונדזער גרופּע גייען בלויז יידן, מיר טרעפן ציווילע מיט האַנט־וועגעלעך, ווו עס זיצן קינדער, די פרויען שלעפּן די וועגעלעך, מענער זעט מען נישט.

פאַרטאָג קומען מיר אָן פאַר אַ קירכע, ווו מיר זעצן זיך אויס ווי בעטלער, מיד פון דריטן טאָג זיך שלעפּן, פאַרביטערט און אויסגעהונגערט.

די נאַכט גייט דורך אונטער די קוילן פון מאַשין־געווער. יעדער וויל זיך קלאַמערן ביים לעבן. ווו מיד און דערשלאָגן מיר זענען געווען, האָט קיינער נישט געוואָלט אויסאָטעמען דאָס לעבן דורך קוילן. איינער האָלט זיך אָן צווייטן און שלעפּט זיך, דאָך ווערן אונדזערע רייען שיטערער. איך בין שוין באַלד פון די לעצטע, וואָס גייען אין די הינטערשטע רייען צו ווערן דערשאָסן. איך זע שוין מיין סוף. מיין פריינט רעזניק, נעבן מיר מונטערט און שלעפּט מיך מיט אַלע כוחות.

די היטלער־אַרמייִ לויפט צוריק אין אומאָרדנונג. אונדז קומט איילנדיק אַנטקעגן אַ סאָלדאַטן גרופּע. דער פירער פון דער גרופּע פרעגט די ס.ס.־גרופּע: „וווהין פירט איר די שייסע אַרונטערשמייסן?" מיר קומען ווייטער אָן אין אַ פעלד, ווו די פירער הייסן אונדז זיך אויסלייגן, און מיר באַקומען

250 גראַם ברויט יעדערער. אַלע ליגן און קאָנען מער נישט גיין, אַלע האָבן געשוואָלענע פיס, שוין דער 5־טער טאָג, סיי־ווי וועל איך דערשאָסן ווערן. די צעריסענע האַלץ־שיך דינען נישט מער; די פיס זענען אָפּגעריבן, צו־וואָס ווייטער מאַרשירן? איך בין זיכער, אַז איך וועל נישט קאָנען מער גיין און דער טויט איז שוין אונטער מיין נאָז.

איך טראַכט פון אַנטלויפן, ווען מיר וועלן קומען אין אַ פינצטערן וואַלד, ווייל אַ סך האָבן אזוי געטון, ווי אַזוי עס האָט זיך זיי פאַרענדיקט, איז נישט באַוווסט. דער וואָס איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געס־טאַפּע ביים אַנטלויפן, איז זיכער דערשאָסן געוואָרן. זענען דאָך צענדליקער געלעגן דערשאָסענע אויף די וועגן.

איך באַשליס פעסט, אַז מיין גיין ווייטער האָט קיין צוועק נישט; אַזעלכע, ווי איך, ליגן שוין אין די ראָוועס אָדער אויף די פעלדער דערשאָסן. ווייל איך קאָן מער נישט גיין, און פירן איז פאַר קיינעם נישט מעגלעך, ווייל אַלע זענען אויסגעשעפּט און מיד. איך ווענד זיך צו מיין פריינט, אַז מיר זאָלן אַנטלויפן. ער וויל נישט ריזיקירן אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. יעדן טאָג ווערט פון אונדז ווינציקער. ער זאָגט, אַז ער וויל נאָך לעבן. איך ווענד זיך צו אַ צווייטן. ער פאַרשטייט דאָס זעלבע וואָס איך, אַז גייען ווייטער איז אַן אומזין, אָבער זיינע פיס דינען אים נישט מער; ער וויל גערן, נאָר קאָן נישט; ער ווייסט, אַז ער קאָן אויך זיין אַ קרבן פון נישט קאָנען גיין און דערשאָסן ווערן אויפן וועג, אָבער אַנטלויפן וויל ער נישט. איך ווענד זיך צו נאָך אַ פּאָר חברים, אָבער קיינער וויל נישט אָפּגעבן דאָס אומזיניקע לעבן.

איך טרעף אַן אַנדערן פריינט פון האַלבערשטאַט, מאַקס סאַלאָמאָן, א פּוילישער ייד, וועלכער האָט אין אוישוויץ פאַרלוירן אַ פרוי מיט 2 קינ־דער. מיין געשפּרעך מיט אים איז אַ קורצער: צו איז ער גרייט צו פאַר־ענדיקן דעם טויטן־מאַרש, ווייל פאַרזעצן איז אומזיניק. פון דעם מאָמענט וואָס מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט, זענען מיר צוזאַמען. ביידע פאַרשטייען מיר די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דעם ריזיקאַלישן באַשלוס. מיר האָבן ביידע באַשלאָסן אין די לעצטע טעג פון אונדזער געפּלאַנטן ליידנס־וועג צו ריזי־קירן. וועט געלונגען איז גוט, אויב נישט — איז סיי־ווי נישטאָ וואָס צו פאַר־שפּילן. אין דרויסן הייבט אָן טונקל ווערן, דער באַפעל איז: זיך אויסשטעלן און ווייטער מאַרשירן. מיר גייען צוזאַמען, און רעדן זיך דורך ווי אַזוי דאָס צו מאַכן און באַשליסן, אַז אַנקומענדיק אין אַ פינצטערן וואַלד, זאָלן מיר באַלד אַנטלויפן אַ פּאָר טריט און זיך וואַרפן אויף די ערד; איינער קריכט רעכטס און דער צווייטער — לינקס; נישט בלייבן ליגן, נאָר כסדר קריכן אויף אַלע פיר.

מיר מאַרשירן אין אַ וואַלד, ביידע צוזאַמען און האַלטן זיך ביי די הענט. די וואַך, וואָס רינגלט אונדז אַרום, איז געדיכט. מיר גייען מיט האַרץ־

קלאַפּעניש, אפשר איז יעצט דאָס לעצטע מאָל ווען דאָס האַרץ קלאַפּט. מיר גיבן זיך דעם אָפּגערעדטן צייכן, גייענדיק ביים ראַנד פון דער קאָמאַנדע. דער ס.ס.־מאַן וואָס גייט נעבן אונדז לאָזן מיר פאַרויסגיין, און מיר — לאַנג־זאַמער. ער שרייט: שנעלער, לאוס! אין דעם מאָמענט זענען מיר שוין ביידע אויסער דער קאָמאַנדע און לויפן אין פינצטערן וואַלד אַריין, אַז ס.ס.־מאַן יאָגט אונדז נאָך און שרייט: שטיין בלייבן! מיר ליגן שוין אויפן בויך און קריכן אויף אַלע פיר, דער ווילדער ס.ס.־מאַן שרייט כסדר: שטיין בלייבן! אַזוי לויפט ער אַ פּאָר טריט און גייט צוריק.

מיר ליגן אַ פּאָר סעקונדן און הערן זיך גוט איין ווי די קאָמאַנדע מאַרשירט ווייטער. מיר קריכן אַריין טיפער אין וואַלד: איינער רעכטס, און דער צווייטער לינקס, אַזוי געדויערט אַ פּאָר מינוט און מיר בלייבן ליגן און הערן זיך ווידער גוט איין אין דער שטילקייט פון דער שוואַרצער נאַכט. אַלץ אַרום איז טויט שטיל, מיר הערן געוויי די אָפּהילכן פון מאַשין־געווער, וואָס טויט ווייטער די וואָס קאָנען מער נישט גיין, ווען מיר הערן שוין נישט מער די קאָמאַנדע, קריכן מיר ווייטער אין וואַלד. עס געדויערט גענוג לאַנג, ביז מיר האָבן זיך געפונען. יעצט זענען מיר ביידע אין אַ טיפע דערשלאָגנקייט; ביידע ווייסן מיר, אַז אונדזער לעבן איז אויף דער וואָגשאָל. מיר קוקן אין דער פינצטערניש — ווו מיר זענען, ווייסן מיר נישט. אַזוי זענען מיר ביידע מיט זיך אַליין אין טויט שרעק, און באַשליסן, זיך אַרויסצוריקן פון וואַלד, וואָס מער אין דער זייט. כדי זיך צו אָריענטירן, ווו מיר געפונען זיך ס׳איז שטיל, און אַרום — פינצטער. ביים ראַנד פון וואַלד איז אַ טיפער ראָוו, וואָס טיילט אָפּ דעם וואַלד פון וועג. דאָ בלייבן מיר זיצן אָנגעשפּאַרט איין פּלייצע אויף דער צווייטער און קוקן זיך אַרום, צו קומט נישט עמעצער.

די אויגן קריכן אַרויס פון קאָפּ. עס ווילט זיך שלאָפן, און מיר מאַטערן זיך — נישט איינצושלאָפן. די נאַכט איז אומברחמנותדיק קאַלט. אַזוי זיצנדיק באַמערקן מיר, אַז עפּעס באַוועגט זיך אין דער פינצטער. יעצט אַנטלויפן האָט קיין זין נישט, מיר רוקן זיך נאָך מער איינעם צום צווייטן, ווי איין פאַרגליווערט שטיק זענען מיר. שטיל קומט צו אונדז צו איינער אין גומענע שטיוול און זאָגט: „דאָ ליגן צוויי און דאָרט ליגן אויך צוויי״. און גייט ווייטער. מיר בלייבן זיצן אין טויט שרעק. ווען עס הויבט אָן אַ ביסל טאָג ווערן, פאַרלאָזן מיר גלייך דאָס אָרט, און קומען צו אַ דאָרף.

אין געסל שטייען אַ פּאָר מיידלעך. דערזעענדיק אונדז, זענען זיי באַלד אַריינגעלאָפן אין אַ הויז. באַלד וואַקסט אויס איינער מיט אַ גרינעם הוט אויף אַ מאָטאָציקל. דאָ זעען מיר שוין אַז מיר זענען אַריינגעפאַלן. ער וואַרפט זיך אויף אונדז מיט אַ הינטיש ברילן און דראָט צו דערשיסן. דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט, און מיר פילן טאַקע די לעצטע מינוטן פאַרן טויט. ער פירט אונדז אַריין אין אַ קאַמער און פאַרשליסט. מיר טרעפן אין קאַמער נאָך צוויי (נישט קיין יידן). נאָך אַ ביסל צייט קומט ער צוריק און שליסט

אויף די קאַמער האַלטנדיק אין זיין בלוטיקער לאַפּע דאָס געווער. ער פירט אונדז ביידע און זידלט: „איר באַנדיטן, אַנטלויפן האָט איר געוואָלט!" ער ווייזט אונדז 4 דערשאָסענע העפטלינגען אין פאַסן־קליידער אין מיטן וועג, און שרייט: „צוגלייך ווי זיי וועט איר דערשאָסן!". ער פירט אונדז אויף אַ פעלד אין האַלט דעם רעוואָלווער כסדר אין האַנט און הערט נישט אויף צו זידלען, די מענטשן־חיה צייכנט אָן מיטן שטיוול אויף דער נאַסער ערד די גרויס פון אַ קבר פאַר אונדז און אויך פאַר די 4 דערשאָסענע, וואָס ליגן אויף די וועגן. דערביי זענען שוין דאָ נאָך צוויי אַנדערע, ווי ער, אין ציווילע קליידער, ער באַפעלט זיי צו רופן דעם בירגערמייסטער.

עס קומט אַ גאַנץ דיקער דייטש מיט 4 באַוואָפנטע ציווילן מיט לאָ־פּאַטעס פאר אונדז צו גראָבן דאָס קבר, דער ערשטער רעדט מיטן בירגער־מייסטער וועגן אַראָפּנעמען די גומערן פון אונדז נאָכן דערשיסן. מיר גראָבן און הערן זיך איין דאָס געשפּרעך.

אין אונדז גליווערט דאָס בלוט, שוין וועלן מיר זיין טויט? מיר פאַר־ענטפערן זיך פאַר זיי, אַז מיר זענען נישט קיין באַנדיטן, נאָר האָבן פאַר־לוירן אונדזער קאָמאַנדע. „ניין"! — גרילצט ער — „איר האָט געוואָלט אַנטלויפן."

אזוי שטייען מיר אין פעלד צווישן הימל און ערד, די פיר באַוואָפנטע אַרום אונדז רעדן צווישן זיך. מיר שטייען מיט די רודלס אין האַנט און גראָבן דאָס קאַלטע קבר, וווּ אונדזערע קערפּערס וועלן באַלד אַריינגעוואָרפן ווערן.

עס איז שווער צו טראַכטן שטייענדיק אין אייגענעם קבר. מיר גראָבן פּאַמעלעך, עס זאָל דויערן לענגער. די טרערן גיסן זיך פון די אויגן, ס'איז שווער אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

איך פיל ווי דאָס האַרץ שטעלט זיך מיר אָפּ, דאָס בלוט אין מיינע אָדערן גליווערט, איך בין אינגאַנצן ערשט 35 יאָר אַלט געוואָרן, און שוין וועט מיין לעבן באַלד פאַרענדיקט.

איך מיט מיין פריינט סאַלאָמאָן לעבן די לעצטע שעה'ן. איך קוק זיך אַרום און געזעגן זיך מיט אַלעמען אין געדאַנק. איך טראַכט פון אַלץ, און עס ווילט זיך אויסשרייען אונדזער פּיין, אונדזער ווייטיק אין דער וועלט אַריין. אַלץ אַרום בליט, אַלץ לעבט: די פייגל זינגען די בוימער בליען, און באַלד וועלן מיר אַריינגעוואָרפן ווערן אין נאַסן קבר.

איך טראַכט פון מיין משפחה, פון מיינע טאַטע־מאַמע, פון מיינע 4 ברידער און 2 שוועסטער מיט זייערע משפחות, וואָס זענען דורך די זעלבע מערדער דערמאָרדעט און פאַרברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריע פון טרעב־לינקע אָדער אין אוישוויץ. יעצט איז מיין רייע — נאָך צוויי יאָר מאַטערן זיך אין די לאַגערן פון בירקענאו, מאַניעוויץ, בוכענוואַלד, האַלבערשטאַט.

איך טראַכט פון מיין איינציקן זונעלע, וואָס איז נאָך קיין 5 יאָר נישט

אַלט. צו לעבט ער נאָך אָדער האָבן אים שוין אויך די הענקער פאַרברענט אָדער אין אַ שטיינערנער וואַנט זיין קעפעלע צעשמעטערט. איך זע אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען פאַר מיינע אויגן; איך ווייס אַז איך גראָב אַ קבר פאַר זיך. מיך פריינט רעדט פון זיך פרוי און צוויי קינדער וואָס זענען אין אוישוויצער קרעמאַטאָריע פאַרברענט געוואָרן.

אַזוי שטייען מיר און גראָבן פאַרלאָזט פון דער וועלט; מיר, צוויי לעבעדיקע מתים, האָבן מער גאָרנישט צו זאָגן. מיר שטייען געבויגן אונטערן לאַסט פון מאלך־המות און וואַרטן אויפן טויט. עס איז זייער שווער איבער־צוטראָגען די לעצטע שעה׳ן אין לעבן. אונדזערע היטער שטייען אַרום אונדז. עס קומט דער בירגער־מייסטער און רעדט עפּעס מיט די אַנדערע. עס הערט זיך אַ שטאַרקע שיסעריי אַרום אונדז. דער דייטש מיטן גרינעם הוט ברענגט נאָך 4 העפטלינגען, צווישן זיי 2 יידן פון פוילן.

מיר זענען שוין צוזאַמען 6 מאַן, וואָס ווערן געהיט פון 4 באַוואָפנטע. מיר שטייען נאָך אַלץ ביי דעם אָפענעם קבר, זעענדיק אַנטקעגן זיך נאָך 4. דער באַנדיט מיטן מאַטאָר לויפט פלוצים אין איילעניש אַוועק.

פון ווייטנס הערט זיך אַ שיסעריי. עס קומט ווידער דער בירגערמייסטער און הייסט אונדז אַרויסגיין פון קבר. ער רעדט צו אַלע זעקס: „נעמט צוזאַמען די טויטע און שמייסט זיי אַריין אין גרוב, און איר וועט — נישט דערשאָסן ווערן...״

מיר ווייגען פאַר פרייד, וויטער זיך געפינען צווישן די לעבעדיקע. דער בירגערמייסטער גייט אַוועק, און מיר פאָרן זיך ביים פונאַנדערקלייבן די דערשאָסענע און ברענגען זיי צום גרוב, אַלע 4 ליגן שוין נעבן אויסגעגראָ־בענעם קבר. מיר וויקלען איין יעדן באַזונדער איך פלעטן, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף זיך און לאָזן זיי אַראָפּ איינעם נאָכן צווייטן. דאָס האָט גע־דויערט ביז 12 אַזייגער. דאָס קבר איז שוין פאַרשיט. דאָ קומט דער בירגער־מייסטער מיט אַ גרויס קיילעכדיק ברויט און אַן עמער וואַסער און גיט יעדן פון אונדז אַ שטיקל ברויט און אַ שעפּ וואַסער.

די 4 היטער זענען באַוואָפנטע און מיר שטייען פאַרן פרישן קבר. עס הערט זיך גוט די שיסעריי. דער פראָנט, זעט אויס, איז געווען גאָר נאָענט פון אונדז. דער דייטש מיטן מאָטאָר איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. מיר שטייען אויפן זעלבן פּלאַץ, 2 אַזייגער קומט נאָך אַ ציווילער און אַלע 5 פירן אונדז אַוועק אין אַ קליין שטעטל.

מיר גייען דורך די גאַסן, אַלץ איז פאַרמאַכט, די געשעפטן זענען גע־שלאָסן און די לאָדנס אַראָפּגעלאָזן. עס צעשרייט זיך איינער פון ווייטן: „אַרונטערשמייסן די שייסע!״ אַזוי פירט מען אונדז, פרויען ווילן זיך דער־נענטערן און עפּעס געבן. די ציווילע היטער, וואָס פירן אונדז, דערלויבן נישט, אַלע אַרום קוקן אויף אונדזער שרעקלעכן מצב. מיר קומען אָן צו אַ

בריק, ווו עס שטייען נאָך אַזעלכע ווי מיר. זיי ווערן געהיטן דורך ס.ס.־לייט, אויך מיר ווערן דורך זיי איבערגענומען.

יעצט זענען מיר ווידער אין די הענט פון די ס.ס. די וואָך לויפט אויף די צווייטע זייט בריק, עס הערט זיך אַ שרעקלעכע קאַנאָנאַדע.

באַלד קומט אָן אַ לאַסט־וואַגאָן, וואָס פירט אונדז איבער די בריק. אויף דער בריק שטייען צוויי זעלנער, וואָס דאַרפן זי באַלד אויפרייסן. ווען מיר זענען אָנגעקומען אויף די צווייטע זייט, האָט דאָס מיליטער געשריגן: „לאוס! לאוס!" דער אויטאָ שלעפט אונדז אַ ביסל ווייטער, און עס דערהערט זיך אַ שרעקלעכע קאַנאָנאַדע, מיר שפּרונגען אַרויס פון אויטאָ און לייגן זיך אויס אויפן פעלד. דאָס קאַנאָנאַדע הערט נישט אויף, עפּעס רוויכערט זיך פונוויטנס, דאָס מיליטער אַנטלויפט, די בריק, איבער וועלכער מיר זענען נאָר וואָס אַריבער, איז שוין אויפגעריסן.

מיר זענען אַליין און ליגן צוגעשמידט צו דער ערד, אָבער זיך אויפשטעלן קאָנען מיר נישט, דאָס טראַסקעריי הערט נישט אויף. אַזוי ליגן מיר און קוקן ווי אַלע ס.ס.־לייט אַנטלויפן, עס גייען די לעצטע זשאַנדאַרן און קלויבן צענויף, וועמען זיי טרעפן אויפן וועג און נעמען אויך אונדז מיט. ווייטער פירן אונדז די ס.ס.־לייט צו אַ סטאַציע, ווו עס זענען דאָ פיל העפטלינגע (גישט קיין יידן). מיר קומען אין אַ גרויסן הויף פול מיט ס.ס.־לייט. ווען עס ווערט פינצטער, פירט מען אַלע ווייטער: רוסן, פראַנצויזן, בעלגיער און יוגאָסלאַוון; יידן זענען געווען ווייניק. אַזוי גייען מיר ביז שפּעט אין דער נאַכט דורך שטעטלעך און דערפער, די דייטשן לויפן אין אַ וויסטער בהלה.

אויף די וועגן באַוועגט זיך פיל מיליטער, מיר זעען זייער מפּלה, מיר גייען איבער די פעלדער און די אַרמיי ציט זיך אויף די שאָסייען. די ס.ס.־אָפיצירן זענען פאַרביטערט און שרייען: „אַוועק מיט די שייסע! אַרונטערשמייסן." זיי זעען שוין זייער מפּלה און ווילן פּטור ווערן פון איבעריקע עדות.

מיר גייען אויסגעמאַטערטע. עס איז שוין דער 13־טער אַפּריל. שפּעט ביינאַכט קומען מיר אָן אין אַ לאַגער (ווו דאָס איז געווען, ווייס איך נישט ביז היינט צו טאָג). די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, דאָס מאַשין־געווער האָט געהאַקט אָן איבערייס, פיל העפטלינגען זענען דערשאָסן געוואָרן. ווען מיר זענען אַריין אין לאַגער, איז פאַר אונדז קיין פּלאַץ נישט געווען. דער פּלאַץ איז ארומגעצוימט מיט עלעקטרישע דראָטן.

אַזוי ליגן מיר אין דרויסן אַ פּאָר שעה. דער גיהנום איז אומבאַשרייבלעך, די באַנדיטן זענען ווילד, זיי טויטן מענטשן אָן אַ פאַרוואָס. ווען עס ווערט גוט ליכטיק, הערט זיך שוין ווייטער: „איינטרעטן! אָפּמאַרשירן!" אַזוי הייבט זיך ווידער אָן אַ טאָג פון שווערע פּייניקונגען. מיר גייען אונטער דער דראָונג פון טויט, שוין 5 טעג זינט מען טרייבט און מען הרגעט אונדז. די ס.ס.־לייט שיסן אָן אויפהער. עס שטייען פיל פּרווען און טיילן עסן און מילך די סאָלדאַטן, וואָס לויפן צוריק פון פראָנט. מיר זעען פיל מענער אין ציווילע

מאַנטלען אויף זייערע מיליטערישע קליידער, מיר זעען זייער מפּלה, אָבער זענען נאָך אַלץ אין זייערע הענט, ביז דער לעצטער מינוט טוען זיי זייערע מערדערישע מלאכה.

מיר גייען איבער באַמיסטיקטע פעלדער מיט פּאַרפוילטע בוראַקעס און מייערן, עס לויפן העפטלינגען כאַפּן די מערן, און ווערן דערביי דערשאָסן.

די גאַנצע קאָמאַנדע וויגט זיך גייענדיק, אַלע זענען טויט מיד. מיר גייען שוין זעקס מעת־לעת, דאָס איז געווען די שרעקלעכסטע פּייניקונג, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין, זינט מיר זענען געווען אויף עוואַקואַציע. אַזויפיל דערשאָסענע האָב איך נאָכנישט געהאַט געזעען. פון ווייטענס ברענט. עראָפּלאַנען רוישן איבער אונדז.

מיר גייען איבערן פעלד און זעען ווי די רעכטע זייט פון שאָסיי איז באַדעקט מיט טאַנקען אין אונדזער ריכטונג. אַלע ווי איינער זענען מיר עלעקטריזירט און בלייבן מיט איינמאָל שטיין און קוקן צו די טאַנקען, וואָס קומען אַלץ נענטער צו אונדז. אַלע ווי איינער זעצן זיך אויף דער ערד, אויך די ס. ס., וואָס האָבן אָן איבערייס געשאָסן אויף אונדז, רעדן מער קיין וואָרט נישט. מיר זיצן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און קוקן וואָס דאָ קומט פאָר, מיר זעען שוין, אַז דאָס איז אַמעריקאַנער מיליטער, וואָס קומט צו אונדז מיט מאַשין געווער אין האַנט. אַלע הויבן זיך אויף מיט פרישע כוחות און לויפן אַנטקעגן צום מיליטער. מיר שרייען אויף אַלע לשונות, מיר פאַלן זיי קישן זייער פיס, מיר זענען משוגע פאַר פרייד, מיר זענען פריי! פריי!...

מיר זענען נישט נאָרמאַל און ווייסן נישט וואָס מיר טוען, אונדזער פרייד ווערט פאַרוואַנדלט אין משוגעת. די ס. ס.־לייט וואָס זענען געבליבן זיצן, ליגן אָפּ דאָס געווער. די פירער זענען אין מיטן וועג אַנטלאָפן. די באַפרייטע וואַרפן זיך אויף די ס. ס.־מערדער, וואָס זיצן רואיק ווי נישט זיי מיינט מען. די רוסן און די פּאָליאַקן וואַרפן זיך אויף זיי, אָבער די אַמעריקאַנער לאָזן נישט, זיך נוקם זיין, און נעמען זיי אַוועק.

ס׳לויפן טאַנקען און לאַסט־אויטאָס און מיר לויפן נאָך און שרייען פאַר פרייד, פון די טאַנקען וואַרפט מען אונדז אַרויס ברויט, שאָקאָלאַד, ציגאַרעטן.

יעצט זענען מיר צושפּרייט אויף די פעלדער, ווו עס קומט פאָר אַ קאַמף צווישן דער אַוויאַציע פוןביידע זייטן. די קאַנאָנאַדע הערט נישט אויף, מיר ליגן אויף דער ערד, עס פאַלן ווייטער העפטלינגען און דאָס זענען גע־וועזן די לעצטע וואָס איך האָב געזעען אויפן פעלד. דערביי זענען געפאַלן אַ סך פון מיינע באַקאַנטע — אין גרעסטן עקסטאַז פון פרייד, פון פרייד צו זיין באַפרייט, צווישן די לעבעדיקע.

אין דער גרויסער סומאַטאָכע, האָב איך ערשט פאַרלוירן מיין פריינט סאָלאָמאָן, מיט וועלכן כ׳האָב צוזאַמען מיטגעמאַכט דאָס ערגסטע, צוזאַמען האָבן מיר זיך געגראָבן דאָס קבר און יעצט, אין מאָמענט פון באַפרייאונג, האָבן מיר זיך פאַרלוירן. מיינע אַלע באַמיאונגען, אים צו געפינען האָבן זיך

מיר נישט איינגעגעבן. מיט 18 חדשים שפּעטער האָבן מיר זיך געטראָפן אין פּאַריז. אויך מיין פריינט רעזניק איז צווישן די לעבעדיקע. ער האָט מיר דערציילט שוידערלעכע זאַכן פון זיין פאָרזעצן דעם מאַרש — פון די 500 יידן, וואָס זענען טראַנספּאָרטירט געוואָרן מיט דער קאָמאַנדע פון האַלבער־שטאָדט, זענען נאָך דער באַפרייאונג דורך דער רוסישער אַרמיי דעם 20־טן אַפּריל 1945, נאָר געבליבן לעבן 11 פּערזאָן...

הערשל י. קויפמאַן
(פּאַריז)

אין דער פראַנצויזישער רעזיסטאַנץ
(מיט פּאַרטיזאַנער אין קאַמף קעגן די נאַציס)

איך בין אָנגעקומען קיין אַנגילים, ווען איך האָב געהאַט דורכצוגיין אַ גרענעץ פון אָקופּירטן — אויף דעם פרייען טייל פון פראַנקרייך, אָבער ס'איז מיר דאָ צוגעגאַנגען שלימזלדיק. ווען אין בין שוין געווען אויף דער צווייטער זייט, האָבן מיך די פראַנצויזישע פּאָליציסטן (אין ציווילע קליידער) פאַרהאַלטן און צוריק געפירט פון וואַנען איך בין געקומען. צוליב נישט פאַר־זיכטיקייט האָט מיך ווידער די דייטשישע מיליטער־וואַך פאַרהאַלטן און אַריינ־געזעצט אין דעם געפענגעניש פון אנגילים, ווו איך האָב פאַרבראַכט אין מערערע קאַמערן פון די דייטשישע אַדמיניסטרירטע אָפּטיילונג. איך בין דאָ געווען אין אַ קאַמער מיט זיבן יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין סעינט ביי לאַ־ראשעל. צווישן זיי האָט זיך געפינען אַ באַגאַבטער צייכענער און מאָלער — גוטקאָווסקי, אַ צווייטער, וועלכער האָט מיך אויך דערקענט, איז געווען אַ סאָקאָלאָווער — משה שוואַצבערג. שוואַרצבערגן האָב איך דאָ אין פראַנק־רייך נאָך נישט געהאַט באַגעגנט און אויך שפּעטער מער נישט געזען פאַר מיינע אויגן; צווישן זיי איז אויך געווען אַ ייד פון קנאַפּע זעכציק יאָר.

נאָכן פיינינקן זיך אַ שטיקל צייט בין איך געפירט געוואָרן צו אַן אויספאָרשונג און אויך געשטאַנען פאַר אַ פּראָצעס מיט דער באַשולדיקונג, אַז איך זאָל מיך האָבן פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש. האָט זיי געפעלט באַווייזן. און צוליב דעם מיך באַפרייט. ס'איז געווען אַ נס און אַ גליק, אין די ערשטע צייט פון דער אָקופּאַציע זענען זיי נאָך נישט געווען אַזוי עקסטרעם ווילד, און אַ קאַפּיטאַן האָט אויסגענוצט זיין איינפלוס און מיר געעצהט, איך זאָל נאָכן באַפרייען אַוועק צוריק קיין פּאַריז, ווו ס'לעבן אַ סך מענטשן און ס'וועט דאָרט באַקוועמער זיין זיך צו פאַרשטעקן.

איך בין באַפרייט געוואָרן און צוריק געפאָרן קיין פּאַריז. מיינע פריינט האָבן נישט געקאָנט גלויבן זייערע אייגענע אויגן, ווייל זיי האָבן געוווּסט וועגן מיין דורכפאַל און האָבן מיך שוין פאַררעכנט פאַר אַ זיכערן קרבן. וואָס זיי האָבן מיך ווידער געטראָפן אויף דער פריי איז פאַר זיי געבליבן אַן אויסטערליש רעטעניש.

ס'האָט אָבער נישט געדויערט לאַנג, און איך בין ווידער געוואָרן אַ קרבן, ווי אַ לאַגער מענטש האָב איך, צווישן אַנדערע, געמוזט ביי די שווערס־טע באַדינגונגען אַרבעטן ביי לאַנדווירטשאַפט. דאָרט האָט מען באַקומען קלעפּ,

און פון צייט צו צייט איז נאָך געקומען די פעלד־זשאַנדאַרמעריע אָפּגעבן וויזיטן און אויסגעזוכט קרבנות. איך אַליין האָב דעם 27 פעברואַר 1942 באַ־קומען מיין חלק קלעפּ, וואָס וועלן מיר שוין זיין געגוג צו געדענקען אויפן גאַנצן לעבן. דורך דראָנג האָט מען ביי אונדז געוואָלט אַרויסציען דעם מאַקסימום אַרבעט, דער דעוויז איז געווען: „אַרבעט אָדער קראַפּיר”. איך האָב ביי יענע באַדינגונגען געהונגערט און געגאַנגען אָפּגעריסן און באָרוועס. אַזוי האָב איך זיך געראַנגלט מער ווי זעקס און צוואַנציק חדשים. לסוף, ווען דער נייער פראָנט האָט זיך געדאַרפט אָנרוקן, האָבן זיי די מענטשן פון דאָרטן אַוועקגענומען. יידן האָט מען אַוועקגעפירט קיין אוישוויץ און אין אַנדערע פאַרניכטונגס־לאַגערן, פון וואַנען בלויז איינצלנע זענען צוריק געקומען, און די איבעריקע זענען פאַרשוווּנדן.

אין דער בהלה האָבן טייל געהאַט פאַרלוירן דעם שכל און זענען ווי שעפּסן געהאַרכזאַם געגאַנגען צו דער שחיטה — געפאָלגט און נישט גע־פּרוווט זיך צו ראַטעווען. אַ קליינער טייל האָט באַצייטנס געמאַכט פּליטה. איך בין געווען פאַרשיקט אין אַ קליין אָרט, ממש אַן איזאָלירטער, צוליב די שלעכטע באַדינגונגען האָב איך באַקומען רעוומאַטישע ווייטאָקן אין די פיס און מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון אַ חודש האָב איך ריזיקירט און — גע־מאַכט פליטה.

איך בין פאַרבייגעפאָרן פּאַריז און דערגרייכט אַ ווייטע געגנט ערגעץ־ווו אין פראַנקרייך, איך האָב אַזוי אַרום געהאַט דורכגעמאַכט אַ רייזע אַן ערך פון אַכט הונדערט קילאָמעטער.

ווידער איז געוואָרן שאַרף דאָס פּראָבלעם: וואָס צו טון און ווו זיך פאַרשטעקן. ביי יענע צייטן איז דאָס גאַרניטש געווען איינפאַך, און אין פאַר־לויף פון איניקע טעג האָב איך נישט געקאָנט געפינען קיין אויסוועג. דער באָדן איז געווען הייס און געבריט אונטער די פיס, איידער איך בין נאָך אינגאַנצן פאַרכאַפּט געוואָרן פון פאַרצווייפלונג, בין איך מגולגל געוואָרן אין אַן אינטערנירונגס־לאַגער, אָבער נישט קיין דייטשישן, נאָר אַ פראַנצויזישן אַרבעטס־לאַגער, ווו מען האָט דערווייל געהאַט מער שאַנסן אויסצומיידן טויט געפאַרן.

די געפאַרן האָבן זיך אָבער דאָך דראָענדיק אָנגעריקט, ווייל דייטשיש מיליטער האָט אויך אויף אָט די לאַגערן געמאַכט איבערפאַלן און פון דאָרטן מיטגענומען קרבנות; אַ געפאַר, אַז זיי זאָלן די אַלע מענטשן אויסמאָרדן. דעמאָלט האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן אין אומבאַקאַנטע וועלדער, ווו איך האָב ענדלעך געפונען אַ פאַרבינדונג מיט אַ פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג. אַזוי אַרום בין איך שוין געבליבן אויף ווייטער אַ וואַלד־מענטש און האָב כסדר גענומען אָנטייל און געקעמפט קעגן די דייטשישע באַוואָפנטע טרופּן. דאָס געביט פון פראַנקרייך רופט זיך מאַסיוער־צענטער. דאָס איז אַ באַרגיקע געגנט, וואָס פאַרנעמט אַן ערך אַ פינפטל טייל פון לאַנד. אַמאָל איז די גאַר

אַלטע צייטן האָבן דאָ געווילדעוועט ווולקאַנען וואָס זענען שוין לאַנג אויס־געלאָשן, איבערלאָזנדיק ביי צוויי הונדערט איינגעפאַלענע קראַטערס. דער באָדן אַרום האָט אויך נאָך אַלע סימנים פון יענע צעשטערישע צייטן. אומע־טום אָנגעוואָרפן מיט שטיינער און סקאַלעס, משופּעדיקע בערג, היילן און קוואַלן, ס׳רוב באַוואַקסן מיט גרויסע וועלדער, צווישן וועלכע ס׳ריזלען קליינע און גרויסע טייכן. און אָט די ערטער האָבן די פּאַרטיזאַנער זיך פאַרשטעקט, כדי צו קאָנען אָנגיין מיטן באַוואָפנטן קאַמף קעגן די דייטשישע מיליטער טרופּן.

איך די ערשטע גרופּע האָב איך אָנגעטראָפן 28 מענטשן. איך מיט נאָך אַ ניי געקומענעם האָבן אויסגעגליכט די צאָל דרייסיק. בלויז צוויי זענען דאָ געווען פראַנצויזן. אַלע איבעריקע זענען געווען אויסלענדער, דער רוב שפּאַניער, און די איבעריקע פערצן יידן — אָפּשטאַמיקע פון פאַרשידענע אייראָפּעישע לענדער: דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכיע, פראַנקרייך, פּוילן און אונגאַרן.

אונדזערע מענטשן האָבן זיך געהאַט מיאוש געווען פון אַלץ וואָס ס׳איז געווען אַמאָל, דאָס איינציקע איז פאַר אונדז געווען — דאָס געווער, און די פליכטן. איינגעטיילטע אין אָכטלעך, האָבן מיר יעדן טאָג געהאַט אויסצופירן פאַרשידענע אַרבעטן פאַר די ציווילע איינוווינער. אין דער געגנט זענען מיר געווען אויסטערלישע באַשעפענישן, און אַן איבעריקער ביסן פאַר די ווילדע אַפּעטיטן פון די דייטשישע רויב־חיות.

אויף וויפל מען האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכנונג איז אונדזער לאַגע געווען אַ גענוג טרויעריקע. אָט לעבט מען, און אַ ביסעלע שפּעטער... ערגעצ־ווו בלייבן מיט אַ דערשאָסענעם צעפלייטשטן קערפּער און מיטן אייגענעם בלוט באַפאַרבן די שטיינער פונעם שאָסיי. דעם וועג האָט מען אָבער גע־האַט פרייוויליק אויסגעקליבן. ס׳איז געווען מער ניחא אַזויאַרום אומצוקומען אין אָפענעם קאַמף מיט געווער אין האַנט, איידער באַשאָסן צו ווערן ווי אַ מינדערווערטיקער קרעציקער הונט ערגעצוו אונטער אַ וואַנט, אָדער אַ דער־נידעריקטער צעטרעטן ווערן דורך אַ באַנדע פאַריקטע רוצחים.

יעדע פון אָט די דאָ אַרום פאַרשטעקטע אָפּטיילונגען, איז שוין באַ־שערט געווען צו האָבן ספּעציעלע מיסיעס. מאַסקירט און באַוואָפנט זענען מיר טיילמאָל געפאָרן אין ווייטע געגנטן, הונדערטער קילאָמעטער, כדי צו צעשטערן אַ צענטער פון די פעטעניסטישע־פאַשיסטישע יוגנט, און דאָרט צו־גענומען אַלץ אין וואָס מיר האָבן זיך גענויטיקט. אַן אַנדערש מאָל האָבן מיר איבערגעשראָקן מיט אונדזער באַזוך די באַדינער און אָנפירער פון אַ צוג און פון פּאָסט־וואַגאָן צוגענומען די געלטער. מען האָט אויפגעריסן און צע־שטערט בריקן, אונטערגעזעגט און אומגעוואָרפן בוימער צו באַריקאַדן איבער די שאָסייען, געלייגט מינעס איבער די וועגן, און פון באַהעלטענישן געלויערט איבערצופאַלן דייטשן.

מיר האָבן זיך צו דעם שוין געהאַט צוגעוווינט און יעדן טאָג געמוזט

אויספירן אַן אַנדערע אויפגאַבע, און מיר האָבן אויך געהאַט אויסצושטיין פּלוצימדיקע איבערפאַלן פון די דייטשע שטראָף־עקספּעדיציעס.

טיילמאָל זענען מיר געוואָרן געשטעלט אין אַ גאָר קריטישע לאַגע און געמוזט אין מיטן נאַכט מאַכן פּליטה ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט, כדי דערוויל דאָרטן צו קאָנען כאַפּן דעם אָטעם, אָדער אָנגעטראָפן דייטשישע אָפּטיילונגען און מיט זיי אַריין אין שלאַכט.

אויסער די כסדרדיקע לאָקאַלע באַשעפטיקונגען, זענען מיר אויך אָפט געוואָרן אַרויסגערופן צי באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונגען קעגן דייטשישע גרעסערע קרעפטן. די דייטשן האָבן זיך געכיטרעוועט מיט דערשיסן ציווילע, ווי אויך אונדזעריקע, וועלכע זענען זיי אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט און דערמיט האָבן זיי געדעקט זייער פּחדנות פאַר נישט קאָנען אַריינדרינגען אין אונדזערע ערטער. אַזוי האָבן זיך געצויגן די צייטן איבער יענע אויסטערלישע היסטאָרישע טעג.

נאָכן אַריינמאַרש פון די פאַרבינדעטע אַרמייען אין פראַנקרייך, האָבן זיך די קאַמפּס מעטאָדן ביי אונדז געביטן. מען איז געוואָרן וויניקער פאַר זיכטיק פאַר די אויגן פון די ציווילע, און צייטנווייז האָבן מיר אינגאַנצן באַהערשט די געגנט, ווו מיר פלעגן מיט לאַסט־וועגן זיך באַוועגן איבער די שאָסייען. מיר האָבן זיך באַשעפטיקט מיט באַזעצן און פאַרפעסטיקן געוויסע ערטער כדי אָנצוגרייפן די דייטשישע טרופּן, אויב אַזעלכע וועלן נאָר פּרוּוון דורכגייען. ווען אַ גרויסער טייל פון פראַנקרייך איז נאָך געווען פאַרנומען פון די דייטשן, זענען מיר נאָך געבליבן אין דעם געביט און געזאַמלט כוחות און אָפּגעוואָרט, ווען ס׳וועט זיין נויטיק, זיך איבערצווואַרפן. מיר האָבן געהאַט אין אַ טייל געגנטן בלאָקירט דייטשישע טרופּן. ס׳איז אונדז טיילמאָל אויך געלונגען זיי אפילו צו נעמען געפאַנגען, אָבער אויך זיי האָבן זיך דורכגעשלאָגן מיט שטורעם אַ וועג.

אין די ערטער ווו מיר האָבן געהאַט גובר צו זיין די שטאַרקע דייטשישע באַוואָפנטע קרעפטן, האָבן די קאַמפן געדויערט עטלעכע טעג מיט קרבנות פון ביידע זייטן. אין זעלבן דעפּאַרטמענט קארבעד, אין שטעטל עגלעטאָן, זענען מיר געשטאַנען אין אַ אָפענע מלחמה קעגן 380 דייטשן, וועלכע האָבן געוואָלט אונדז צווינגען זיך אונטערצוגעבן, אָבער דאָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן. הגם צווישן זיי האָבן זיך געפינען הויכע מיליטערישע שישקעס. אין דער שלאַכט האָבן פון דער דייטשער זייט גענומען אָנטייל שווערע מאַשינען און אויך עראָפּלאַנען. נאָך ניינצן טעג האָבן זיי מיט דער הילף פון פאַרשטאַרקונגען זיך פריי געמאַכט דעם וועג און אונדזערע זענען געווען געצוווּנגען זיך צוריקצוציען, איבערלאָזנדיק צעטשערטע און פאַרברענטע הייזער מיט פיל טויטע און פאַרוואונדערטע. פון אונדזערע — 15 טויטע און אויך פאַרוואונדעטע. פון די דייטשן אַן ערך אַכצן טויטע און פאַרוואונדעטע.

די צייט איז געווען כסדר אָנגעלאָדן מיט אויסטערלישע איבערלעבונגען

וואָס זענען שווער איבערצוגעבן. מיר זענען כסדר געווען אונטערן געווער און האָבן געוואַרט אויף דעם אומבאַשטימטן. אַ גרויסער טייל פון לאַנד איז נאָך געווען פאַרנומען מיט פיינטלעכע טרופּן, וואָס האָבן געזייעט טעראָר, מאָרד און שרעק צווישן די ציווילע באַפעלקערונג. מיר האָבן כסדר געוואַרט אויף דעם וואָס דער בייזער גורל וועט צושיקן.

אין שפּעטן זומער פון יענעם יאָר, 1944 איז געווען שיין. חברה האָבן אין דעם באַפרייטן טייל וואַלד אַרומשפּאַצירט איבער די גאַסן פון די שטעטלעך און געזוכט אין די קאַפּעס פאַר זייערע קאַרגע פאַר פראַנק זיך דורכצושוועקן די העלדזער. מען האָט זיך געלאַנגווייליגט, אָבער מיר זענען געווען מיט שטאָלץ און איבערצייגונג אַז אונדזער אַרבעט און קרבנות זענען נישט געווען אומזיסט. די דייטשן זענען שוין געווען פאַרטריבן ביז די מזרח גרענעצן פון לאַנד. זיי האָבן זיך באַמיט דאָרטן אָפּצוהאַלטן און געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, דראָענדיק ווידער צו פאַרנעמען פּאַריז און זיך דערביי נוקם זיין. נאָר די אַליאירטע אַרמייען האָבן דאָס מאָל מיט זיי נישט געשפּאַסט. אין די געביטן, ווו די דייטשן זענען נאָך געווען, האָבן זיי דער־שאָסן ציווילע מענטשן, כדי אַזוי אַרום אַנצושרעקן. פיל מענטשן האָבן נאָך אין די געביטן באַצאָלט מיטן לעבן, אָבער דער שרעקלעכער מאנסטער, די דייטשישע אַרמיי, איז שוין געווען צוזאַמענגעבראָכן.

הערשל קויפמאַן מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער.

אברהם פאַרביאַרזש
(וואַרשע)

אין אַ פּאַרטיזאַנישער סאָוויעטישער דרוקעריי

די אַנדערטהאַלבן יאָר צווישן דעם דייטשישן איבערפאַל אויף פּוילן און דעם אַריינרייסן זיך פון די פאַשיסטישע באַנדיטן אויף די סאָוויעטישע טעריטאָריעס, האָב איך פאַרבראַכט אינעם שטילן אוקראַאינישן שטעטל ראָקיטנאָ, ווו כ׳האָב זיך געהאַט איינגעאָרדנט און געאַרבעט ביים אַוועקשטעלן אַ סאָוויעטישע דרוקעריי.

אברהם פאַרביאַרזש, אַ סאָקאָלאָווער,
איז נאָך דער באַפרייונג געשטאָרבן אין פּוילן.

דער פראָנט איז נישט געגאַנגען דורך אונדזער פאַרוואָרפן שטעטל. מיר האָבן געפילט אין דער ערשטער צייט די מלחמה בלויז פון די לופט־איבערפאַלן און פונעם באַווייזן זיך פון די אויסגעהאָדעוועטע דורך די היטלעריסטן אוקראַאינישע פאַשיסטישע באַנדיטן.

דריי חדשים נאָכן אויסברוך פון קריג האָבן זיך ערשט ביי אונדז באַוויזן די ערשטע ס.ס.־לייט, וועלכע האָבן נאָך „פאַרפולקומט" די „אַרבעט" פון די אוקראַאינישע פאַשיסטן — געשאָסן אויף יידישע דורכגייער, פאַרגוואַלטיקט יידישע מיידלעך, אויסגעפּרעסט „אויסקויפגעלט" ביי דער באַפעלקערונג,

שפּעטער אַ ביסל האָט זיך שוין אויף פעסט באַזעצט אַן אָפּטיילונג ס.ס. ביי אונדז אין שטאָט און די פיניקונגען האָבן אָנגענומען אַ „סיסטעמאַטישן" כאַראַקטער.

יידישע אַרבעט־באַטאַליאָנען האָבן געדאַרפט פאַריכטן די באַן־וועגן, שאָסייען, בריקן. שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז די אַרבעט איז געווען אַן עבודת־פּרך און געדויערט אַרום 12—15 שעה אַ טאָג, כמעט אָן עסן, האָבן זיך נאָך יעדן פרימאָרגן אַריינגעזעצט אין אַ דרעזינע אַ 70 אָנגעפּרעסענע היטלעריסטן, וועלכע מיר האָבן געמוזט פירן צו דער אַרבעט. זיי האָבן געוואָלט האָבן דעם פאַרגעניגן פון גיך פאָרן, און זיצנדיק אויף דער דרעזינע אונדז געשמיסן מיט נאַהייקעס שנעלער צו שטופּן די דרעזינע. דאָס זעלבע נאָך דער האַרעוואַניע.

אַזאַ „לעבן" האָבן מיר געפירט אַ גאַנץ יאָר. די דייטשן האָבן אָבער באַשלאָסן צוצואיילן אונדזער אומקום און אָנגעהויבן מאַכן די „סעלעקציעס". די ערשטע סעלעקציע איז פאָרגעקומען דעם 23־טן יוני 1942. מען האָט דאַן צונויפגעזאַמלט אַלע יידן, מענער, פרויען און קינדער, זיי פונאַנדער־געטיילט: מענער באַזונדער און פרויען און קינדער באַזונדער, דערביי זענען 8 יאָריקע יינגלעך פאַררעכנט געוואָרן צו „מענער". ביים צעשיידן אַליין האָבן זיך שוין אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדיקע סצענעס. מען קאָן זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ געפילן עס האָבן אַרויסגערופן ביי דער גאַנצער מאַסע אויסגעמאַטערטע, צעבראָכענע, הילפלאָזע מענטשן דאָס דערשיינען פון 30 באַוואָפנטע באַנדיטן צו הילף דער געוויינלעכער ס.ס.־קאָמאַנדע, וועלכע האָט מיט אונדז געבאַלעבאַטעוועט. מיר האָבן געפילט, אַז ס'גרייט זיך עפּעס שוידערלעכס.

אין דער דאָזיקער לאַגע, האָבן זיך די יידן דאָך נישט געוואָלט אָפּ־געבן צו דער שחיטה און אַ טייל האָט אָנגעהויבן אַנטלויפן ווי די אויגן האָבן געטראָגן. די דייטשן האָבן געעפנט אַ שיסעריי. איך בין געווען צווישן די אַנטלאָפענע. געפינענדיק זיך שוין אויף אַ היפּשן מהלך פון די באַנדיטן אין אַ געדיכטן וואַלד, האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז צוזאַמען מיט מיר זענען פאַראַן 12 מענטשן, צווישן זיי עטלעכע פרויען. מיר זענען אַוועק טיף אין וואַלד. געוואַנדערט טאָג און נאַכט און זיך דערנערט מיט וואַלד־געוויקסן. ביסלעכווייז האָבן מיר זיך עטוואָס באַרויקט און זיך דערנענטערט צו ישובים, בכדי קאָנען באַקומען עפּעס עסן. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט נאָך יידישע גרופּן. מיר האָבן אָבער דאַן באַשלאָסן זיך נישט צו פאַרייניקן מיט אַנדערע גרופּן, ווייל ס'איז לייכטער אין דער דאָזיקער לאַגע צו געפינען שפּייז פאַר אַ קלענערער צאָל מענטשן.

אין די וועלדער האָט אָבער אויפגעהערט צו זיין זיכער. די דייטשן האָבן נאָך אונדז אַרויסגעשיקט זייערע באַנדעס און פיל יידן דערמאָרדעט אין די וועלדער.

דאָס איז געווען זומער — און ווינטער? אָפּגעריסענע אָן שיך, אָן עסן — אין וואַלד. מיר האָבן זיך געמאַכט אַ שאַלאַש פון צווייגן. אָבער צי קאָן ער וואַרעמען ווינטער אַן אויסגעהונגערטן, האַלב־נאַקעטן מענטשן?

מיר האָבן זיך געמוזט ווידער דערנענטערן צום דאָרף. מיין גליק: עס האָט זיך געפונען אַ פויער אין אַן אוקראַיניש דאָרף, וועלכער האָט מסכים געווען מיך צו באַהאַלטן ביי זיך. פאַרשטייט זיך, אַז דער פויער האָט אַליין געלעבט אין טויט־שרעק. ביים פויערס פאָטער האָבן זיך אויס־באַהאַלטן יידן. ווייזט אויס, אַז די דייטשן האָבן עפּעס דערשמעקט, אָדער דעם פויער האָט זיך אַזוי אויסגעדאַכט, און מיר, די צוויי יידן פונעם פויערס פאָטער און איך, — האָבן געמוזט פאַרלאָזן אונדזער באַהעלטעניש אינמיטן ווינטער, פאַר ניי־יאָר, און אַוועק אין אַ פינצטערער נאַכט אין דער אַרומיקער געגנט.

איינער פון די דאָזיקע יונגעלייט איז געווען אַ קצב און האָט אונדז געדינט פאַר אַ וועג־ווייזער. ער איז געווען גוט באַקענט מיט די אַרומיקע פויערים, מיט וועלכע ער האָט פאַר דער מלחמה געהאַנדלט. די פויערים זענען געווען שטאַרק טעראָריזירט, עטלעכע האָבן שוין געהאַט באַצאָלט מיטן קאָפּ פאַר אויסבאַהאַלטן יידן, און קיינער האָט נישט געוואַגט אונדז אויסבאַהאַלטן.

איינע אַ פויערטע האָט אונדז געוויזן אויף אַ וואַלד, אין וועלכן ס׳געפינען זיך יידן, פונוואַנען זיי קומען אָפּט אין דאָרף נאָך פאַרשידענע זאַכן זי האָט אונדז אפילו געוויזן ווי אַזוי אַ הין צו גיין. לאַנג, לאַנג, עטלעכע טעג האָבן מיר געזוכט דאָס גוט־מאַסקירטע באַהעלטעניש פון אונדזערע ברידער, ביז ענדלעך האָבן מיר געפונען די צוויי באַראַקן אין וואַלד, וועלכע זענען געווען באַוווינט: איינער פון די פרויען און דער צווייטער פון די מענער. דאָרטן האָבן מיר שוין איבערגעווינטערט.

מיר האָבן געהאַט באַגעגנט באַוואָפנטע אוקראַאינער אין וואַלד, דאָס זענען אָבער געווען וואַלד־וועכטער, וועלכע האָבן אונדז פריינטלעך געוואָרנט זיך צו היטן, אָדער גאָר פאַרלאָזן דעם וואַלד, ווייל די דייטשן שיקן כסדר זייער פאָליציי אין וואַלד זוכן יידן.

מיר האָבן זיך טאַקע געמוזט צוריקציען אין אַן אַנדערן וואַלד. אָבער אויך דאָרט איז געווען אומרואיק. איך האָב באַשלאָסן אַוועקצוגיין זוכן פּאַרטיזאַנער.

מיט אַ מאָל איז ווי אַ בליץ מיר אַדורך אַ געדאַנק. דער פויער, יאַן זאַלעווסקי, ביי וועלכן כ׳האָב זיך אָנהויב ווינטער געהאַט אויסבאַהאַלטן אין קעלער, האָט געוווינט אין גאַראַכאָווא. איינמאָל ביינאַכט האָב איך אין קעלער געהערט אַ סך שטימען און קלאַנגען פון געווער. שוין זשע, האָט ער געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער? און אפשר טאַקע דערפאַר האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן זייך כאַטע?

נאָך צוויי חברים זענען מיט מיר מיטגעגאַנגען זוכן פּאַרטיזאַנער. פאַרשטייט זיך, מיר האָבן זיך גלייך געלאָזט אין דאָרף גאָראַבאַווע. געקומען אין דאָרף, זענען מיר גלייך אַוועק צו מיין באַלעבאָס יאַן זאַלעווסקי און מיר האָבן זיך געוווּנדערט, אַז ער איז באַלד איינגעגאַנגען אונדז לאָזן נעכטיקן. מיר האָבן זיך אָפּגעשווירן די לאַנגע בערד, אָנגעוואַקסענע אין וואַלד, זיך אַרומגעוואַשן, אויסגעשלאָפן אין דער וואַרעמער כאַטע. דער באַלעבאָס האָט אויף אונדזער פראַגע וועגן פּאַרטיזאַנער געענטפערט גאַנץ פּאַרזיכטיק, ווייזט אויס, נישט געהאַט צו אונדז קיין פולן צוטרוי. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז מיר האָבן ריכטיק געטראָפן.

צומאָרגנס אינדערפרי האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט די פּאַרטיזאַנער.

אַ טיפּישער רוס, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, מיט גוטע, מילדע אויגן, האָט אויף אונדזער פראַגע: איר זענט אַ פּאַרטיזאַן, אונדז גוט אָנגעקוקט, באַטראַכט און ענדלעך געפרעגט: וואָס דאַרפט איר? — אין שטאַב — האָבן מיר געענטפערט.

אַ געזעץ איז פאַראַן ביי די פּאַרטיזאַנער, וואָס ס׳איז אין קיין פאַל נישט מעגלעך איבערצושטרייטן. דאָס געזעץ לויטעט: ווילסטו ווערן אַ פּאַרטיזאַנער, מוזסטו זיך פריער באַוואָפענען דורכן אַנטוואָפענען אַ דייטש. דאָס געזעץ איז אַנטשטאַנען נישט נאָר דערפאַר, ווייל די פּאַרטיזאַנער דאַרפן האָבן געווער, נאָר אויך דערפאַר, ווייל דאָס איז אַ צייגעניש פאַר דעם נייעם פּאַרטיזאַן, אַ צייגעניש פון שנאה צום דייטש, פון דרייסקייט, פון קעמפערישקייט.

צי וועט אָבער אונדז געלונגען אויסצומיידן?...

מען האָט אונדז געפירט אין שטאַב.

אין אַ צימער האָבן זיך געפונען עטלעכע גוטמוטיקע, געלאַסענע באַוואָפנטע סאָוויעטישע מענטשן, וועלכע האָבן אונדז טאַקע דערמאָנט וועגן דעם פּאַרטיזאַנער־געזעץ, און נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז מיר האָבן נישט געקאָנט מיט הוילע הענט, אויסגעהונגערטע, אָפּגעשוואַכטע באַפאַלן דייטשן און ביי זיי צונעמען ס׳געווער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נאָך נישט דער שטאַב און האָב אויפסניי געפאָדערט, אַז מ׳זאָל מיך פירן צום שטאַב ווייל כ׳האָב עפּעס וואָס מיטצוטיילן. איך האָב גערעכנט אין שטאַב אויסצובעטן, אַז אויף אונדז זאָל נישט חל זיין דאָס דאָזיקע געזעץ.

איך האָב מיך אַליין געוווּנדערט, אַז מען האָט מיך געהערט און טאַקע געפירט צום שטאַב. פריער האָט מען אונדז באַזוכט פון קאָפּ ביז די פיס און אונדז אַריינגעלאָזט צו עטלעכע קאָמאַנדירן פון דער רויטער אַרמיי. איינער האָט מיך געפרעגט, וואָס מיר ווילן. איך חזר איבער אונדזער ביטע. עס קומט דער זעלבער ענטפער, מיט פאָלגנדיקן צוגאָב: מיר האָבן נישט קיין געווער־פאַבריקן און נישט קיין מונדורן. דער פּאַרטיזאַן מוז זיך עס אַליין פאַרשאַפן.

אונדז דריי האָט גערבאַטעוועט מיין פּאַך. ווען די קאָמאַנדירן פון שטאַב האָבן דערהערט אַז כ׳בין אַ זעצער זענען זיי געוואָרן מלא שמחה.

— דאַוואַי, בראַטקאָ, בודעט דיעלאָ!

מיר זענען אַלע דריי אָנגענומען געוואָרן אין דער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג אויפן נאָמען פון כרושטשאָוו.

איך האָב זיך דערפילט ווי אַ ניי־געבוירענער.

נעכטן — אַ געפּלאָגט, אויסגעהונגערט, הילפלאָז באַשעפעניש, אָן אַ שום פּערספּעקטיוו, אָן אַ שום ווערט — און היינט אַ מיטגליד פון אַ קעמפערישער אָרגאַניזאַציע, אַ טייל פון אַ כוח, וואָס קעמפט קעגן פאַשיזם. אַלע ארום מיר זענען שוין נישט קיין ווילד־צעטראָגענע, הילפלאָזע מענטשן, נאָר באַוווסטזיניקע, רואיקע, דרייסטע קעמפער קעגן היטלעריסטישן דייטשלאַנד, וואָס ווייסן נישט פון קיין פּחד. ניין, איך קאָן נישט איבערגעבן דעם איבערברוך אין מיין פּסיכיק במשך די עטלעכע טעג.

מיינע צוויי חברים זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין פאַרמאַציעס און איך האָב באַקומען אַ מיסיע.

דער שטאַב האָט געהאַט אַן אוצר. אין זעקעלעך זענען געווען אַריינגעשאָטן אותיות לויטן אלף־בית, יעדעס זעקעלע — אַן אות. פון דעם האָט מען גע־דאַרפט זעצן אויפרופן צו דער באַפעלקערונג, איבערגעבן באַריכטן פון די פראָנטן לויטן מאָסקווער ראַדיאָ און זיך באַמיען אַרויסצוגעבן אַ פּאַרטיזאַנער־ציַיטונג. קיין פאַכמאַן איז נישט געווען, מ׳האָט זיך וועגן דעם געווענדעט קיין מאָסקווע, נאָר קיין ענטפער איז נאָך ביז איצט נישט געקומען.

איך האָב באַדאַרפט באַווייזן דעם נס. מאַכן פון אותיות אין די זעקלעך — אַן אויפרוף.

איך האָב זיך גענומען צו דער עבודה. געלאָזט מאַכן אַ הילצערנע שופלע, אויסגעשאָטן די זעקעלעך אויפן טיש, ביי יעדן בערגעלע אותיות אָנגעשריבן, וועלכער אות דאָס איז און גענומען זעצן. ס׳האָט געדויערט אַ היפשע צייט, אָבער די חברים פון שטאַב זענען געשטאַנען פאַרגאַפטע, זעענדיק ווי ס׳וואַקסן די שורות.

דער אויפרוף האָט געהאַלטן 20 שורות. די חברים פון שטאַב האָבן מיך באַטראַכט פאַר דעם גרעסטן זעצער־ספּעציאַליסט אין דער וועלט.

ווי אַזוי דרוקט מען אָפּ דעם זאַך? אויף דעם האָט מען זיך געדאַרפט מוחן. און אָט־וואָס מיר האָבן אויסגעטראַכט: צוגעמאַכט אַ פּערט לייסטל צו דער שופלע, געמאַכט צוויי הילצערנע קליַינעס אויף פאַרפעסטיקן די פאַרעם אין דער שופלע, זי זאָל זיך נישט רוקן און נישט לויז ווערן. דערנאָך גענומען אַ שטיקל רער, אָנגעפילט אינעווייניק שטיינער, עס זאָל זיין שווערער. פאַר־שטאָפּט מיט שמאַטעס, מיט אַ שטיקל שינעל אַרומגעוויקלט די רער פון אויבן און ס׳האָט זיך באַקומען אַ וואַלץ. מיט אַ בערשטל צעפּירט אַ ביסל פאַרב אויפן שריפט און:

— דאַוואַי פּיעטשאַטאַט!

אַזוי האָבן אויסגעזען מיינע ערשטע באַשיידענע און פּרימיטיווע לייסטונ־גען פאַרן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד. מען האָט אָבער געשריגן „הורא", געמאַכט אַ שנאַפּס צוליב דעם גרויסן אויפטו און אויפן באָלשעוויסטישן שטייגער זיך גע־וווּנטשן אינגיכן אַרויסצוגעבן אַ טאָג־צייטונג. דער וווּנטש האָט אינגיכן אָנגע־הויבן רעאַליזירט צו ווערן.

דער שטאַב האָט אַרויסגעשיקט ספּעציעלע דעלעגאַטן אין די וואַיעוואָ־דישע שטעט נאָך שריפט, וואָס מ׳האָט געדאַרפט אַרויסנעמען פון די אַרבעטנ־דיקע דייטשע דרוקעריי״ען.

נאָך אַ רייע דורכפאַלן איז דאָך געלונגען צו ברענגען אַ ביסל שריפט. מיר האָבן דאַן געמאַכט אַן אמת׳ן קאַסטן און שוין געקאָנט אויסזעצן אַ היפּשן זאַץ. דער קאַסטן איז געווען אַ צונויפגעשטעלטער פון דריי קלענערע קעסטלעך, כדי מען זאָל אים לייכטער קאָנען מיטנעמען אין וועג. אַזוי אַרום האָבן מיר ביסלעכווייז פאַרפולקאָמט די טעכניק.

די פויערים האָבן געבראַכט תבואות, בהמות. עס זענען איינגעשטעלט געוואָרן סאָוויעטישע אַדמיניסטראַציעס אין די דערפער. די אַרבעט האָט זיך כסדר אויסגעברייטערט, די אויפגאַבן זענען געוואָרן גרעסערע. מיר האָבן זיך שוין געהאַט פאַרשאַפט אַן אַעראָדראָם, איינגעשטעלט אַ פּערמאַנענטן ראַדיאָ־קאָנטאַקט מיט מאָסקווע, פון וואַנען ס׳האָבן אָנגעהויבן קומען עראָפּלאַנען מיט געווער, אַמוניציע און מעדיקאַמענטן. זיי האָבן צוגענומען אונדזערע פאַרווונ־דעטע און קראַנקע און אַוועקגעפירט אויף דער „גרויסער ערד" (ווי מיר פלעגן רופן די ערד, וואָס איז נישט געווען פאַרנומען דורך די דייטשן).

איך האָב דערווייל זיך געפאָרעט אַרום דער צוגרייטונג אַרויסצוגעבן אַ צייטונג, געמאַכט אַ סטאַנאָק איינצושליסן צוויי זייטן פאַליאָ־פאָרמאַט. דאָס פּאַפּיר איז געוואָרן גענעצט און אַז מען האָט אָפּגעדרוקט די צוויי זייטן, האָט מען גענומען מאַכן די אַנדערע צוויי און ס׳איז דערשינען אַ צייטונג „זאַ ראָדינו" („פאַר׳ן פאָטערלאַנד").

מיר האָבן נאָך אַדורכגעמאַכט פאַרשידענע פאַרפולקאָמונגען פון זעצן און דרוקן, געמאַכט פעלערן, זיי אויסגעבעסערט. אָבער די אַרבעט איז שוין געווען אין פולן גאַנג.

מאָסקווע האָט אונדז פאַרשאַפט אַן אָנגענעמע איבעראַשונג. נאָכדעם ווי מיר האָבן שוין געהאַט געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צו פייערן דעם 1־טן מאַי 1943, האָבן זיך פּלוצים דעם ערשטן מאַי פאַרטאָג געגעבן אַ לאָז אַראָפּ צו אונדז 12 פּאַראַשוטיסטן מיט די טייערסטע מתנות פאַר דער פּאַרטיזאַנער־מחנה. צווישן די אַנדערע מתנות האָט זיך אויף געפונען אַ פעלד־דרוקעריי.

די פּאַראַשוטיסטן האָבן מיט זיך געבראַכט אַ באַפעל פון סטאַלינען צו די פּאַרטיזאַנער, וועלכער איז פאַרגעלייענט געוואָרן אויף אונדזער גרויסן פּאַרטיזאַנער פּאַראַד, וואָס מיר האָבן דעם 1־טן מאַי איינגעאָרדנט. אינעם

באַפעל ווערט אָנגעוויזן אויף די שוואַכע זייטן פון דייטשישן פאַשיזם און רופט אונדז אָנצוגרייפן אַט די שוואַכע זייטן. קאָנקרעט אין געגעבענעם פּע־ריאָד ליידן די דייטשן אַ גרויסן מאַנגל אין לאָקאָמאָטיוון און מ׳דאַרף דעריבער וואָס מער דייטשע לאָקאָמאָטיוון פאַרניכטן. די פּאַראַשוטיסטן האָבן גלייכצייטיק מיטגעבראַכט מיט זיך אַזעלכע סנאַריאַדן, וועלכע וויקלען אַרום איך פלאַ־מען יעדן געטראָפענעם לאָקאָמאָטיוו.

דער ענטוזיאַזם פון דער ריזיקער פּאַרטיזאַנער־מחנה איז געווען אין־לשער. דער קולימינאַציע־פּונקט פונעם פּאַראַד איז געווען דאָס אָפּגעבן די פּאַרטיזאַנער־שבועה נקמה צו נעמען און אויסראָטן די היטלעריסטן, פאַר־טרייבן זיי פון דער סאָוויעטישער ערד.

דערנאָך האָט דער שטאַב איבערגעגעבן מעדאַלן פאַר די אויסגעצייכנטע פּאַרטיזאַנער.

צווישן די פּאַראַשוטיסטן האָט זיך אויך געפונען אַ מאָסקווער זעצער, מיט וועלכן מיר האָבן שוין צוזאַמען פאַרגעזעצט די אַרבעט.

צום סוף 1943 האָט אונדזער פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד שוין געהאַט אויף זיין קאָנטאָ אַריבער 4 טויזנט צעשמעטערטע וואַגאָנען, איבער 80 לאָקאָמאָטיוון, אַ גרויסע צאָל אויטאָ־מאַשינען און טויזנטער פאַשיסטישע פּגרים. מיר האָבן אויפגעריסן צענדליקער באַן־בריקן און אַראָפּגעשאָסן דריי דייטשישע עראָ־פּלאַנען.

די גאַנצע מחנה האָט געלעבט מיט איין לעבן: שלאָגן דעם דייטש.

עס האָבן זיך אָנגערוקט די סאַמע ערנסטע צייטן פאַר אונדזער פּאַרטי־זאַנער־מחנה. די דייטשישע חילות זענען אין גאַנצע דיוויזיעס צוריקגעטרעטן פון פראָנט און מיר האָבן געדאַרפט פירן שווערע קאַמפן מיט גוט־באַוואָפנטע דייטשישע פאַרייניקונגען. נאָך אַ ריי דויערנדיקע שלאַכטן האָבן מיר דורכגע־ריסן די אָפּטרעטנדיקע דייטשישע דיוויזיעס און זיך פאַראייניקט מיט דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָט אַריינמאַשירט קיין לוצק.

חנה־טשע גרינבערג
(תל־אביב)

מיינע וואנדערונגען צווישן טויט און לעבן

שבת, דעם 22 אויגוסט 1942 דערגרייכט צו אונדז די שרעקלעכע בשורה, אַז די דייטשע מערדער ליקווידירן שוין די יידן אין שעדלעץ. אין שטאָט וועֶרט אַ שרעקלעכע בהלה. מ׳האָט מורא, אַז גלייך פון שעדלעץ קומען זיי צו אונדז. אַ פּאַנישע שרעק כאַפּט אַלעמען אַרום. אַזוי ווי די זשאַנדאַרמעריע און זאָנדער־דינסט זענען נישט געווען אין שטאָט (זיי האָבן זיך באַטייליקט אין דער פּאַר־ניכטונגס־אַקציע פון די שעדלעצער יידן) האָט מען אָנגעהויבן אַרויסלויפן פון געטאָ אויף אַלע וועגן, פעלדער און וועלדער, אַבי זיך צו ראַטעווען.

איך טראַכט אָן אויפהער וועגן ראַטעווען מיינע קינדער. עס קומט מיר אויפן געדאַנק אונדזערס אַ באַקאַנטער לערער מיט זיין פרוי פון א געוויסן דאָרף. זיי זענען מיר באַקאַנט ווי גוטע און איידעלע מענטשן, און גלויב אַז זיי וועלן זיין גרייט מיר צו העלפן אין דעם קריטישן מאָמענט. עס געלונגט מיר זיי צו באַזאָרגן אַ בריוו, אין וועלכן איך בעט זיי, זיך צו טרעפן מיט מיר ביים טויער פון געטאָ. אָבער די סכנה איז שוין גרויס, און מ׳קאָן נישט וואַרטן ביז זיי וועלן קומען. איך לויף מיט מיין טעכטערל פון געטאָ צו דער שניידערין ווירשביצקאַ, בעט זי אויסצובאַהאַלטן מיין קינד אויף אייניקע טעג. זי איז מסכים. איך געזעגן זיך מיט מיין קינד מיט ביטערע טרערן, נישט גלויבנדיק אין אונ־דזער איבערלעבן. מיין זון מיט מיין יונגען שוואָגער יודעלע איז מיר געלונגען אַוועקצושיקן אין אַרבעטסלאַגער קיין קורטשעוו, און מיין מאַן איז אַוועק צו אַ באַקאַנטן פּויער אין דאָרף ווירעכעוו, 8 קלמ. פון שטאָט. מיין שוועסטער מיט דער מוטער און שוועגערין ווי אויך קרובים זענען אַוועק צו באַקאַנטע קריסטן. די לעצטע בין איך אַרויס פון געטאָ און אַוועק צו אַ קריסטלעכן קונה. ער דער־לויבט מיר איבערנעכטיקן, מיין פאָטער און ברודער זענען צוליב זייער יידישן אויסזען געבליבן אין שטאָט.

אויפן צווייטן טאָג, אין געטאָ איז שטיל, איך וויל אַרויסנעמען מיין פאָטער און ברודער. איך גיי צוריק אין געטאָ, אויך מיין שוועסטער איז צוריק־געקומען. מיר לאָזן זיך אַרויס אויף אַלע וועגן, און עס געלונגט אונדז צו געפינען אונדזערס אַ גוט־באַקאַנטן קונה, וועלכער איז מסכים צו נעמען זיי צו זיך. מיר האָבן זיי פאַרקליידט פאַר גויים, און מיט גרויס פּחד אַרויסגעפירט פון געטאָ אינטערן שטאָט, וווּ דער פּויער האָט זיי איבערגענומען.

איך בלייב אין געטאָ און וואַרט אויפן לערער. אויפן צווייטן טאָג טרעף איך דעם לערער נעבן געטאָ און בעט אים, ער זאָל מיר ראַטעווען מיין טעכ־טערל. געריירט פון מיין שווערער לאַגע, פאַרזיכערט ער מיר זי צו האַלטן אַזוי לאַנג, ווי עס וועט נישט זיין קיין באַקאַנטמאַכונג וועגן טויט־שטראָף פאַר אויסבאַהאַלטן יידן, און נעמט זי מיט.

איך גיי צוריק צו מיין קריסט, ווו כ׳האָב שוין געגעכטיקט. זיין ווייב איז פול מיט שרעק, ווייל זשאַנדאַרמען זוכן אין יעדן הויז אויסבאַהאַלטענע יידן. איך מוז שוין פאַרלאָזן איר שטוב. די פיס ברעכן זיך מיר אונטער, אין דאָרף פשיוואָזק, 5 קלמ. פון שטאָט, דערלויבט מיר אַ באַקאַנטער קריסט צו נעכטיקן, אָבער צומאָרגן קומען אין דאָרף זשאַנדאַרמעריע און איך מוז פאַרלאָזן די שטוב. ווען די דייטשן פאַרלאָזן דאָס דאָרף, קומט די קריסטין אין וואַלד און נעמט מיך צוריק. נאָר אין אַ נאַכט גיי איך אַוועק אין אַנדערע דערפער. אַזוי ווי קיינער פון מיינע באַקאַנטע קונים ווילן מיך נישט אַריינלאָזן צו נעכ־טיקן, בין איך געוואָרן געצוווּנגען, גיין צוריק אין געטאָ. אין געטאָ הערשט אַ טויטע שטילקייט. מיינע שוויגער־עלטערן וואַרטן דאָרט ס׳זאָל ווער פון די קינדער קומען, זיי אַרויסצונעמען. ווען מיין שוויגער באַגלייט מיך צום טויער פון געטאָ קומען אָן 2 זשאַנדאַרמען זיי פרעגן צי איך בין אַ קריסטין (אויך קריסטן האָט געדראָט טויט שטראָף פאַרן אַריינגיין אין געטאָ) ווען איך זאָג אַז כ׳בין אַ יידישקע ווער איך אַרעסטירט, ווייל איך האָב נישט געטראָגן דעם געלן באַנד.

כ׳פיל אַז יעצט איז מיין סוף. מיין שוויגער איז באַלד אַוועק אין יודן־ראַט בעטן מיך צו ראַטעווען. דער דעמאָלטיקער יודנעלסטער, יצחק שעדלעצקי איז באַלד אַוועק צו דער זשאַנדאַרמעריע און נאָך שווערער מי, איז אים גע־לונגען מיך צו באַפרייען. פון אַרעסט בין איך ווידער אַוועק אויף די פויליש׳ע זייט, אין דאָרף קאַראַבי. 8 קלמ. פון שטאָט. פאַרן יידישן בית־עלמין האָב איך זיך פאַרן גאַנצן געלט געמוזט „אויסקויפן״ ביי אַ פוילישן שקץ, וועלכער האָט מיך דערקענט אַלס יידישע, און געוואָלט מיך פירן צו דער זשאַנדאַרמעריע.

נאָך וואַנדערונגען אין שווערע איבערלעבונגען במשך פון אַ וואָך, בין איך צוריק געקומען אין געטאָ, ווו ס׳זענען שוין געווען באַקאַנטמאַכונגען וועגן טויט־שטראָף פאַר באַהאַלטן יידן. יידן אויסערן געטאָ, אויך מיין משפחה קומט צוריק. די גויים ווילן זיי שוין נישט האַלטן. איך מוז דעמאָלט אויך אָפּנעמען מיין טעכטערל. ס׳קורסירן פאַרשידענע קלאַנגען וואָס באַרויקן אַ ביסל די יידן. אַ טייל באַמיען זיך צו באַקומען אַרבעטס־„פּלאַצוווקעס״ אין די „מאַיאָנטקעס״. מיר פאָרן אַרויס אויף אַרבעט אין לאַגער. פון לאַגער האָט מען אונדז שפּעטער גע־שיקט אויף אַרבעט אין אַ שכנישן „מאַיאָנטעק״. צוזאַמען מיט אונז געפינט זיך רחל ראָזענצווייג מיט 2 קינדער, מיינע עלטערן, ווי אויך מיין מאַן זענען געבליבן אין דער היים.

די אַרבעט איז געווען זייער שווער: 8 שעה אין טאָג שטיין געבויגן

ביי קאָפּען קאַרטאָפל, דערצו נאָך — הונגעריק און צעבראָכן. נאָך 2 וואָכן שווערער אַרבעט דערגייט צו אונדז די שערקלעכע בשורה, אַז ס'האָט זיך אָנ־געהויבן די ליקווידאַציע פון געטאָ. מען שיסט, מ'וואַרפט גראַנאַטן, פיל יידן ווערן געשיקט קיין טרעבלינקע אָדער געהרגעט אויפן אָרט. די ידיעה האָט אונדז אַלעמען אויפגעציטערט. האָט דאָך יעדער זיינע נאָענטע.

עטלעכע טעג נאָך דער אַקציע באַוויזן זיך איינצלנע יידן, מ'האָט זייערע באַהעלטענישן ניט אַנטדעקט און עס איז זיי געלונגען זיך ראַטעווען פון דער אַקציע. זיי דערציילן, אַז אַלע יידן אין געטאָ זענען אומגעקומען.

10 טעג נאָך דער אַקציע, זייענדיק שוין אינגאַנצן רעזיגנירט פון מיין מאַן, קומט צולויפן מיין טעכטערל אין פעלד, ווו איך אַרבעט, און זאָגט מיר, אַז דער טאַטעשי איז געקומען צוזאַמען מיט משה שיינה חוהס ראָזענצווייג. איך לויף „אַ היים" און טרעף מיין מאַן אַ פאַרחלשטן אויף דער ערד. מ'ראַטעוועט אים. ווען ער קומט צום באַוווסטזיין, ווערן מיר געוווירער וועגן זייערע שרעק־לעכע איבערלעבונגען אין דער „קריוווקע". מיט זיי איז אויך געווען די יונגע פרוי מאַנדלבוים פון פּוטער־געוועלב און דאָס שכנישע מיידל אסתר פּלאַטנער. אויפן וועג האָבן זיי זיך צושיידט, יעדער איז אַוועק צו זיינע נאָענטסטע אויף די אַרבעטס־פּלעצער.

איך גיי ווידער אַרויס אין דער געגנט צו אומבאַקאַנטע גויים, וועגן אַן אָרט פאַר אונדזער משפחה, אָבער אָן דערפאָלג. ווי אַ דאָרפישע פּויערטע, מיט אַ קוישל אין האַנט, לאָז איך זיך צו מיינע באַקאַנטע קריסטן, וועלכע זענען איצט ווייט פון סאָקאָלאָוו. דערווייל דערקענט מען מיך נישט, פּלוצים דערזע איך דייטשן מיט פּוילישע פּאָליציי נעבן אַ שטוב אויף אַ קאָלאָניע, ווו איך מוז יעצט גיין, עס נעמט מיך אַרום אַ טויט־שרעק, צוריקגיין — איז שוין צו שפּעט; קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס, גיי איך אַדורך נעבן זיי. איך האָב נאָך 8 קלמ. און קום אין גרויס שרעק צו מיין באַקאַנטן, וועלכער זאָגט אָפּ מייז בקשה, שיקט מיך אָבער עטלעכע קלמ. ווייטער אין וואַלד צו אַן אַנדערע משפחה. דער קריסט פון וואַלד וויל אונדז מאַכן אַ גרוב אויפן פעלד און צושטעלן עסן. איך האָב נישט קיין צוטרוי צו אַזאַ באַהעלטעניש און קום צוריק מיט גאָרנישט.

ווען אין נאָוועמבער 1942 קומט צו אונדז אָן די פאַראָרדענונג, אַז אַלע יידן אין די לאַגערן און „מאַיאָנטקעס" קאָנען נאָר פאַרבלייבן ביז סוף חודש, און דערנאָך גיין אין געטאָ פון קאָסאָוו אָדער שעדלעץ צו די רעשטלעך איבער־געבליבענע יידן — דעמאָלט זעען מיר שוין דעם טערמין פון אונדזער סוף. אַ טייל האָבן נאָך געגלויבט אַז די רעשטלעך יידן וועט מען שוין לאָזן לעבן. מיר באַשליסן צו נעמען דעם פּלאַץ אין וואַלד, אָבער אויך דאָס איז שוין פאַר־נומען. רעקאָמענדירט דורך אונדזערס אַ באַקאַנטן לערער, געפינט מיין מאַן אַ פּלאַץ ביי אַ פּויער אין אַ קאָלאָניע. אין דער צייט קומען צו אונדז די איבער־

געבליבענע פון זיין משפחה: חנה גרינבערג מיט איר חבר ישראלו מאיר וויס־בערג און זיינע 2 קוזינען, שבתיל ליבערמאַן און קובאַ בוב פון לאָדזש. זיי ווילן זיך מיט אונדז האַלטן צוזאַמען. זיי גייען אין לאַגער ברענגען זייער'ע זאַכן און זאָגן צו צו קומען מאָרגן.

צומאָרגנס אינדערפרי קומט מיין מאַן פון זיין וועג פאַרבונדן דעם קאָפּ. מ'האָט אים אויפן וועג אין וואַלד צעשלאָגן. ער זאָגט, אַז ער האָט אַ פּלאַץ געפינען און מאָרגן דאַרפן מיר פון דאָ אַרויספאָרן. ער איז צופרידן וואָס חנה מיט זיינע קוזינען קומען, און וועט זיין מיט אונדז צוזאַמען. דער קריסט האָט פאַרלאַנגט, מיר זאָלן קומען אָן קליינע קינדער.

בעתן פאַרפּאַקן אונדזער ביסל אָרימקייט, קומען פּלוצים צולויפן עטלעכע יונגעלייט און דערציילן, אַז מ'האָט היינט פרי אַרומגערינגלט דעם לאַגער, און מ'הרגעט אויס אַלע. זיי האָבן זיך באַגינען אַרויסגעגנבעט פון לאַגער צו קויפן עפּעס ביי די פויערים, און אַזוי אויסגעמיטן דעם טויט. עס ווערט ביי אונדז אַ גרויסע בהלה. די יונגעלייט, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפינען דעם מורה הוראה'ס צוויי אייניקלעך (די זין פון זיין טאָכטער רחל), נעמען רידלעס און לויפן אַוועק אין וואַלד גראָבן אַ גרוב זיך אויסצובאַהאַלטן.

אין הסכם מיטן ווונטש פון אַלע לאַגער־יידן בעטן מיר דעם „זשאַנדצע", ער זאָל אונדז באַלד אַוועקשיקן אין געטאָ קיין קאָסאָוו. ער לייגט עס אָפּ אויף נאָכמיטאָג. אַזוי ווי דאָס וואַרטן איז אַ גרויסע סכנה, נעמען מיר ביידע קינדער און לאָזן זיך אין וועג צום לערער, פונוואַנען מיר וועלן האָבן נאָענט צו אונדזער באַהעלטעניש.

דער ווינטער איז שוין געווען אין פולן פאַרנעם. צעשראָקענע זענען מיר געגאַנגען אין די טיפע שנייען. עס געלונגט אונדז צו באַקומען אַ פירל, ביז דעם דאָרף סקרישעוו. פון דאָרט, נאָך 6 קלמ. גייען מיר ווייטער מיט שרעק אין וועג דורכן וואַלד. אַ פאַרבייגייענדיקער שקץ דערקענט אונדז און כאַפּט מיר צו דאָס קוישל, אין וועלכן עס ליגן עטלעכע וויכטיקע זאַכן, און דראָענדיק מיט אַ מעסער הויבט ער אָן צו זוכן, ער באַמערקט אָבער אַ דורכגייענדיקע קריסטין — אַנטלויפט ער. איך בעט זי, אונדז צו פירן ביז צום דאָרף. געריירט פון בעטן און וויינען און פון די טרערן פון מיין קינד, פירט זי אונדז צו ביז צום דאָרף. איך בין פון זיי אַוועקגעגאַנגען צום לערער וואַרטן ביז ס'וועט קומען מיין משפחה.

ענדלעך זענען זיי אָנגעקומען צוזאַמען מיט פנחס טשערניצקי און זיין פרוי, וועלכע מיין מאַן האָט מיטגענומען מיט דער האָפענונג אַז אויך זיי וועט געלונגען אַריין צוזאַמען מיט אונדז. דער פויער האָט אָבער חרטה אויפן גאַנצן עסק. וווּ גייט מען? מיר זיצן אין שניי אויפן פעלד און צאַפּלען זיך פאַר שרעק און קעלט. ערשט ווען מיין מאַן פאַרזיכערט אים צו געבן אונדזער גאַנץ פאַר־מעגן אין סאָקאָלאָוו, איז ער מסכים, אונדז אַריינלאָזן אין שייער. מיר גראָבן אַ גרוב אין שייער, און נאָך אַ מעת־לעת שווערע אַרבעט, גייען מיר אַריין אין

פינצטערן גרוב. מײַן שוועסטער און שוואָגער זענען געבליבן בײַ דעם לערער. שוין עטלעכע טעג ווי מיר ליגן אין גרוב, און דער קריסט פאַרקלענערט יעדן טאָג אונדזער קוואַנטום ברויט, דער הונגער פּייניקט אונדז, די קינדער טראָגן קוים איבער די לײַדן.

טראָץ אַלע געפאַרן, באַשליס איך אַרויסצוכאַפּן זיך פון שייער און גיין צו אַ באַקאַנטן קריסט בעטן ברויט פאַר מײַנע קינדער. כדי נישט צו פאַראַטן זיך, גיי איך אַרויס אין אַ פינצטערן פאַרטאָג, צוויי שטעקענס זענען מײַן איינציק געווער קעגן די הינט, וואָס זענען מיך טאַקי באַפאַלן אויפן וועג. ענדלעך בין איך אָנגעקומען צו מײַן באַקאַנטן קריסט. איך האָב דאָרט באַקומען אַ גרויס ברויט, אַ בורעק און אַ ביסל מייערן. ערשט שפּעט בײַנאַכט האָב איך זיך צו־ריקגעקערט מיט די פּראָדוקטן.

די קינדער, דערזעענדיק דאָס ברויט, האָבן געעפנט די האַלב פאַרמאַכטע אויסגעלאָשענע אויגן. אויך די דערוואַקסענע האָבן זיך דערמיט דערקוויקט. דער געלונגענער פּרוּוו האָט מיר געגעבן מוט צו מאַכן יעדע וואָך אַזאַ ריזיקאַלישן גאַנג, און אָפט, אויף די פאַרשנייטע פעלדער געפאַלן אין אַ גרוב. אַ חוץ דעם האָבן מיר שטאַרק געליטן פון געפערלעכן שמוץ. — ווערעם און פליי, אָן ליכט און אָן וואַסער.

נאָך איבער חדשים פּײַניקן זיך, קומט צו אונדז דער בעל־הבית און איז אונדז מודיע, אַז ער קאָן מער בײַ זיך נישט האַלטן ווי 2 פּערזאָן, אַנדערש מוזן מיר פאַרלאָזן דאָס אָרט. מיר בעטן און דערקלערן אים, אַז מיר האָבן נישט וווהין צוגיין; אַז אַרויסשיקן איז פאַר אונדז אַ זיכערער טויט, ענדלעך איז ער מסכים, מיר זאָלן בלײַבן נאָך אַ חודש.

פאַר מײַן אַוועקגיין ווערט פּלוצים מײַן טעכטערל קראַנק, זי באַקומט גאָר גרויסע היץ. זי איז אין אַ באַוווסטלאָזן מצב, איך האָב נישט מיט וואָס זי צו ראַטעווען. ווען איך דערהער, אַז די קריסטין איז דאָ אַליין אין שייער, שלעפּ איך מיך אַרויס פון גרוב און בעט בײַ איר אַ האַלבע גלאָז וואַסער מיט מילך פאַר מײַן קראַנק קינד, און זי זאָגט אָפּ. גאָט האָט געהאָלפן און דער געזונטצושטאַנד פון מײַן קינד האָט זיך אָנגעהויבן בעסערן אָן אַ דאָקטאָר און, אָן מילך

דער חודש, וועלכן דער קריסט האָט אונדז נאָך פאַרלענגערט גייט צום סוף. איך קאָן לענגער נישט וואַרטן. אין אַ געווויסן פאַרטאָגס געזעגן איך מײַן משפּחה און גיי ווידער אין וועג, ווו די געפאַר פון טויט איז גרויס. איך קום אָן קיין דזשירב צו מײַן באַקאַנטן. לײַדער זאָגט אויך ער אָפּ. ער וואָלט מיר זייער געוואָלט העלפן, זאָגט ער, נאָר האָט מורא, ווײַל אין דאָרף געפינען זיך דײַטשן.

אינמיטן דער נאַכט, פירט ער מיך אָפּ צוריק מיט זײַן פערד אין וואָגן מיטגעבנדיק פּראָדוקטן.

אַ פאַרצווייפלטע קום איך צוריק צו מײַן משפּחה אָן שום אויסזיכטן צו

ועמען זיך ווייטער צו ווענדן. אונדזער געלט ענדיקט זיך, אַז געלט זענען מיר דאָך שוין זיכער פאַרלוירן. איך באַשליס צו מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען צו באַקומען אַ טייל פון מיין סחורה, וואָס איך האָב איבערגעגעבן אַ גוט באַקאַנטן קריסט אין אַ דאָרף. איך גיי צו אים, און ער גיט מיר וואָס איך וויל. אויף מיין צוריקוועגס ביינאַכט, שוין זייענדיק נאָענט פון מיין פלאַץ, באַפאַלן מיך 2 שקצים און רויבן צו ביי מיר דאָס פעקל, מיט אַ קוישל אין וועלכן עס איז געליגן 2 שטיקלעך לייוונט, אויסשרייענדיק: „וואָס טוסטו נאָך דאָ „פּאַן שיווע זשידוווקע". איך לאָז זיי איבער דעם רויב און גיי ווייטער און זיי גייען מיר נאָך. ערשט ווען זיי זענען אַוועק באַרויקט איך זיך אַ ביסל, אָבער צי מיין משפּחה אין גרוב, טאָר איך יעצט, צוליב דער געפאַר פון נאָכשפּיאָנירן נישט גיין. איך לייג זיך אַוועק אויפן פעלד און טראַכט, אַז בעסער אַליין געהרגעט צו ווערן און נישט לאָזן אַנטדעקן אונדזער באַהעלטעניש. נאָך עטלעכע שעה גיי איך צוריק צו מיין משפּחה, וועלכע האָט שוין אומגעדולדיק אויף מיר געוואַרט.

דער פאַרפאַל מיט די שקצים האָט מיר געמאַכט אוממעגלעך צו קאָנען זיך ווייטער באַוועגן. אפשר זענען שוין פאַרשפּרייט אין דער אומגעגנט ידיעות, וועגן אונדז. דער איינציקער אויסוועג איז יעצט פאַר מיר צו ווענדן זיך צום לערער, ווו עס געפינען זיך מיין שוועסטער און שוואָגער. הגם ער האָט מיר שוין איינמאָל אָפּגעזאָגט אַריינצונעמען, מוז איך דאָך נאָך מאַכן דעם פּרווו, ווייל דאָס איז שוין יעצט דער איינציקער אויסוועג.

אין אַ געוויסן אָוונט בין איך אַוועק צו אים, און מיט ביטערע טרערן, שילדערנדיק אונדזער קריטישע לאַגע, געבעטן, ער זאָל אונדז ראַטעווען, און אַריינלאָזן צו אונדזער שוועסטער און שוואָגער. ער וויל אָבער דערפון נישט הערן. איך פאַל צו זיינע פיס און אַפּעליר צו זיין פאָטערלעך געוויסן, ער זאָל כאָטש אַריינלאָזן מיינע 2 קינדער און זיי ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט. אַ דאַנק זיין אידעלער פרוי, וועלכע האָט מיט טרערן געבעטן אים העלפן אונדז, האָט ער מסכים געווען.

אויף מאָרגן אין דער שפּעטער נאַכט, האָבן מיר זיך מיט ביטערע טרערן געזעגנט מיט די טשיגיצקערס און פון קיינעם אומבאַמערקט אַדורך דעם וועג צו מיין שוועסטער און שוואָגער. אין פאַרלויף פון די 15 חדשים, וואָס מיר זענען געווען צוזאַמען, האָבן מיר נאָך דורכגעמאַכט שווערע איבערלעבענישן ביז מיר האָבן ענדלעך דערלעבט די באַפרייונג.

חוה שפּאַדל
(רמת גן)

צוריק אין סאַקאַלאַוו...

א מצבה פאַר מיינע קינדער
יוסעלע און רבקהלע

באַלד אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע — גלייך נאָך דער טרויעריקער בשורה אַז די רוסן פאַרלאָזן די שטאָט סאָקאָלאָוו, וואָס האָט געדאַרפט בלייבן ביי די רוסן, אויז די גרענעץ ווערט איבערגעריקט ביזן בוג, — האָב איך און מיין משפחה, צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער יידן פאַרלאָזט מיין היימשטאָט.

נאָך אַ לאַנגען נע־ונד זענען מיר אָנגעקומען אינעם שטעטל איוויעניץ נעבן גרויס מינסק. מיט אונדז איז אויך מיטגעפאָרן מיין יינגסטער ברודער מאָטל ראַזענצווייג. (היינט אין אַמעריקא) און מיין שוואָגער בנימין שפּאדל (פּאַרטיזאַן — געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשע מערדער אין די וואלאזשינער וועלדער).

אָבער אין איוויעניץ האָבן די נאַציס אונדז דערגרייכט און פאַרשפּאַרט מיט אַלע יידן אין שטעטל אין געטאָ. אין יאָר 1942 האָבן די דייטשן צוגענומען אלע אַרבעטס־פעיקע מענטשן, זיי אָפּגעריסן פון זייערע משפחות און פארשיקט אין אַרבעטס־לאַגערן. מיר האָבן דאַן געמיינט אַז אונדזער צעשיידונג איז אַ צייטווייליקע; נישט געגלויבט אַז דאָס וועט זיין אונדזער לעצט צוזאַמענזיין.

אין אייניקע טעג אַרום כ״ד סיון, האָבן די דייטשע מערדער אין אַ מאַסןקבר דערשאָסן קינדער און אַלטע. דאָרט זענען אויך אומגעקומען מיינע קיינמאָל נישט פאַרגעסענע קינדערלעך יוסל און רבקה׳לע, וועלכע שטייען מיר שטענדיק אויף אַלע וועגן לעבעדיק פאַר מיינע אויגן. אויך די וועלדער מיט די פּאַרטיזאַנער אין די בונקערס ערד־לעכער. שטורעמס, פרעסט, און אין די רעגנדיקע גרויסע נעכט. אויך היינט אין די צעשטראַלטע ליכטיקע גאַסן פון ישראל. דער לעצטער געזעגנס־קוש איז איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ רוצחישע שמיץ פון אַ דייטשער געפלאַכטענער נאַגייקע.

ווען מיר האָבן זיך דערוווסט די טרויעריקע ידיעה, אַז די דייטשן האָבן אַלע יידישע קינדער, און אויך אונדזערע, אומגעבראַכט, האָבן מיר, איך און מיין מאַן, באַשלאָסן מער אין אַרבעטס־לאַגער נישט צו בלייבן. מיר וועלן זיך נישט לאָזן פירן אין לאַסט־אויטאָס ווי די שאָף צו דער שחיטה.

נאָך אַ לאַנגען פיינלעכן וועג — געטריבן פון הונגער, בויט און קעלט, נישט

געגעכטיקט און געשלעפט זיך ווי דערשלאָגענע פאַרפייניקטע הינט, זענען מיר אין אַ פינצטערע, קאַלטע, פּראַכטיקע נאַכט געקומען אין קאָנטאַקט מיט אַ גרופּע נאַ־וואַגרודקער פּאַרטיזאַנער. 3 יאָר צייט האָבן מיר אין פאַרשידענע וועלדער, נאַרעט און ערד־גריבער געלעבט צוזאַמען מיט יידישע און רוסישע פּאַרטיזאַנער.

פון וואַנען האָט זיך גענומען צו מיר, אַ שוואַכע פרוי, דער כח צו טראָגן וואָפן און אָנטיילנעמען אין פאַרשידענע פּאַרטיזאַנער אַקציעס? דער פאַרלאַנג צו נעמען נקמה פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון מיינע קינדער האָט מיר געגעבן קראַפט אין מוט איבערצולעבן די גרויזאַמע צייט.

איך וועל ביז אין סוף פון מיין לעבן נישט פאַרגעסן דאָס שטעטל איוועניץ. יענעם מאָמענט, ווען נאָך דער באַפרייונג, ווען מיר זענען מיט נאָך פּאַרטיזאַנער, נישט ווייט פון שטעטל אין אַ וועלדל געשטאַנען ביי אַ גרויסן לאַנגען ברודער־קבר, וווּ מיינע קינדער זענען באַגראָבן געוואָרן — געשטאַנען פאַרגליווערט, אָן לשון, קיין זיפץ, פאַרזינקען אין אבלות, ווי אַ שטומער שווייגנדיקער שטיין.

עלנט, איינזאַם, מיט צעווייטיקטע בענקשאַפט, האָבן מיר דערלעבט צו לייענען אין אַ רוסישע צייטונג די פריידיקע ידיעה אַז אויך סאָקאָלאָוו איז געוואָרן באַפרייט דורך די רוסן.

מיר האָבן דאַן נאָך נישט געוווּסט אונדזער חורבן. מיר האָבן אין משך פון אַלע יאָרן געהאָפט, געגלויבט צוריק צו קומען אין אונדזער היים. צו אונדזערע עלטערן, שוועסטער, ברידער און באַקאַנטע, כדי דאָרטן אַ טרייסט געפונען. נאָך פיל מי האָבן מיר באַקומען אַ דערלויבעניש צו פאָרן אַהיים, קיין סאָקאָלאָוו מיט לאַנגע עשאַלאָנען האָבן מיר זיך געשלעפּט איבער די חרובע־שטעטלעך. מיט זשעדנע אויגן געלייענט אויף די באַן־סטאַנציעס זייערע נעמען.

ענדלעך האָבן מיר זיך דערשלעפט ביז שעדלעץ. דערזעענדיק די שילד שעדלעץ, זענען מיר מיט אונדזער לייכטן באַגאַזש אין די הענט אַראָפּ שנעל פון באַן און זיך געלאָזט אין שטאָט זוכן אַ ייד. אויף אַ שעדלעצער גאַס האָבן מיר דערקענט 2 יידישע פּנימער. מיר האָבן זיי אָפּגעשטעלט און גענומען אויספרעגן, אויב עס געפינען זיך עפּעס נאָך יידן? זיי האָבן אונדז אָנגעוויזן ווי עס געפינט זיך דער שעדלעצער קאָמיטעט, וווּ אַלע צוריק־וואַנדערער קומען זיך דאָרט צונויף. דאָרט האָבן מיר שוין איבערגעגעכטיקט און קוים זיך דער־וואַרט אויפן זונאויפגאַנג.

באַלד אויף צומאָרגנס באַגינען זענען מיר אַוועק צו דער באַן־סטאַנציע, כדי וואָס שנעלער אָנצוקומען קיין סאָקאָלאָוו. קיין איין ייד האָבן מיר נישט געטראָפן אויפן וועג. פאַרשעמטע, פאַריתמטע זענען מיר דורכגעגאַנגען די דראָשקעס ביי דער סטאַציע. קיין יידישער רוף מער: „קומט ארויף צו מיר" ווי מיר פלעגן הערן פאַר דער מלחמה פון יידישע בעל־עגלה׳ס, האָבן מיר נישט געהערט.

מיט ציטערדיקע הערצער האָבן מיר דורך ליפּאָווע גאַס זיך געלאָזט צו־

פוס צום שטעטל. ס׳איז דעמאָלט געווען נאָך סוכות. דער פּוילישער גאָלדענער האַרבסט איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף די אָפּגעשניטענע פעלדער; געל־קו־פּערנע בלעטער האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן טריט אויפן זאַמדיקן וועג. און אַ מילדע זון מיט ווייכע שטראַלן האָבן אונדז באַגלייט. נאָר אין אונדז האָט דער צער אינעם מוח געגעבערט די ביטערע פראַגע: „וועלן מיר ווימען טרעפן״?

מידע זענען מיר אָנגעקומען אין אונדזער חרובע שטאָט. מיר האָבן באַגעגנט אַ קאַסאָווער ייד מיטן נאָמען חיים. ער האָט אונדז דערקענט ווי יידן און אונדז אַרויפגעפירט אין הויז פון די פאַלעגערן. ווו ס׳האָבן זיך דעמאָלט געהאַט צוזאַמענגעקומען די פּאָר לעבנגעבליבענע סאָקאָלאָווער יידן. אין שטוב זענען געשטאַנען 2 אייזערנע, ברודיקע בעטלעך און אַ לאַנגער טיש האָט זיך געשאָקלט אויף זיינע צעבראָכענע פיס. ווייזט אויס אַז די גויים האָבן אים איבערגעלאָזט, נישט געלוינט צו שלעפן אַזאַ צעבראָכענע כלי. אויפן טיש האָבן זיך געוואַלגערט פיל בריוו פון אויסלאַנד. איך האָב גלייך אָנגעהויבן לייענען די אַדרעסן פון די בריוו. באַקאַנטע נעמען האָב איך נישט קיין סך געפונען.

דער ערשטער בריוו איז געווען פון רבקה פּיעקאַרסקע (פון דער היים ראָזענבערג), צו איר משפחה; דער צווייטער בריוו פון יעקב פישער צו זיינע עלטערן און דער דריטער — פון בערל־עקיבא׳ס איינקלעך צו זייער זיידן. מיט פאַרוויינטע אויגן האָב איך איבערגעריסן דאָס לייענען. די יידן וואָס זענען נעבן מיר געשטאַנען, האָבן מיר געזאָגט אַז קיינער איז פון זיי נישט געבליבן...

די ערשטע נאַכט האָבן מיר צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר יידן גענעכטיקט אין דער שטוב. ווען מיר זענען נאָך אַ גאַנצן פיינפולן טאָג איינגעשלאָפן, האָט אונדז פּלוצים אויפגעוועקט אַ ווילד געשריי פון שיכורים. אין טויט שרעק זענען מיר געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און געוואַרט עס זאָל ווערן טאָג.

דערשראָקענע, דערשלאָגענע האָבן מיר דאָך באַשלאָסן צו זען אונדזער חורבן מיט אייגענע אויגן. זען די גאַסן, די געשעפטן, דעם מאַרק, און דאָס אָרט פון געוועזענעם געטאָ. כמעט אַ גאַנצן טאָג זענען מיר ארומגעגאַנגען איבער די גאַסן, ווו יעדער שטיין, יעדעס אָרט, יעדעס שטיבל רופט ארויס דעראינערונגען פון אונדזערע קינדער־יאָרן. אויף יעדן פּלאַץ האָבן מיר מיט ווייטיק באַטראַכט אונדזער בראָך — אונדזער אומקום.

בעת מיר זענען געשטאַנען אויף ראַגאָווסקע גאַס, דעם פּלאַץ ווו מיר האָבן געהאַט אַ מאָל אונדזער האָלץ־סקלאַד, זענען פאַרביי געגאַנגען אייניקע באַקאַנטע קריסטן. זיי האָבן מיט חוצפּהדיקע, טעמפּע פּנימער אונדז באַגריסט. די ערשטע ווערטע זייערע זענען געווען: „ווי זשיעטשע?״ (איר לעבט?)...

מיר זענען ווייטער געגאַנגען, איך האָב נאָך געוואָלט אויך זען דאָס הויז פון מיינע עלטערן, ווו אויך דאָס הויז פון מיין ברודער יאָסל ראָזענצווייג. אין געוועזענעם געשעפט פון מיינע עלטערן זענען געשטאַנען אַ קריסט מיט אַ קריסטין. איך בין אין געשעפט שוין נישט אַריין, נאָר גלייך געוואָנדן זיך אין דער ריכטונג צום געוועזענעם געשעפט פון מיין ברודער יאָסל. די מויער

איז געווען צעשטערט. פון דאָ ביז עלקע בריינעס געשעפט איז געווען דער וועג אויסגעפלאַסטערט מיט מצבות פון יידישן בית־עולם.

די אָפּגעריבענע געשענדעטע יידישע אותיות האָבן אונדז דערשלאָגן. ווייט גיין האָבן מיר מער שוין נישט געקאָנט.

ווען מיר זענען, מידע פון טאָג, צוגעקומען צו בניומטשעלעס געוועזענעם סאָדע־וואַסער געשעפט, האָט אונדזער געוועזענע סטרושקע, וועלכע האָט געקענט רעדן יידיש, מיך אַרומגעכאַפּט און מיט טרערן געקושט און אונדז שוין מער נישט געלאָזט אַרויסגיין פון דער שטוב, ווו עס קומען זיך צוזאַמען די פּאָר געבליבענע יידן. זי האָט אונדז גענומען נעכטיקן צו איר אין שטוב — ביי מיר איז אייער לעבן זיכער — האָט זי אונדז פאַרזיכערט. עס איז דאַן געווען מיטוואָך. אַזוי ווי דאָנערשטיק פאָרט זיך צונויף דער סאָקאָלאָווער מאַרק, האָבן מיר באַשלאָסן נאָך בלייבן, געוואָלט זעען ווי אַזוי עס זעט אויס אַ מאַרק־טאָג דאָנערשטיק אָן יידן.

דער מאַרק האָט זיך אָנגעפילט מיט טויזנטער פויערים פון די אַרומיקע דערפער. אַלע געוועזענע יידישע געשעפטן זענען געווען אָנגעפילט מיט סחורות, אין מיט קריסטלעכע פאַרקויפער. פּוילישע סוחרים פון די אַרומיקע שטעטלעך זענען זיך צונויפגעפאָרן, אויפגעשטעלט טישן מיט פאַרשידענע סחורות אויפן קליינעם מאַרק. ווו מיר יידן פלעגן קויפן פיש, פּרוכטן און גרינוואַרג. ביי טייל האָבן מיר געזעען פאַרטיקע געניצטע יידישע מלבושים, גוטע פוטערס, און אויך אַנדערע קליידער. ס׳איז געווען דער זעלבער מאַרק, אָבער אָן יידן...

דאָס אַלטע בית־הקברות

שלמה ראטשטיין
(רמלה)

סאקאלאוו — אָן יידן

(פון אַ בריוו)

ליבער ברודער חנינא, ליבע שוועגערין וויערא און ליב קינדעלע חנהלע:

איך שרייב אייך דעם בריוו נאָך מיין צוריקקומען פון לאָדזש, וואַרשע און פון סאָקאָלאָוו. זייענדיק אין וואַרשע האָב איך באַשלאָסן אַראָפּצופאָרן אין אונדזער געבורטס־שטעטל און זעען מיט די אייגענע אויגן ווי עס זעט איצט אויס. אין די גאַנצע אַכט יאָר פון אונדזער אַרומוואַנדערן האָט מיך שטענדיק באַגלייט אַ בענקשאַפט נאָך איין מאָל אַ קוק טאָן אויפן שטעטל און האָבן אַ רויק געוויסן.

איך בין אָנגעקומען מיט דער באַן קיין סאָקאָלאָוו עלף ביינאַכט. דאָס ערשטע וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן איז געווען דער צעשטערטער וואָקזאַל. איך האָב זיך געלאָזט אין שטעטל אריין מיט דעם היטנטערוועגל. דו געדענקסט דאָך זיכער דעם וועג און דאָס הילצערנע בריקל. ס׳איז אַלץ דאָס זעלבע, פונקט ווי ס׳וואָלט אויף דער וועלט גאָרנישט פאָרגעקומען.

ס׳איז עלף ביינאַכט, אַ פינצטערניש איז פאַרהאָנגען איבערן שטעטל, קיין שום לעבן זעט זיך נישט. שטיל אויף די גאַסן. איך גיי אויף דער פיעראַצקע גאַס (די הויפּט־גאַס) און ווי אין אַ חלום שטעלט זיך מיר פאָר דאָס לעבן: עס מישן זיך אויף זכרונות פון אַמאָל ווי הונדערטער יידן, איבערהויפּט יוגנטלעכע, פלעגן פאַרפלייצן די גאַס מיט טומל, מיט געזאַנג, מיט לעבן. עס זעען זיך נישט די צענדליקער פורמאַנעס וואָס פלעגן מיט די געשרייען פאַרהילכן די גאַס. א טויט שטילקייט הערשט אומעטום, אַ שטילקייט וואָס קומט נאָך אַ שטורעם. די לבנה הויבט אָן אַרויסגיין פון הינטער אַ וואָלקן און באַלייכט דאָס שטעטל. דאַכט זיך די זעלבע לבנה אָבער נייך. ס׳איז נישט די זעלבע. דאַכט זיך מיר רויטער געוואָרן. איז זי דאָך אַן עדות וואָס האָט אַלץ געזען, ווען העק און מעסערס דאַכט זיך די זעלבע לבנה? אָבער נייך, ס׳איז נישט די זעלבע. דאַכט זיך מיר: שטראָמט פון נייעם בית־המדרש דורך בניומטשעלעס באַרג־אַראָפּ ביז דעם טייכל (די סטריגע) און זיכער האָט נישט איין ייד אין יענע גרויזאַמע נעכט געשאָלטן דיך לבנה, ווייל דו האָסט מיט דיין שיין די וועגן געוויזן צו זייער באַהעלטעניש.

עס איז שפּעט, איך גיי זוכן אַן אָרט צו שלאָפן. איך גיי וווּ שלמה ראָזענבערג האָט אַמאָל זיין האָטעל געהאַט. יאָ, דאָס זעלבע שטיבל, דאַכט זיך, די

זעלבע בעטלעך אַלץ ווי געווען, נאָר מיט איין אונטערשיד: אַנשטאָט דער שטענ־דיק פרײלעכער צו געלאָזענער שלמה — נעמט מיך קאַלט אויף אַ פּאַליאַק. יאָ איך קאָן שלאָפן, פאַרוואָס נישט? קום זע — דײַן געשעפט גייט ווייטער און דאָס אַש פון די יידן — אין טרעבלינקע. ס'איז אַ ליגן ווען מען זאָגט אַז אויף דער וועלט איז אַ מלחמה געווען. גייך! די מלחמה איז נאָר פאַר דיר און פאַר מיליאָנען ברידער דײַנע געווען.

א קאשמארפולע נאכט. איך קאָן נישט אײַנשלאָפן. עס ווילט זיך נישט גלויבן. איז דאָס טאַקע אמת? בילדער שווימען אויף און ווערן באַלד פאַר־שוונדן, איין בילד יאָגט דאָס צווייטע: איך זע דאָס שטעטל ווען איך בין אַ קינד געווען און דו האָסט מיך אין חדר צו שיע מלמד געפירט, זענען דאָך דאָס די בעסטע יאָרן געווען — די גוטע, קינדערישע יאָרן. און ס'דערמאָנט זיך די צייט ווען דו האָסט מיטן „סקיף" און „צוקונפט" (סאָציאַליסטישע יוגנט־אָר־גאַניזאַציעס) אָנגעפירט און דער פּלאַץ און די שטוב איז שטענדיק פול געווען, און דאָס געזאַנג פלעגט זיך טראָגן ווייט אין די אַרומיקע גאַסן. איך זע די מענטשן, זיי שטייען מיר פאַר די אויגן; דוד גראַסמאַן, דער טענצער, וואָס די באָבע פלעגט אים רופן „דריי־פּיסל", בנימין מושקאַט, שלמה וויינשטיין, גדליהו ראַלניק. האָבן די מענטשן טאַקע עקזיסטירט אָדער מײַן פאַנטאַזיע מאָלט זיי בלויז אויס?

קנאַפּע פינף יאָר זענען אַוועק, און אין יוני 1927, פאָרן די לאַנדסלייט — הערי בעקער מיט זיין פרוי קיין סאָקאָלאָוו. די עטלעכע הונדערט דאָלאַר וואָס זענען געווען אין רשות פון פאַריין, האָבן אייניקע פון אונדז נישט געלאָזט רוען, מחמת דאָס געלט געהערט צו די אומבאַמיטלטע אין סאָקאָלאָוו. ס׳ווערט באַשלאָסן איך פאַריין, אַז מען זאָל דאָס געלט מיטגעבן די אויבנדערמאָנטע, זיי זאָלן דאָס צעטיילן אין סאָקאָלאָוו. פאַר דעם געלט זענען געוואָרן באַקליידט די „תלמוד־תורה״ קינדער, געשטיצט די תלמוד־תורה״ און אייניקע אַנדערע אינסטיטוציעס, און דאָס איבעריקע צעטיילט, הילפס־באַדערפטיקע.

אין יוני 1929 ווערט געשיקט קיין סאָקאָלאָוו טויזנט דאָלאַר צו פאָלגנ־דיקע אינסטיטוציעס: „בית־לחם״ — 350 דאָלאַר; „סומך־נופלים״ — 75 דאָ־לאַר; צו אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין 75 דאָלאַר; צו דער יידישער גמינע — 500 דאָלאַר; גמילות־חסד קאַסע — 200 דאָלאַר; פאַר אַ יתומים־קאָמיטעט — 200 דאָלאַר, און פאַר דער „תלמוד־תורה״ — 100 דאָלאַר.

אָנהויב סעפּטעמבער 1937 ווערן איך סאָקאָלאָווער הילפס־אינסטיטוציע אויסגעקליבן פאָלגנדיקע פערזאָנען:

ד״ר מעד. גראַדזענטשיק, י. שעדלעצקי, פּ. לאַשיצקי, א. טשישינסקי, ב. י. האָכבערג, ח. האָכבערג, י. זשעטעלני, ח. ה. סקשידליווער, י. ראָזנצוויג, אַ. שוואַרצפאַרב און ש. רובינשטיין.

דער „צענטראַלער יידישער הילפס־קאָמיטעט״ באַשטימט אַ באַדייטנדיקע סומע פאַר דער גרינדונג פון אַ „טאָז״ אָפּטיילונג אין סאָקאָלאָוו, וועלכע ווערט אָנגעפירט פון אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, אין באַשטאַנד פון: ד״ר גראַדזשענטשיק, י. נעלקין, ש. רובינשטיין, מ. לאַשיצקי, י. עלענבערג, ב. האָכבערג, ח. ראָטשטיין, פּ. זלאָטאָגוויאַזדא, י. זשעליאַנעלאַס און אברהם יצחק ראָזענבערג.

פיל אויפמערקזאַמקייט ווערט געגעבן דער הילפס־אַרבעט פאַר די קינדער אין סאָקאָלאָוו. אין דעם זומער פון 1938 ווערן אַרויסגעשיקט איך דער זומער־קאָלאָניע אין יאַרניץ, נעבן ווענגראָוו, פינף און צוואַנציק קינדער, און אין זומער 1939 ווערן אַרויסגעשיקט פיר און זעכציק קינדער. אויך ווינטער ווערן קינדער אַרויסגעשיקט אין דער קאָלאָניע אין אָטוואָצק. פון שיקאַגאָ שיקן מיר

פאַר די קינדער דריי פּעקלעך קליידער צו 44 פונט אין יעדן פּעקל, וואָס מיר האָבן געזאַמלט צווישן די לאַנדסלייט.

אויף אַ יום טוב שיקן מיר אַרייַן גרעסערע סומען, אַזוי האָט דער צ.א.ה. קאָמיטעט באַקומען אויף פּסח 1938, 1050 דאָלאַר פון שיקאַגאָ און ניו־יאָרק, אַריינרעכנענדיק אויך 75 דאָלאַר, וואָס די לאַנדסלייט פון סענט־לואיס האָבן געשיקט. ענלעכע סומעס ווערן געשיקט אויף די אַנדערע יום־טובים, פון וועל־כע עס ווערן געשטיצט נאָענט צו 500 פאַמיליעס. אַלע באַקומען זייער שטיצע אַריינגעשיקט אין הויז אין פאַרמאַכטע קאָנווערטן.

דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, דער אָנפאַל פון נאַצי־דייטשלאַנד אויף פוילן, האָט איבערגעריסן אונדזערע פאַרבינדונגען מיט דער היים־שטאָט סאָקאָלאָוו. עס האָבן אויפגעהערט קומען בריוו, די לאַנגע בריוו פון דעם צ. א. ה. קאָמיטעט אין סאָקאָלאָוו. פון די בריוו פון דעם צ. א. ה. קאָמיטעט פלעגן מיר קריגן פיל־ווייניק אַ בילד פון אונדזער היים־שטאָט, פון דעם לעבן דאָרטן, איצט איז אַלץ איבערגעריסן.

ווען דער פאַריין האָט געעפנט די טירן פאַר די פרויען און זיי זענען געוואָרן מיטגלידער און באַלד פאַרנומען פירנדיקע פּאָזיציעס, האָט עס אויסגע־זען, אַז דער פאַרלאַנג נאָך געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט ביי אונדזערע לאַנדס־פרויען איז דערגרייכט געוואָרן, אַז ענדלעך האָבן די סאָקאָלאָווער פרויען אין שיקאַגאָ געפונען דעם פּלאַץ, וווּ זיי קאָנען זיך געזעלשאַפטלעך אויסלעבן. אַזוי ווי די מענער.

אַ גרופּע לאַנדספרויען: גרינטשע מאַנדלבוים, סאָפיע באַרנשטיין, רבקה טושנער, פּערל מינדל ניידאָרף, חנה ראָזנבוים, לינע דאַן, הינדע אייזנבערג און נאָך אייניקע, גרינדן שפּעטער נאָך אַ סאָקאָלאָווער לאַנדס־פרויען־פאַריין, אונטער דעם נאָמען „סאָקאָלאָווער יאַנג־ווימענס קלוב" (סאָקאָלאָווער יונגע פרויען־קלוב), קיין ספּעציעלע אויפגאַבן האָט דער קלוב אויף זיך נישט גענומען, אַ חוץ העלפן נויטבאַדערפטיקע לאַנדסלייט אין שיקאַגאָ, און פון צייט צו צייט, בייגעשטייערט געוויסע סומען צום „רעליף קאָמיטעט" פאַר סאָקאָלאָוו.

די סאָקאָלאָווער פרויען אין שיקאַגאָ זענען נישט געבליבן אָן אַן אָרגאַ־ניזאַציע. פאַרקערט — אַ קורצע צייט האָבן דאָ עקזיסטירט צוויי פרויען־אָרגאַ־ניזאַציעס. נאָך איידער דער „סאָקאָלאָווער יאַנג ווימענס קלוב" האָט זיך אָפיציעל אויפגעלייזט, האָט מען שוין געגרינדעט די „סאָקאָלאָווער לידיס איד סאָסייטע" (סאָקאָלאָווער פרויען הילפס־פאַריין).

געגרינדעט איז די נייע אָרגאַניזאַציע געוואָרן ביי גיטל גאָטליב אין הויז. מיט פאַלי שעדלעץ, גיטל גאָטליב, פעשע זיגאַרד, רבקה טושנער, חנה רויזנבוים און מערי ענדלעס אלס די גרינדער און ערשטע מיטגלידער. חנה רויזנבוים איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פּרעזידענטין און גיטל גאָטליב — קאַסירער.

אויך די „סאָקאָלאָווער לידיס סאָסייטע", אַזוי ווי דער „סאָקאָלאָווער יאַנג ווימענס קלוב" האָט זיך נישט געשטעלט קיין ספּעציעלע צילן און נישט גענו־

מעןַ אויף זיך קיין ספּעציעלע אויפגאַבן, אַזוי ווי די פריערדיקע אָרגאַניזאַציע, אַזוי האָט אויך די איצטיקע געשיקט הילף נויטבאַדערפטיקע לאַנדסלייט און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן בייגעשטייערט צום „רעליף־קאָמיטעט" פאַר סאָקאָלאָוו.

II

המשך פון יאָר 1941

(טעטיקייטס־באַריכט פון דער סעקרעטאַריןְ חנה מאַדאַנסקי)

אין יאָר 1941 איז אין שיקאַגאָ געפייערט געוואָרן 30 יאָר טעטיקייט פון דער סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט, און צוליב דער אינטענץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ יובל־בוך. אַריבער 200 מיטגלידער און סאָקאָלאָווער פריינט האָבן זיך באַטייליקט אין דעם באַנקעט לכבוד דער יובילעאום־פייערונג. פון פאַרשידענע שטעט זענען געקומען דעלעגאַטן: פון ניו־יאָרק — דער סעקרעטאַר יעקב פישער; פון סענט־לואיס — דער סעקרעטאַר מרדכי זשעזשניק און זיין פרוי, בען פרידמאַן און זיין פרוי, די פּלאַטנערס, און פון טשאַרליסטאָן — חיים זעליג וויינער און זיין פרוי — און חנה ווענגראָווסקי.

דער אָרקעסטער שפּילט פאַרשידענע פאָלקס־לידער. וואָס דערמאַנען אַלטע זכרונות, און מיר טראַכטן אַמאָל צו פאָרן אין אונדזער היים־שטעטעלע, צו אונדזערע עלטערן און פריינט. אָבער עס פרייט זיך נישט אַזוי שטאַרק אויף דעם באַנקעט, ביים רעדנער טיש זיצן אַלע אַקטיווע אַלטע מיטגלידער וואָס האָבן שוין אַוועקגעגעבן 30 יאָר שווערע אַרבעט אין סאָקאָלאָווער פאַריין. עס ווערט דערמאָנט פון פאַרשידענע צייטן וועגן אונדזער הילפס־אַקציע אין דער אַלטער היים — היינט איז מלחמה — ווער ווייסט ווען מיר וועלן ווייטער זיך קאָנען קאָנטאַקטירן מיט סאָקאָלאָוו.

מיט אַ ציטער אין אַלעמענס הערצער איז דער באַנקעט געפייערט געוואָרן. ווי אַזוי לעבן אונדזערע עלטערן, שוועסטער, ברידער און פריינט? מיט וואָסערע יסורים ווערן זיי געפייניקט פון די היטלער־מערדער? משה מאַנדעלבוים, סעקרעטאַר פון הילפס־קאָמיטעט, דערמאָנט וועגן דער ביזהעריקע הילפס־אַקציעס און אַפּעלירט צו די 150 מיטגלידער אַריינצופירן זייערע דערוואַקסענע קינדער אין פאַריין. דער גרעאַטעוועטער פון חורבן שלמה האַכבערג, געוועזענער פ. צ. פירער אין סאָקאָלאָוו, שילדערט די טראַגישע לאַגע פון דער אַלטער היים און אַפּעלירט וועגן באַלדיקע הילף. עס רעדן נאָך די חברים דוד גילבערג, משה קאהן, הימי קוקי און א. אייזענבערג, אַלע באַגריסן און רופן צו גוטע אַרבעט. שווערע ביטערע מלחמה־יאָרן האָבן זיך געצויגן ביי דער אַרבעט פון סאָקאָלאָווער פאַריין. דורך די פרעסע האָבן מיר באַקומען שלעכטע גרוסן, אָבער נישט געקאָנט העלפן. אַמעריקע איז אין דער מלחמה און אויך

די סאָקאָלאָווער קינדער זענען אַוועק אין די אַרמיי. דער סאָקאָלאָווער פאַריין האָט אָנגעהויבן שטיצן דורך קויפן אַמעריקע באָנדס פאַר טויזנטער דאָלאַרן. אַמעריקע דאַרף וואָס שנעלער געווינען די מלחמה און יידן זאָלן באַפרייט ווערן. אָבער צום אומגליק — פאַרשפּעטיקט... פאַריתומט מיט צעוויטיקטע הער־צער זענען מיר צו אונדזערע סאָקאָלאָווער פאַריינס־פאַרזאַמלונגען געקומען, זוכנדיק אַ טרייסט איינער ביים צווייטן... די פאַנטאַזיע, ביי פיל סאָקאָלאָווער נאָך דער מלחמה אַהיימצופאָרן צו עלטערן און פריינט, איז אויף אייביק פאַר־שוווּנדן. דער סאָקאָלאָווער פאַריין האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט פון שאַפן געלט פאַר די לעבנגעבליבענע, און דאָ קומט אַריין אַ שוועריקייט אין די אַרבעט. די אַלטע אַקטיווע מיטגלידער פאָרן אַוועק קיין לאָס־אַנזשעלעס. משה מאַנדלבוים מיט זיין פרוי, שלום טושנער, ש. ע. בער, חנינא ראַטשטיין און עקיבא פּײַערשטיין. אין יאָר 1946 האָבן אָנגעהויבן אָנקומען קיין שיקאַגאָ בריוו פון סאָקאָלאָווער פליטים, וואָס זענען פון רוסלאַנד געקומען קיין פּוילן — קיין לאָדזש און אַנדערע שטעטלעך. זיי בעטן ביים סעקרעטאַר מאַדאַנסקי, אַז די סאָקאָלאָווער זאָלן זיי העלפן אין זייערן ביטערן מצב פון הונגער און פאַרצווייפלונג. און באַלד שאַפט זיך אַ נייער כוח צו דער אַרבעט. די סאָקאָלאָווער פרויען אָרגאַניזאַציע, צוזאַמען מיט דעם הילפס־קאָמיטעט שאַפן געלט צו שיקן פּעקלעך שפּייז צו די סאָקאָלאָווער.

יעדן טאָג באַקומט מען בריוו פון סאָקאָלאָווער פליטים, וואָס דערציילן פון זייער וואַנדער־וועג און די שרעקלעכע צרות וואָס זיי האָבן מיטגעמאַכט. די בריוו ווערן ביי פאַרזאַמלונגען פאַרגעליינט און די מיטגלידער פאַרגיסן דערביי טרערן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז מען זאָל שיקן אַ דעלעגאַציע קיין סענט־לואיס צו אָרגאַניזירן שנעלע הילף. ס'זענען אַהין געפאָרן צבי מאַדאַנסקי, אברהם און סאָפיע באַרנשטיין מיט אַ פּעקל בריוו און אַ ליסטע פון אַריבער 100 אַדרעסן פון סאָקאָלאָווער פליטים וואָס געפינען זיך אין פּוילן. ביים דאָרטיקן סעקרעטאַר מ. זשעזשניק אין הויז ווערט אַדורכגעפירט דער צוזאַמענטרעף. אין אָוונט איז פאַרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג. צו שאַפן הילף פאַר די געקומענע סאָקאָלאָווער אין פּוילן, פאַריז און ישראל. עס איז גע־ווילט געוואָרן אַ קאָמיטעט: בן פלאַטנער — פּרעזידענט; מרדכי זשעזשניק — סעקרעטאַר און אַ גרויסער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. מאַדאַנסקי האָט אויף דער פאַרזאַמלונג געקריגן 300 דאָלאַר צו שיקן קיין לאָדזש אין זייער נאָמען. יעדן חודש איז שוין דאָרט פאַרגעקומען ביי אַן אַנדערן סאָקאָלאָווער אַ צו־זאַמענקום, געשאַפן געלט און געשיקט שפּייז־פּעקלעך.

אַזוי האָט שיקאַגאָ, סענט־לואיס און ניו־יאָרק, יעדע פאַר חדשים גע־שיקט צענדליקע פּעקלעך שפּייז און קליידער, ווי אויך געלט. אין יאָר 1948, די היסטאָרישע תקופה אין יידישן לעבן, ווען די הערצער פון די יידן אין אַמעריקע און אין גאָר דער וועלט זענען דערפרייט געוואָרן מיט דער נייעס וועגן דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, ווי אַלע פליטים וועלן האָבן אַ

היים. ווי אַ דונער האָט געטראָפן די אַמעריקאַנער יידן די ידיעה וועגן אַראַבישן איבערפאַל. אויף אַלע פאַרזאַמלונגען איז גערופן געוואָרן צו זיין גרייט אין דער הילף פאַר ישראל. און דער סאָקאָלאָווער פאַריין האָט געשאַפן אַ גרעסערן קאַמפּס־פאָנד און געקויפט אַ טאַנק צו שיקן צו דער יידישער אַרמיי. און ווען ישראל האָט די מלחמה מיט די אַראַבישע שונאים געוואונען, האָבן מיר אַוועקגעשיקט 600 דאָלאַר, צום דעמאָלטדיקן פאַרזיצער ה. האַרענ־שטיין פון סאָקאָלאָווער קאָמיטעט אין ישראל צו העלפן די סאָקאָלאָווער, וואָס נויטיקן זיך דערצו. ווען ישראל האָט אַרויסגעשיקט און פּראָקלאַמירט די אַקציע פון פאַרקויפן ישראל־באָנדס, איז אין סאָקאָלאָווער פאַריין גערופן גע־וואָרן אַ פאַרזאַמלונג, און די מיטגלידער האָבן געקויפט פאַר טויזנטער דאָלאַרן ישראל־באָנדס. היינט געפינט זיך אין דער קאַסע פאַר אַריבער 5000 דאָלאַר ישראל־באָנדס. און מיר שאַפן יעדעס יאָר אַריבער 3000 דאָלאַר פאַר פאַר־שידענע צוועקן. יעדעס יאָר קומט פאָר אין פאַריין און אויך ביי די סאָקאָלאָווער פרויען־אָרגאַניזאַציע אַ באַנקעט. ווו ס'ווערט געזאַמלט פאַר דעם צוועק.

אין יאָר 1950 איז סעקרעטאַר הערשל מאַדאַנסקי באַאויפטראַגט גע־וואָרן זיך אַדורכצורעדן מיט די סאָקאָלאָווער פון ניו־יאָרק, סענט־לואי, לאָס־אַנזשעלעס, ראָקפאָרד און קאַנאַדע וועגן שאַפן וואָס מער געלט פאַר הילף און פאַראייניקן אַלע הילפס־אַרבעטן פון אַמעריקע, קאַנאַדע און ישראל אונטער אַ צענטראַלע הילפס־קערפערשאַפט. נאָך אַ ברייטע דיסקוסיע, דורך בריוו מיט די סעקרעטאַרן פון אַלע שטעט, איז באַשטימט געוואָרן אין שיקאַגאָ זונטיק, דעם 24־טן דעצעמבער, 1950 אַ סאָקאָלאָווער הילפס־קאָנפערענץ. עס זענען געקומען דעלעגאַטן פון ניו־יאָרק און סענט־לואי — 5, און פון ראָקפאָרד — 2. לאָס־אַנזשעלעס האָט צוגעשיקט אַ באַגריסונג. די סאָקאָלאָווער אין שי־קאַגאָ האָבן געמאַכט אַלע צוגרייטונגען. אויפן טאָג־אָרדענונג: דערעפנונג — הערשל מאַדאַנסקי; קאָנסטיטואירונג — מ. כאַינע (פאַרזיצער פון דער ערשטער זיצונג). ער גיט דאַביי איבער אַ גרוס פון ישראל און וועגן צוזאַמענ־אַרבעטן אין אַמעריקע.

הערשל מאַידאַנסקי שילדערט אין זיין דערעפנונגס רעדע דעם גרויסן פאַרלוסט פון יידישן פאָלק מיט דעם אומקום פון די זעקס מיליאָן קדושים און דעם חורבן סאָקאָלאָוו. ס'ווערן באַערט די אומגעקומענע קדושים אין אייראָפּע און די יידישע העלדן פון דער ישראל אַרמיי, וואָס זענען געפאַלן אין די קאַמפן פאַר דער באַפרייונג פון מדינת ישראל. מאַדאַנסקי שילדערט, ווי עס גייט אַ נייער סאָקאָלאָווער דור אין ישראל און רופט אַלע דעלעגאַטן צו העלפן זיי. עס רעדן נאָך אַלטער לויס פון ראָקפאָרד; פעניע בראָקמאַן, בעז פלאָטנער, מאָטל גאָרעלניק — סענט־לואיס; דוד גילבערג, סאָפיע באָרנשטיין — שיקאַגאָ, און הארי ווייסבערג — ניו־יאָרק. כאַינע ווערט באַשטימט אַלס פאַרזיצער פון צוזאַמענקום און מאַדאַנסקי — סעקרעטאַר. צו די באַריכטן ווערן גערופן די סעקרעטאַרן פון יעדער שטאָט.

שיקאַגאָ האָט געשיקט 3000 דאָלאַר געלט קיין לאָדזש, 200 — קיין פּאַריז; 600 — קיין ישראל. אין די לעצטע צייט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס שיקן שפּייז־פּעקלעך קיין ישראל, ווייל דער קאָמיטעט אין ישראל בעט נישט קיין שפּייז פאַר סאָקאָלאָווער, נאָר קאָנסטרוקטיווע הילף. היינט געפינט זיך אין די הילפּס־קאַסע 1400 דאָלאַר. מ. זשעזשניק פון סענט־לואיס באַריכטעט אַז פון דער קאַסע האָבן זיי אַרויסגעגעבן 4000 דאָלאַר פאַר שפּייז־פּעקלעך קיין לאָדזש און אנדערע שטעט. היינט שיקן זיי שפּייז־פּעקלעך, קיין ישראל און אין זייער קאַסע געפינט זיך 2000 דאָלאַר.

מ. כאינע פון ניו־יאָרק באַריכטעט וועגן שיקן פון ניו־יאָרק הילף צו סאָקאָלאָווער קיין לאָדזש, און אויך מאַשינען פאַר יחידים קיין פּאַריז און ישראל. דאָס ניו־יאָרקער יובל־בוך, האָט אַריינגעבראַכט פאַר די רעליף־קאַסע 3500 דאָלאַר, היינט האָבן זיי אין דער קאַסע 2500 דאָלאַר. סאָפיע באַרנשטיין באַריכטעט אַז די פרויען אין שיקאַגאָ זענען אין דער הילפּס־אַרבעט פאַראייניקט מיט דעם רעליף־קאָמיטעט, און זיי זענען צו יעדער צייט גרייט צו העלפן. מ. כאינע גיט איבער אַ גרוס פון זיין באַזוך אין ישראל, ווו ער האָט זיך אין תל־אביב געטראָפן מיט די סאָקאָלאָווער אויף אַ פאַרזאַמלונג וועגן זייער הילפּס־אַרבעט אין ישראל. כאינע שילדערט די טראַגישע לאַגע פון די פליטים. און ווי וויכטיק אונדזער אַרבעט איז פאַר זיי... די סאָקאָלאָווער אין ישראל האָבן געעפנט אַ לייַ־קאַסע, און האָבן די פליטים געבאָרגט אַריבער 1000 פונט. ס'איז אויך געווען אַ פּראָיעקט צו בויען אַ האָטעל מיטן נאָמען סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסק אין ישראל. סאָקאָלאָווער פון אַמעריקע זאָלן בויען אין ישראל אַ האָטעל פון 40 צימערן און דער האָטעל זאָל הייסן „סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסקי", דער האָטעל דאַרף קאָסטן 40,000 דאָלאַר; דעם באַדן פאַרן האָטעל וועלן די סאָקאָלאָווער אין ישראל באַקומען.

אויף דער צווייטער זיצונג, געפירט דורכן פאָרזיצער מ. זשעזשניק, באַגריסט רב שלמה דוד מאָרגענשטערן די קאָנפערענץ, און רופט צו אייני־קייט אין דער גוטער אַרבעט. שפּעטער ווערט באַשטימט צו שיקן דאָס געלט נישט פאַר בוי־צוועקן, נאָר פאַר אַ לייַ־קאַסע. פון שיקאַגאָ איז געשיקט געוואָרן 2000 דאָלאַר, סענט־לואיס — 2000, ניו־יאָרק — 2000 דער פאָרשלאַג צו בויען אַ פאָלקס־הויז וואָס זאָל פאַראייביקן די אַלטע היים סאָקאָלאָוו, איז אָפּ־געוואָרפן געוואָרן, און דער פאַראייניקטער הילפּס־קאָמיטעט פון ניו־יאָרק, שיקאַגאָ און סענט־לואיס איז אויפגעלייזט געוואָרן.

שיקאַגאָ האָט איר הילפּס־אַרבעט נישט אָפּגעשטעלט. דער הילפּס־קאָ־מיטעט האָט אָנגעהויבן רופן פאַרזאַמלונגען אויפסניי, צו שאַפן געלט פאַר די סאָקאָלאָווער פליטים וואָס געפינען זיך אין ישראל. אין יעדן יאָר, ווערט גע־רופן צו קומען צו אַ יזכור־פאַרזאַמלונג נאָך די סאָקאָלאָווער קדושים, וואָס זענען פון די היטלער־מערדער אומגעקומען י"ב תשרי 1942. עס קומען זיך מאַסנווייז צוזאַמען די סאָקאָלאָווער, צום יזכור־יאָרצייט און שטיקן זיך מיט

טרערן. דוד גילבערג צינדט אָן די יזכור־ליכט. און ס'ווערט דערמאָנט די אַלטע היים און ווי אַזוי סאָקאָלאָוו האָט אויסגעזען אַ טאָג נאָך יום־כּפּור מיט איר טויטן־מאַרש קיין טרעבלינקע. און מען טרייסט זיך מיט די גע־ראַטעוועטע און דעם המשך פון זיין אין ישראל. מיר זענען שטאָלץ מיט די סאָקאָלאָווער, וואָס זענען אַזוי אַקטיוו, מיט זייער שעפערישקייט אויפן געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן געביט אין אַלע וועלט־טיילן, ווו זיי געפינען זיך. צווישן אַנדערע האָבן אויך אויף אַזאַ אָוונט גערעדט רב ד״ר פּערלאָוו, אַן אייניקל פון סאָקאָלאָווער רבין ז״ל, וועגן דער גרויסקייט פון די סאָקאָלאָווער יוגנט וואָס איז אַוועק אויף קידוש השם, און די וועלכע לעבן און שאַפן אין מדינת ישראל; סאָקאָלאָווער אין אַמעריקע דאַרפן זיין פאַרבונדן מיט די סאָקאָלאָווער אין ישראל, און זאָגן קדיש נאָך די אומגעקומענע. יעדן יאָר ווערט איינגעאָרדנט אַזאַ יזכור־אָוונט. הײַנט געפינען זיך אין פאַריין 85 מיט־גלידער; די פרויען אָרגאַניזאַציע ציילט 65 מיטגלידערינס. זייער קאָמיטעט פירט זייער אַ גוטע הילפס־אַרבעט, מינדל זאמלאפער איז פאָרזיצערין; מאַלקע וואַליסקי — וויצע־פאָרזיצערין; חנה מאדאנסקי — באַריכט סעקרעטאַרין; ברוכע קאַלניק — פינאַנס־סעקרעטאַרין; סערקע גילבערג — קאַסירערין און פעגע קוקי — האָספּיטעלערין. אין יאָר 1958 איז געשיקט געוואָרן קיין ישראל צו פאַרטיילן די סאָקאָלאָווער 400 דאָלאַר; אין 1959 איז מיט סערקע גילבערג אויך געשיקט געוואָרן 400 דאָלאַר, און מיר גרייטן זיך אויף להבא צו גוטער אַרבעט.

פיל לאַנדסמאַנשאַפטן אין שיקאַגאָ האָבן זיך שויך לאַנג אויפגעלייזט און אויפגעגעבן זייער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. דער סאָקאָלאָווער פאַריין האָט אין יאָר 1959 געפייערט זיין 49 יעריקן יובילעאום מיט אַ שיינעם באַנקעט, וווּ 150 מיטגלידער און פריינט זענען געקומען אין אַ יום־טובדיקע שטימונג באַגריסן דעם קאָמיטעט אין אַלע אַקטיווע אַרבעטער וואָס גיבן אַוועק צייט און געלט פאַר דער גוטער אַרבעט פון פאַריין. באַלד נאָך דעם באַנקעט איז די איינקונפט פון 400 דאָלאַר אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ישראל צו פאַר־טיילן אויף פסח. מיר גרייטן צו אַ גרויסן באַנקעט מיט אַ ישראל־פילם און גוטע רעדנער. מיר שטעלן זיך פאַר אַן אויפגאַבע צו שאַפן 3000 דאָלאַר פאַרן רעטונגס־פאָנד, צו העלפן די געקומענע קיין ישראל.

רער קאָמיטעט פון דער ברויען־אָרגאַניזאַציע פון דער סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין שיקאַגאָ:
פון לינקס צו רעכטס (זיצן); סערקע גילבערג — קאַסירערין; חנה מאָדאַנסקי — באַריכטס־סעקרעטאַרין; מינדל זאַמענהאָפער — ס׳שטיין: פייגע קוקי — האָספּיטעלערין; חנה ראָזענבוים — ערשטע פאָרזיצערין; מלכה וואָלינסקי — וויצע־פאָרזיצערין.
פאָרזיצעירין; העניע קאָסאָווער, איידל בער, חיה רבקה ראָזנבוים — עקזעקיוטיוו־קאָמיטעט.

סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין שיקאַגאָ גיט איבער אַ טשעק אויף 1.900 $
(דערפון: מאָריס קאַהן 1.000 $, דוד גילבערג — 400 $ און אַנדערע 500 דאָל.)
פון רעכטס: מאָריס קאַהן, סעמיול ט. כהן, פרוי קאַהן און דוד גילבערג

קאָמיטעט פון דער סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין שיקאַגאָ (פון לינקס); אייזיק קאַמער (סעקרעטאַר) הערשל מאַדאַנסקי (סעקרעטאַר) שלמה בער (וויצע־פּרעזידענט), אַבֿרהם רובינשטיין (פּרעזידענט) לוי וואָלינסקי (סעקרעטאַר), שעפּסל קאָסאָווער (פינאַנץ סעקרעטאַר) יוסף ווישני (קאַסירער).

די סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק

I

(טעטיקייטס־באַריכט — פון 1905 ביז 1946)

דאָס יאָר 1905 איז אַ היסטאָרישע דאַטע אין דער געשיכטע פון דער סאָסייטי. אין יענעם יאָר זענען געמאַכט געוואָרן די ערשטע פּרוּוון צו גרינדן אַ סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק. צווישן די איניציאַטאָרן פונעם פאַריין זענען געווען: ישראל ישעיה גרינבערג, מ. פּערלשטיין, משה העריס, אהרן ראָזנבוים און יונה קאַרפּ.

דער פּרוּוו האָט זיך דעמאָלט נישט איינגעגעבן. דער גרעסטער טייל פון די סאָקאָלאָווער אין אַמעריקע זענען דעמאָלט געווען נישט קיין „גאַנצע" סאָ־קאָלאָווער, אָבער דער געדאַנק צו שאַפן אַ סאָקאָלאָווער פאַריין איז דאָך נישט אויפגעגעבן געוואָרן. פינף יאָר זענען פאַרפלויגן — און אין 1910 איז געמאַכט געוואָרן אַ צווייטער פּרוּוו.

אין יענעם יאָר איז אין סאָקאָלאָוו אויסגעבראָכן אַ גרויסע שרפה, דאָס פייער האָט פאַרניכטעט אַ באַדייטנדיקן טייל פון די דאָרטיקע יידישע היימען און קראָמען. גאַנצע גאַסן זענען אַוועק מיטן רויך. דער יידישער קיבוץ אין סאָקאָלאָוו איז כמעט אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן. די טראַגעדיע איז געווען אַ האַרץ־רייסנדיקע; הילף איז געוואָרן מאָמענטאַל נויטיק.

דאָ אין ניו־יאָרק האָט משה העריס באַקומען פון סאָקאָלאָוו אַ רירנ־דיקן בריוו, אין וועלכן אונדזערע סאָקאָלאָווער ברידער און שוועסטער האָבן געבעטן ביי זייערע אַמעריקאַנער לאַנדסלייט, זיי באַלד צו העלפן. משה העריס האָט זיך באַראַטן מיט נאָך עטלעכע חברים און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן באַלד עפּעס צו טון.

אייניקע לאַנדסלייט האָבן אָפּגעדרוקט אַן אויפרוף וואָס האָט גערופן די סאָקאָלאָווער אין ניו־יאָרק צו אַ מאַסן־מיטינג אין „היאַס"־געביידע. ביים מיטינג — וואָס איז געווען אַ גוטבאַזוכטער און אַן אינספּירירנדיקער — האָבן די באַטייליקטע באַשלאָסן צו שאַפן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע. אָן דעם — האָבן די רעדנער ביים מיטינג דערקלערט — זענען די לאַנדסלייט צעזייט און צע־שפּרייט. באַפעסטיקט דורך אַ סאָסייטי, קאָנען די סאָקאָלאָווער דאָ קאָנסאָ־לידירן זייערע כוחות, האַלטן זיך געאייניקט, פאַרבעסערן זייער אייגענעם מצב

און פּאַרטיילן הילף זייערע ליידנדיקע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים — אויף אַן אָרגאַניזירטן סיסטעמאַטישן אופן.

דעמאָלט איז געמאַכט געוואָרן אַ צווייטער פּרוּוו צו שאַפן אַ סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט — און אויך דאָסמאָל האָט זיך עס נישט איינגעגעבן. דער פאַריין האָט, אמת, דערזען די ליכטיקע וועלט, ער איז אָבער געווען געשפּאָלטן אין פאַרשידענע גרופּן.

אַזוי זענען פאַרלאָפן פיר יאָר. אין 1914 האָט אַ גרופּע לאַנדסלייט זיך פאַרזאַמלט ביי יונה קאַרפּ אין הויז און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן — מאַכן אַ נייעם פּרוּוו.

ס׳איז געווילט געוואָרן אַ צייטווייליקער קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע מיטגלידער: ס. סילווער, מ. ראָזענגאַרט, ה. פעלדמאַן, אברהם ווישניע, און משה העריס אַלס פּאָרזיצער. דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו שאַפן דעם באַזיס פאַר אַ פּערמאַנענטע סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק, און אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז די סאָסייטי וועט ביים גרינדן אָנהויבן אַ ברייט פאַרצווייגטע טעטיקייט, וואָס וועט אַריינציען די ברייטע שיכטן פון די סאָקאָלאָווער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק.

אַ דאַנק דער ענערגישער אַרבעט פון אָט דעם איניציאַטיוו־קאָמיטעט, איז געלונגען אַריינצוציען אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער און אין דעמזעלבן יאָר — 1914 איז דערווילט געוואָרן אַ פּערמאַנענטער קאָמיטעט, וואָס האָט פאַר זיך געהאַט דריי אויפגאַבן:

1. אָרגאַניזירן די סאָסייטי.
2. אויפנעמען פאַרשלאַגן וועגן אַ נאָמען.
3. באַזאָרגן די סאָסייטי מיט אַ בית־הקברות.

אַזוי אַרום איז די איצטיקע סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט געגרינדעט געוואָרן. און די דערמאָנטע אויפגאַבן זענען דורכגעפירט געוואָרן מיט דער־פאָלג.

ביי אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג, אין דעצעמבער 1915, איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער נאָמען פון דער סאָסייטי זאָל זיין:

„סאָקאָלאָווער יאַנג פרענדס פּראָגרעסיוו איד סאָסייעטי״.

די סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק, קאָן מיט שטאָלץ אָנ־ווייזן אויף אַ ברייט־פאַרצווייגטע רעליף־טעטיקייט — פון איר גרינדונג ביז איצט.

אונדזער ערשטע אונטערנעמונג איז געווען אַ גרויסער באַל. דער באַל איז געווען אַ געלונגענער און די הכנסה דערפון האָט דערמעגלעכט אונדזער סאָסייטי צו פאַרברייטערן איר הילף צו די ליידנדיקע סאָקאָלאָווער אין דער היימשטאָט.

די דאָזיקע הילף איז נאָך מער פאַרצווייגט געוואָרן נאָכן סוף פון דער־ערשטער וועלט־מלחמה פון 1914, ווען די היגע לאַנדסלייט האָבן געקראָגן די

מעגלעכקייט זיך צו פאַרבינדן מיט זייער ליבע היימשטאָט סאָקאָלאָוו. ס'איז נויטיק געוואָרן דרינגענדיקע הילף, אָוואונדזער סאָסייטי האָט זיך ברייט־האַרציק אָפּגערופן און אויסגעשטרעקט אַ וואַרימע, ברידערלעכע האַנט.

מאַסן מיטינגען, טעאַטער־פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן און אַנדערע פאַר־אַנשטאַלטונגען. דורכדעם האָט די סאָסייטי געשאַפן די נויטיקע געלט־מיטלען צו העלפן באַשפּייזן, באַקליידן און באַשוכן די מלחמה־געטראָפענע אין סאָקאָ־לאָוו, און זיי באַזאָרגן מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ. כדי צו פאַרגרעסערן די הכנסות פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען, האָט אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט געשאַפן אַן אייגענע דראַמאַטישע סעקציע. אָנגעהויבן האָט אונדזער נייער צווייג מיט דער אויפפירונג פון איינאַקטערס. די פאָרשטעלונגען האָבן „אָנגעריסן" אויסגעצייכנ־מען ביים עולם־צושויער, און מיר האָבן באַשלאָסן אַז די דראַמ.־סעקציע זאָל בלייבן אַ שטענדיקע אינסטיטוציע. אין פאַרלויף פון איר עקזיסטענץ, איז די דראַמ.־סעקציע מדרגות'וויז געוואַקסן. פון איינאַקטערס, איז מען אַריבער צו דער אויפפירונג פון גאַנצע פּיעסן. צווישן אַנדערע, האָבן זיך אין די אויפ־פירונגען באַטייליקט: אברהם ווישניע, ר. ראָזענגאַרט, מ. סילווער, מ. ראָזענ־גאַרט. דער דאָזיקער פּראָיעקט האָט אין אַ גאַר גרויסער מאָס געהאָלפן אַנט־וויקלען דראַמאַטישן טאַלאַנט ביי אונדזערע לאַנדסלייט און דערהויבן דעם קולטורעלן מצב פון דער מיטגלידערשאַפט, איינפלאַנצן אין איר אַ ליבע צום בעסערן סאָרט טעאַטער. די טעטיקייט פון דער דראַמ.־סעקציע איז געווען אַ גרויסער מאָראַלישער און מאַטעריעלער דערפאָלג. דער גאַנצער פּראָפיט פון די פאָרשטעלונגען איז אַוועקגעשיקט געוואָרן צו די הילפס־אינסטיטוציעס אין סאָקאָלאָוו. דערפון האָבן געגאָסן אַלע נויטבאַדערפטיקע אין אונדזער היימ־שטאָט.

איינציקוויז, איז אונדזער רעליף־טעטיקייט אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ פעסטן באָדן און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די רעליף־אַרבעט זאָל געפירט ווערן פון אַ באַזונדער צווייג אין דער לאַנדסמאַנשאַפט, אַזוי, אַז די סאָסייטי זאָל זיך קאָנען אָנהויבן מער זאָרגן פאַר די נויטן און באַדערפענישן פון די מיטגלידער אַליין.

אין 1923, איז פאַרצייכנט געוואָרן אַ וויכטיקע געשעעניש אין דער געשיכטע פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט. צוויי טעטיקע מיטגלידער — ס. מאָריסאָן און א. ווישניע — זענען געפאָרן באַזוכן אונדזער אַלטע היים סאָ־קאָלאָוו. פאַר זייער אָפּפאָרן האָט די סאָסייטי איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלן אָפּ־שייד־אָוונט. די וואָס האָבן די דאָזיקע גוט־באַזוכטע צוזאַמענקונפט בייגעוווינט וועלן זי לאַנג, לאַנג געדענקען. אין 1934 איז ווידער אַ טיכטיקער מיטגליד פון דער לאַנדסמאַנשאַפט — י. לעווענשטיין — געפאָרן קיין סאָקאָלאָוו. און אין 1935 און 1936 זענען דאָרט געווען אויף אַ באַזוך אונדזערע לאַנדסלייט משה ראָזענגאַרט און ליזער האָפּענגאַרט. אויך לכבוד זיי האָט די סאָסייטי איינגעאָרדנט איינדרוקספולע פאַר־געזעגנט אָוונטן. צוריקקערנדיק זיך פון זייערע

באַזוכן, האָבן די לאַנדסלייט געבראַכט די סאָקאָלאָווער .דאָ אַ לעבעדיקן גרוס וועגן דעם, וואָס ס'טוט זיך אין דער אַלטער היים.

צווישן אַנדערע, שטיצט די לאַנדסמאַנשאַפט דעמאָלט די פאָלגנדיקע ייִדישע אינסטיטוציעס אין סאָקאָלאָוו: תלמוד־תורה, בית־לחם, סומך־נופלים, גמילות־חסד און האַנדווערקער פאַריין, ווי אויך די ייִדישע קינדער אין די קריסטלעכע שולן אין סאָקאָלאָוו.

אין 1917 איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין אונדזערע רייען — אַמע־ריקע איז דאַן אַריין אין קריג קעגן דייטשלאַנד. מיט דער דערלויבעניש פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, איז דאָ דעמאָלט אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ייִדישער לעגיאָן, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען: העלפן ענגלאַנד איינעמען ארץ־ישראל, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין די הענט פון די טערקן. פיל פון אונדזערע מיטגלידער — אַ יונגער עלעמענט — האָבן זיך אַנגעשלאָסן אינעם לעגיאָן און געפאָרן קיין ארץ־ישראל. אַ טייל פון די וואָס זענען דאָ איבער־געבליבן, זענען געוואָרן נאַציאָנאַל־געשטימט און געוואָלט זיך אַנשליסן אין וועלכער ס'איז אָרגאַניזאַציע וואָס האָט אין איר פּלאַטפאָרמע איינגעשלאָסן די פאָדערונג פאַרן אויפבוי פון אַ נאַציאָנאַל־ייִדיש היימלאַנד אין ארץ־ישראל. אַלס רעזולטאַט דערפון, האָט זיך אין אונדזער סאָסייטי געשאַפן אַ שטאַרקער סענטימענט פאַר דעם, אַז די סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט זאָל זיך אַנשליסן אַלס ברענטש פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. היות די מאַיאָריטעט אָבער האָט אָט דעם פאָרשלאַג באַקעמפט, האָט די אָפּאָזיציע — וואָס איז געווען אין דער מינדערהייט — אַלס פּראָטעסט אָפּגעזאָגט זיך צו צאָלן בייטראַג. און די סאָסייטי האָט זיי געמוזט אויסשליסן אַלס מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך סוף כל סוף צוריקגעקערט צו אונדזערע רייען, און מיר האָבן זיך אויפס־נייַ גענומען פונאַנדערוואַקסן. ביז היינט־צו־טאָג זענען זיי טרייע, טיכטיקע מיטגלידער פון דער סאָסייטי.

דערפילן די נויטן נישט בלויז פון די ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים, נאָר אויך פון די אייגענע לאַנדסלייט דאָ, איז געווען איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן פון דער סאָסייטי זינט איר גרינדונג.

די לאַנדסמאַנשאַפט האָט אַנגעשטעלט אַ סאָסייטי דאָקטאָר פאַר די ניו־יאָרקער מיטגלידער, און שפּעטער — אַ דאָקטאָר פאַר די ברוקלינער.

אַ צווייטער אויפטו איז געווען דאָס איינפירן פון קראַנקען־פאַרזיכערונג. אין פאַל פונעם טויט פון אַ מיטגליד, באַקומען די יורשים אויסגעצאָלט 200 דאָלאַר, ווען ס'שטאַרבט די פרוי פון אַ מעמבער, באַקומען די יורשים 100 דאָלאַר.

אַ ווייטערע וויכטיקע דערגרייכונג איז — דער הלוואה פאָנד. דער־דאָזיקער פאָנד איז געשאַפן געוואָרן אין נאָוועמבער 1922, מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל פון 200 דאָלאַר דער ערשטער קאַסירער פונעם פאָנד איז געווען ראובן ראָזענגאַרט, וועלכער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין זיין אַמט. זיין

נאָכפאָלגער, ל. פרידמאַן, האָלט אָן דעם אַמט ביזן היינטיקן טאָג. פאַר זיינע לייסטונגען ביים פאַרוואַלטן מיטן פאָנד, האָט פ׳ פרידמאַן געוואונען די פאַרערונג און אָנערקענונג פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט.

די פרויען פון די לאַנדסלייט זענען אַ וויכטיקער כוח און קאָנען פיל העלפן די טעטיקייט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט צו פאַרברייטערן. נאָך אַ נישט געלונגענעם פרווו איז אין יאָר 1925 ענדלעך געגרינדעט געוואָרן אַ לײדיס אַקזילערי, פון אייגענע מיטגלידער, און זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין טרייע איבערגעגעבענע מיטאַרבעטערינס.

די ערשטע אַקזילערי באַאַמטע זענען געווען: אַלטע זשעלענעץ — טשערלײדי; אײדא גאָרדאָן — רעקאָרדינג סעקרעטאַר; באַשקי כאַיניע, פינאַנץ סעקרעטאַר; יעטא ווישניע — טרעזשורער; שיינדל ראָזענגאַרט, מלכה לענטשנער און בעססי ראָזענגאַרט — האָספּיטעלער.

אויפן צווייטן מיטינג פונעם נייעם צווייג ווערט באַשלאָסן צו רופן זיך: „סאָקאָלאָווער לײדיס אַקזילערי״.

מיט דער הילף פון די סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט מיט ראַט און טאַט האָט די לײדיס אַקזילערי, זייט איר גרינדונג, פאַרצייכנט אַ רייע באַדייטונגספולע אויפטוען, זי האָט באַזאָרגט יידישע קינדער פון די קריסטלעכע שולן אין סאָקאָלאָוו מיט פרישטיק, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ זעמל מיט אַ גלאָז מילך טעגלעך. זי האָט אויך אָנגעפירט אַ פאַרצווייגטע אָרגאַניזיר־אַקציע, אַריינצוציען יעדע פרוי פון די סאָקאָלאָווער לאַנדסלייט אין דער אַקזילערי. זי האָט אונטערגענומען אַ ריי סאָציאַלע אַרבעטן. זי האָט געשטיצט אַ גרויסע צאָל אינסטיטוציעס אין ניו־יאָרק, איינשליסנדיק „האיאס״, „יונייטעד דזשואיש אַפּיל״, געווערקשאַפטן קאַמפּיין א. א.

אין יעדער אויפגאַבע, וואָס די סאָקאָלאָווער־לאַנדסמאַנשאַפט האָט אונטערגענומען איז די שוועסטער־אָרגאַניזאַציע, די לײדיס אַקזילערי, געשטאַנען ביי דער זייט און געהאָלפן דאָס דורכפירן מיט דערפאָלג. פאַר זייער הילף פאַרדינען די מיטגלידער פון דער אַקזילערי אונדזער אַלעמענס אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט.

ווי אַ רעגירונג, מוז אויך אַן אָרגאַניזאַציע האָבן אַ קאָנסטיטוציע, וואָס איז איר וועגווייזער און צייכנט אָן ווי אַזוי זי זאָל זיך פירן.

אין 1923, האָט די סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט באַשלאָסן אויסצואַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע. ס׳איז געווילט געוואָרן אַ קאָמיטעט דאָס דורכצופירן. מיטן אָנטייל פון די פאָלגנדיקע מיטגלידער: א. ווישניע, פ. ראָזענבערג, חנא פעלדמאַן א. מ. ראָזענגאַרט, מיט משה סילווער אַלס טשערמאַן, וועלכע זענען פאַר זייער אַרבעט באַדאַנקט געוואָרן אין נאָמען פון דער גאַנצער לאַנדסמאַנשאַפט.

אין 1926 האָט די לאַנדסמאַנשאַפט אָנגענומען צוויי פאַרפליכטנדיקע באַשלוסן פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער פון גרויס באַדייט:

1) קיין מיטגליד פון דער סאָסייטי טאָר נישט זיין קיין שטרייק־ברעכער;

און

2) קיין באָס — אויב ער וויל בלייבן אַ מיטגליד פון אונדזער לאַנדס־מאַנשאַפט, — טאָר נישט אָנשטעלן קיין סקעבס (שטרייק־ברעכער).

אין זעלביקן יאָר, איז פאָרגעקומען דער גרויסער קלאָוקמאַכער שטרייק. מיר האָבן דאַן באַשלאָסן צו שטיצן די שטרייקנדיקע צווישן אונדזערע מיט־גלידער מיט 40 דאָלאַר יעדן.

די סאָקאָלאָווער סאָסייטי האָט תמיד ברייטהאַרציק געהאָלפן פאַר־שידענע יידישע און אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס דאָ אין לאַנד.

צווישן אַנדערע, האָבן מיר געשטיצט: אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, „היאס", יידישע מלחמה וועטעראַנען, ליגע פאַר יידישע בלינדע, יונייטעד דזשויאיש אפיל, געווערקשאַפטן קאמפּייק, יידישע צדקה פעדעראַציע, לאָס־אַנזשעלעס און דענווער סאַנאַטאָריומס, צו דעם קאָנען אויך צוגערעכנט ווערן סאַראַטאָגאַ ספּרינג האָוס, רויטער קרייץ און „יו. עס. או".

אין לויף פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָט די סאָקאָלאָווער סאָסייטי דורכגעפירט אימפּאָזאַנטע יובילײ־פייערונגען, וואָס האָבן אויף די אַנוועזנדיקע איבערגעלאָזן אַ טיפן איינדרוק.

אין דעצעמבער 1924 איז געפייערט געוואָרן אונדזער 10 יעריקער יובילײ; אין 1929 — אונדזער 15־טער — אין דעצעמבער 1934 האָבן מיר פאַרצייכנט צוואַנציק יאָר לעבן און טעטיקייט.

באַזונדערס באַדייטונגספול איז געווען אונדזער 25 יעריקע יובילײ־פייערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער 1939. דער צוזאַמענקונפט, וואָס איז פאָרגעקומען אין סענטראַל פּלאַזאַ האָל, האָט אָפּגעשלאָסן אַ וויכטיקע תקופה: אַ פערטל יאָרהונדערט אין אונדזער געשיכטע.

די פייערונג איז געווען אַ גרויסער מאָראַלישער און מאַטעריעלער דער־פאָלג. אָבער נישט פריילעך איז דעם עולם געווען אויפן האַרצן. דער גרויל פון דער נאַצי־וואָקכאַנאַליע האָט דורכגענומען די פאַרזאַמלטע און די טראַ־געדיע פון דעם געמאָרדעטן און געפייניקטן יידישן פאָלק אויף יענער זייט ים, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די פּנימער פון די פאַרזאַמלטע. דער צוזאַמענ־קונפט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסע הילפס־מאַניפעסטאַציע. די אַנ־וועזנדיקע האָבן געגעבן זייער צוזאָג, אַז זיי וועלן טון אַלץ לויט זייערע כוחות צו העלפן די ליידנדע סאָקאָלאָווער לאַנדסלייט. זיי האָבן, אין זייער אַנוועזנהייט, באַצאָלט אַ מין „קאָפּ־שטייער" פאַר די ליידנדיקע סאָקאָלאָווער, וואָס האָבן זיך שוין דאַן געפונען אין מלחמה־לאַגער און ס'איז אויפן אָרט געשאַפן גע־וואָרן אַ באַדייטנדיקע סומע געלט פאַרן „סאָקאָלאָווער רעליף".

די שארית הפליטה פון די סאָקאָלאָווער שוועסטער און ברידער קאָנען מיר העלפן — אויף אַ ממשותדיקן אופן און דאָס טוען מיר טאַקע.

פאַר די סאָקאָלאָווער מאַרטירער וואָס זענען דורך די נאַצישע בעסטיעס

אויסגעמאָרדעט געוואָרן, אָדער וואָס זענען העלדיש געפאַלן אין קאַמף קעגן דער היטלעריסטישער טיראַניי — פאַר זיי קאָנען מיר שוין לײדער גאָרנישט טון, חוץ היילקן זייער ליכטיקן נאָמען. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַ יובל־בוך — 40 יעריקער עקזיסטענץ פון דער לאַנדסמאַנשאַפט.

די גאַנצע הכנסה פונעם בוך איז באַשטימט געוואָרן אויף העלפן אונדזערע אומגליקלעכע לאַנדסלייט אין סאָקאָלאָוו.

דער יובל־בוך קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע מיטגלידער: מ. סילווער, יוסף ראָזענגאַרט, א. מ. ראזענגאַרט, ל. האָפענגאַרט, ל. פרידמאַן, י. שטיינבערג, משה פעלדמאַן, הערי וויסבערג, מ. גאָרדאָן, ב. ווייס, מ. העריס און ש. זשעלענץ, מיט מרדכי כאינע אַלס טשערמאַן.

ביים סוף פון צווייטן וועלט־קריג, האָבן מיר געשטיצט די סאָקאָלאָווער אין רוסלאַנד מיט שפּייז פּעקלעך: די פון אונדזערע לאַנדסלייט וואָס האָבן זיך געפונען אין שאַנכאַי — כינע, האָבן מיר געהאָלפן מיט געלט־מיטלען.

זינט אַמעריקע איז אַריין אין קריג, האָבן מיר זיך באַמיט צו פאַרבינדן מיט אונדזערע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים — אָבער אָן דערפאָלג. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָבן מיר די איבערגעבליבענע הילף געשיקט צו די לײדנדיקע לאַנדסלייט. די הילף האָט דערגרייכט לאָדזש, שטעטין, ליגניץ און אַנדערע שטעט אין פּוילן, ווי אויך פּאַריז.

אָט די הילף זעצן מיר פאָר.

יזכור!

אין דער סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק זענען זינט איר גרינ־דונג אין יאָר 1914 ביז 1961 געווען טעטיק אין פאַרשידענע צייטן ווי פּאָרזיצער, וויצע פּאָרזיצער סעקרעטאר און קאַסירער:

הערשל ווייסבערג, נחמן עלבערג, שמואל לייב זשעלענעץ, אברהם ווישני, משה פעלדמאַן, משה סילווער, אברהם משה ראָזענגאַרט, מרדכי כאינע, יוסף ראָזענגארט און לייזער אפּענגארט. — און אויף אנדערע אַמטן:

משה גארדין, אשר גרודזשיצקי, הערשל האָכבערג, משה העריס, בעריל ווייס, הערש היללער, לייזער זעכטער, אברהם טאַבאַטשניק, מאיר טערנער, יוסף לענטשנער, חנא מאריסאָן, ישעיה מאָריסאָן, לואיס א. מאַקס, נייטען סוויטצען, משה סילווער, בעריל פלאַטנער, אייזיק פעלדמאַן, חנא פעלדמאַן, לייבעל פרידמאַן, פסח ראָזענבערג, משה ראָזענגאַרט, ראובן ראָזענגאַרט, ראובן שולץ, סידני שולץ, ישראל שטיינבערג, שמואל שטיינער, יוסף שפּילמאַן.

על אלה אנו בוכים

מיר דערמאָנען מיט טרויער די פאַרשטאָרבענע מיטגלידער פון דער סאָקאָלאָווער יאָנג פרענדס פּראָגרעסיוו עיד סאָס־עטי אין ניו־יאָרק; זייט איר גרינדונג אין דעצעמבער 1914.

יהי זכרם ברוך

מ ע נ ע ר

חיים יצחק בוכבינדער	בערל ווייס
בעני גאָלדבערג	יעקב ווייסבערג
דוד גאָלדשטיין	מענדל ווייסבערג
לואיס גארבאַטי	משה ווייסבערג
משה גאָרדאָן	אברהם ווישניע
מרדכי גאַרפינקעל	אברהם וועבער
שלמה גראָסמאַן	יעקב וועבער
אלבערט גרינבוים	אהרן וועגנער
יוסף גרינבערג	יעקב יאַבלאָן
אייב גרינשטיין	א. יאַבלאָנסקי
בערל האָכבערג	יעקב יאָספערשטיין
משה העריס	יוסף לענטשנער
היימאַן וואַפניק	ישעיה מאָריסאָן
לייזער מנשה וויינברום	דוד מור
משה וויינשטיין	לייבל סאָלאַרזש

אייזיק סילווער
משה סילווער
טשאַרלס סקאָפּ
שהתי עלבערג
חנא ענגליש
שמואל לייב ענגליש
פסח פודענבערג
משה פערלשטיין
אברהם קאָסאָווער
סאל קאָסעווער
הערשל ראדזינסקי

חנא ראָזען
פסח ראָזענבערג
שלמה ראָזענבערג
משה ראָזענגאַרט
ראובן ראָזענגאַרט
ישראל ראָטשטיין
בעני שולמאַן
מאיר שייפער
ראובן שולץ
חיים שענקין

פ ר ו י ע ן

כ. אָרלאָווסקי
פעני גאָלדשטיין
מאַשע גראָסמאַן
אידע גרינשטיין
רחל האָכבערג
מרים וואָלמער
ראָזע וואָפניק
רבקה ווייסבערג
דזשעני וועבער
שרה וועבער
בילה וועגנער
שורלי ווישניע — זירל
מינע טערנער
מלכה לענטשנער
יענטע מאָריסאָן

רויזע ענגליש
שרה פינקעל
ברײַנה פעלדמאַן
בעקי קאָהן
אידע קראַשינסקי
גאָלדע ראָזען
מינע ראָזענבערג
מערי ראָזענבערג
הנה טויבע ראָזענגאַרט
מאַשע ראָטשטיין
רחל ראָטשטיין
סאָפיע שאַרפּ
חוה שטראוס
שרה שטרייכלער

בעאמטע פון די סאָקאָלאָווער יאָנג פרענדס פראָגרעסיוו עיד סאָסייטי
פאַרן יאָר 1961:
(זיצנדיק פון רעכטס צו לינקס) אברהם משה ראָזענגאַרט, פינאנס סעקרעטאַר, מרדכי כאָינע, פאָרזיצער, שמואל־ליב זשעלענעץ, וויצע פאָרזיצער.
(שטייענדיק פון רעכטס צו לינקס) לייזער אָפענגאַרט, קאַסירער און יוסף ראָזענגארט, רעקאָרדינג און פראָטאָקאָל סעקרעטאַר.

סאָקאָלאָווער יזכור־בוך קאָמיטעט אין ניו־יאָרק:
(פון רעכטס צו לינקס) יוסף שפּילמאַן, אברהם טאַבאַטשניק, משה פעלדמאַן, שמואל לייב זשעלענעץ — קאַסירער, מרדכי כאינע — פּאָרזיצער, יוסף ראָזענגאַרט — סעקרעטאַר, אברהם משה ראָזענגאַרט, לייזער אָפּענגאַרט און אשר גראָדזשיצקי.

דער סאָקאָלאָווער הילפס־קאָמיטעט אין לאָס־אַנזשעלעס

(טעטיקייטס־באַריכט פון סעקרעטאַר חנינה ראָטשטיין).

דער סאָקאָלאָווער הילפס־קאָמיטעט אין לאָס־אַנזשעלעס, וואָס האָט עקזיס־טירט פון אויגוסט 1946 ביז אַנהויב 1950, האָט נישט געהאַט הינטער זיך קיין לאַנדסמאַנשאַפט־טראַדיציע, ווי די סאָקאָלאָווער הילפס־קאָמיטעטן אין ניו־יאָרק און שיקאַגאָ, אָדער אפילו סט׳ לואיס. עס זענען געווען סיבות וואָס האָבן גורם געווען אַז קיין סך סאָקאָלאָווער זאָלן אין לאָס־אַנזשעלעס נישט זיין, קודם־כל דער מרחק פון ניו־יאָרק קיין לאָס־אַנזשעלעס וואָס איז אַזוי ווייט, ווי פון איראָפּע קיין ניו־יאָרק. און אין יענע יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און באַלד נאָך איר, ווען עס איז אָנגעגאַנגען די עמיגראַציע פון סאָקאָלאָוו קיין אַמעריקע — איז מען צומייסטן געפאָרן קיין ניו־יאָרק אָדער שיקאַגאָ, וואָס איז דעמאָלט געווען דער ווייטסטער פונקט.

אַז מען האָט זיך געפינען אין ניו־יאָרק האָט מען נאָך געקאָנט טראַכטן פון מאַכן אַ „לוסטרייזע" צוריק אַהיים (און אַ סך האָבן דאָס טאַקע געטון), פאָרן אָבער קיין לאָס־אַנזשעלעס, וואָס איז אין ווייטן מערב־טייל פון לאַנד, אַזש ביים פּאַציפישן ברעג, האָט געמיינט אינגאַנצן אָפּגעריסן ווערן פון דער אַלטער היים; אַ חוץ דעם, איז אין יענע יאָרן טאַקע נישט געווען נאָכוואָס צו פאָרן אַהער, הגם דער קאַליפאָרניער קלימאַט מיט זיין שטענדיקן זומער איז אַ גן־עדן ווינקל. מען קאָן אָבער פון לופט אַליין, אפילו פון דער בעסטער, קיין לעבן נישט מאַכן. אין לאָס־אַנזשעלעס איז אין יענע יאָרן קיין אינדוסטריע און פרנסה־קוועלן נאָכנישט געווען אַנטוויקלט. דער ישוב דאָ איז הויפּטזעכלעך באַשטאַנען פון עטלעכע מענטשן וואָס האָבן זיך געמוזט באַזעצן צוליבן קלימאַט און געהאַט דערצו אַ ביסל אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַרן. בלויז איינע אָדער 2 סאָקאָלאָ־ווער פאַמיליעס זענען דעמאָלט אויך אַהער פאַרוואָגלט געוואָרן צו באַזעצן זיך.

ערשט אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אין לאָס־אַנזשעלעס איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע אינדוסטריע, האָט דער ישוב — דער אַלגעמיינער, ווי דער יידישער, אָנגעהויבן וואַקסן. ווען מען האָט אָנגעהויבן איבערוואַנדערן פון גאַנץ אַמעריקע, זענען אויך אָנגעקומען אַ געוויסע צאָל סאָקאָלאָווער משפחות, צומיינסטן פון שיקאַגאָ. צווישן זיי אַזעלכע לאַנג־יאָריקע דאָרטיקע אַקטיווע טוער, ווי משה און גרינטשע מאַנדעלבוים, שלום און רבקה טושנער, שייע בער א. אנד.

אָנהויב 1946 ווען איך האָב זיך אַריבערגעקליבן אַהער פון שיקאַגאָ,

איז אָנגעגאַנגען די רעפּאַטריאַציע פון די פּוילישע יידן פון סאָוועט־רוסלאַנד קיין פּוילן, צווישן זיי אויך די סאָקאָלאָווער. אַ טייל זענען אויך אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן אין פּוילן גופא און פון די דייטשע לאַגערן. איז ווי גאָר עס איז געגרינדעט געוואָרן דער סאָקאָלאָווער קאָמיטעט אין לאָדזש — האָב איך פון דאָרט דערהאַלטן אַ בריוו וועגן זאַמלען הילף צווישן די סאָקאָלאָווער אין לאָס־אַנזשעלעס. וויסנדיק וועגן דער קליינער צאָל סאָקאָלאָווער דאָ האָב איך זיך אַ ביסל געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט. איך האָב דעם בריוו געוויזן נאָך אייניקע סאָקאָלאָווער, און מיר האָבן צונויפגעשטעלט אַ ליסטע פון אַ צען משפחות און באַשלאָסן אַלעמען צו רופן אויף אַ זונטיק בייטאָג.

דער ערשטער צוזאַמענטרעף איז געווען אין הויז פון טילי אייזאַס (רויזע די גענדזלערקעס אַ טאָכטער) דער הלום איז געווען דערוייל צו קאָנען שיקן אַ 50 דאָלאַר. פונעם ערשטן צוזאַמענקום ביז איך אַהיינגעקומען מיט 267 דאָלאַר, און מיט דער הילף פון י. גרינבערג (דעמאָלט אין ניו־יאָרק) האָבן מיר גלייך איבערגעשיקט קיין לאָדזש 250 דאָלאַר. אין אָנהויב זענען מיר זיך צו־זאַמענגעקומען יעדן חודש, צומיינסטן אין הויז פון אברהם און חנה־שרה זאַנשיין (אַ שוועסטער פון די דערמאָנטע טילי אייזאַס) לאַנגיאָריקע תושבים דאָ. דאָרט אין הויז איז אויך אַדורכגעפירט געוואָרן אַן איינדרוקספולער יזכור־אָוונט.

מיט דער צייט האָבן אַ סך סאָקאָלאָווער פאַרלאָזט פּוילן און אָנגעהויבן זייערע וואַנדערונגען דורך די לאַגערן אין דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע, א.א. לענדער. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען בריוו פון זיי, און מיר האָבן צו יעדן געשיקט „קער״־פּעקלעך, דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז דער רוב האָט זיך שוין געפונען אין ישראל. אין דער צווישנצייט האָבן מיר נאָך איבערגעשיקט קיין לאָדזש 150, און שפּעטער נאָך 200 דאָלאַר, אייניקע פּעקלעך קליידער, ווי אויך צו 100 דאָלאַר צום סאָקאָלאָווער קאָמיטעט אין ישראל און אין פּאַריז (אין די לאַגערן — 50 „קער״ פּעקלעך).

דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז אָנהויב 1950, ווען אויך דאָ האָט זיך אָנגעהויבן ווי אין די מערסטע אַמעריקאַנער שטעט, דאָס איבערוואַנדערן פון יידן פון איין שטאָט־געגנט אין אַנדערן. און דערמיט באַשווערט דאָס טרעפן זיך. אויך דער קאָמיטעט אין לאָדזש האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. אַזוי איז פון זיך אַליין דער הילפס־קאָמיטעט אויפגעלייזט געוואָרן.

פון צייט צו צייט, אַז עס איז ביי אַ סאָקאָלאָווער אַ שמחה, אָדער עס קומט אַ סאָקאָלאָווער פון אַן אַנדערע שטאָט צו גאַסט, קומט מען זיך צוזאַמען — און ווידער לעבט אויף זיין שמועס אונדזער אַמאָליקע היימשטאָט סאָקאָלאָוו.

קאַמיטעט פֿון דער סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפֿט אין לאָס אַנזשעלעס

סיצן בײַם טיש (פֿון רעכטס) חנינה ראָטשטיין (סעקרעטאַר), משה מאַנדלבוים (פּרעזידענט), און שייע בער (קאַסירער)

סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז

(טעטיקייטס־באַריכט פון פאָרזיצער אייזיק גאָפּטאַרניק)

באַלד נאָך די געשעענישן פון 1905 זענען אָנגעקומען די ערשטע סאָקאָ־לאָווער עמיגראַנטן קיין פּאַריז. צווישן זיי זענען געווען: נחמן קאָפּעלס פּאָ־דעמבערג, יעקב גאָפּטאַרניק און זייַן ברודער, יואל לייזער דראָטעווסקעס, צביה קאָטשאַל און איר ברידער הירשל, מיכאַלקע פּריזמאַן און אַנדערע. כמעט די אַלע זענען דאָ פאַרבליבן, ווייל זיי האָבן געהאַט מעגלעכקייטן זיך איינצו־אָרדענען. קיין ענגער קאָנטאַקט צווישן די לאַנדסלייט איז נישט געווען און קיין שום געזעלשאַפטלעך לעבן האָבן זיי נישט געפירט. אין דער שפּעטערדיקער צייט, צווישן 1921 — 1920, ווען די נויט און די אכזריותדיקע עקסצעסן האָבן אָנגעהויבן בושעווען אין פּוילן, האָט עמיגרירט אַ גרויסע צאָל לאַנדסלייט פון סאָקאָלאָוו אויך קיין פּאַריז. זיי האָבן אייגנטלעך נישט געהאַט קיין שווע־ריקייטן ביים לעגאַלן איינאָרדענען זיך, דאַקעגן דאָס פּראָבלעם פון געפינען וווינונגען איז גאָר נישט געווען אַזוי לייכט. בכלל האָט זיך דער אַרבעטער עלעמענט לייכטער איינגעאָרדנט, ווי דער פון די פרייע פּראָפעסיעס. ווען די אַלע שוועריקייטן זענען ביסלעכווייז אוועק, האָט מען אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ געזעלשאַפטלעך לעבן. דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון שאַפן אַ סאָקאָלאָווער געזעלשאַפט. אָבער קיין פּאָזיטיוועס איז אויף דעם געביט נישט געטון געוואָרן ביז אין די יאָרן 1928—1930 ווען ס'איז אָנגע־קומען קיין פּאַריז אַ גרויסע צאָל לאַנדסלייט, דער רוב אַ יונגער עלעמענט, איז דער קאָנטאַקט געוואָרן ענגער. שפּעטער איז ענטגילטיק געשאַפן געוואָרן די סאָקאָלאָווער געזעלשאַפט. צו דער איניציאַטיוו גרופּע האָבן געהערט: יהושע גוטמאַן, אַבֿרהם טשערנאָוויטש, אליהו שטיינבערג, לעאָן גאָלדפעדער, אייזיק גאָפּטאַרניק און יודל גאָפּטאַרניק.

אין יאָר 1937 איז אָנגעקומען פון טולוז קיין פּאַריז אַבֿרהמטשע רובינ־שטיין, (סטודענט פון דאָרטיקן אוניווערזיטעט). און געוואָרן גענעראַל־סעק־רעטאַר פון דער געזעלשאַפט. אין דער זעלבער צייט באַקומען מיר אַ ידיעה אַז אין סאָקאָלאָוו זענען מצד די אַנטיסעמיטישע פּאָליאַקן פאָרגעקומען אַנטי־יידישע עקסצעסן ביי וועלכע ס'זענען פאַרוואונדעט געוואָרן יידן און אויך פּאָג־ראָמירט יידישע קראָמען. דאָס האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק אויף די סאָקאָלאָווער לאַנדסלייט אין פּאַריז. די געזעלשאַפט באַשליסט באַלד אָנצוהויבן אַ הילף־אַקציע לטובת די געליטענע, בפרט פאַר די קינדער. עס

ווערן אַדורכגעפירט עטלעכע אונטערנעמונגען, און אַ גרעסערע סומע געלט ווערט באַלד אָפּגעשיקט קיין סאָקאָלאָוו. גלייכצייטיק באַקומען מיר אַ ידיעה אַז דוד׳שע פרידמאַן, וועלכער איז געזעסן אין תפיסה עטלעכע יאָר פאַר פּאָליטישער טעטיקייט, איז שוין אויף דער פריי און געפינט זיך אין אַ געפערלעכן געזונדהייטס מצב, וואָס באַדראָט זיין לעבן. די פאַרוואַלטונג באַשליסט באַלד אים אַהערצונעמען און איינאָרדענען אין פּאַריז, וואָס איז אויך געווען מעגלעך צו רעאַליזירן. אין 1938, מוז אונדזער גענעראַל־סעקרעטאַר אברהם׳טשע רובינשטיין, צוליב לעגאַליזאַציע שוועריקייטן מצד די מאַכט, איבעררייסן זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט; ער ווערט פאַרטרעטן דורך איטשע גאַרפונקל (מאיר קאַרצערס איידעם), וועלכער האָט אינטענסיוו אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אין דער געזעלשאַפט.

אזוי ווערט די אַרבעט געפירט ביזן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג. נאָכדעם ווערט יעדע ווייטערע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אוממעגלעך, דער גרעסטער טייל אַקטיווע מיטגלידער ווערן מאָביליזירט אין דער אַרמיי, די געבליבענע אין פּאַריז: אברהם טשערניעוויטש, עליע שטיינבערג, יודל גאַפּטאַרניק, לעאָן וואַקנשטיין, פירן אָן מיט דער סאָציאַלע־הילף פאַר די נויטבאַדערפטיקע לאַנדסלייט. אין יוני 1940 ווערט פּאַריז אָקופּירט פון די נאַציס. די זעלבע גרופּע חברים זעצן פאָר די טעטיקייט ביז די מאַסן דעפּאָרטאַציעס.

נאָך דער באַפרייאונג פון פּאַריז האָבן מיר געהאַט דאָס גליק צו זעען די לאַנדסלייט, וועלכע זענען אונדז איבערגעבליבן, און מיט ווייטיק פעסטצושטעלן — ווער עס פעלט. פון די קנאַפּע 200 פאַמיליעס, וואָס זענען געווען אין פּאַריז פאַרן קריג, זענען געבליבן אומגעפער 70. צווישן די צוריקגעקומענע פון דעפּאָרטאַציע האָבן זיך געפונען: אברהם רובינשטיין, משה חיים יאָסלזאָן, יאַנקעל קוויאַטעק, עליע שטיינבערג, מאָטל בוזשני, סוזאַן זילבערמאַן מיט די קינדער, אברהם ראָזענשטיין און וועלוול ליטעראַ (חיים ישראל׳ס רייזמאַנס איידעם) און די פרוי סוקעניק; פון קריגס־געפאַנגענשאַפט פון דייטשלאַנד: נאַטאַן זילבערמאַן און יאָסעל איטשע סוקעניק. מען קאָן זיך פאָרשטעלן די פרייד ביי דעם ערשטן צוזאַמענקומען זיך פון די סאָקאָלאָווער לאַנדסלייט אין באַפרייטן פּאַריז, און די טיפע יסורים און הייסע טרערן נאָך די, וואָס זענען מער קיינמאָל נישט צוריק געקומען.

די סאָקאָלאָווער געזעלשאַפט באַנייט ווידער איר אַקטיוויטעט, דורך די פריש געוויילטע פאַרוואַלטונג, אין באַשטאַנד פון די חברים: אברהם רובינשטיין — פאָרזיצער; נאַטאַן זילבערמען — וויצע־פאָרזיצער; אייזיק גאַפּטאַרניק — קאַסיר און דוד פרידמאַן — סעקרעטאַר. פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער: יודל לאַשיצע, עליע שטיינבערג, יאַנקל יאָספירשטיין און יודל גאַפּטאַרניק.

מיר פאַרבינדן באַלד אַ קאָנטאַקט מיט אונדזערע לאַדסלייט אין פוילן און אין די אַמעריקאַנער לענדער. אויף אונדזער ווענדונג באַקומען מיר פון שיקאַגאָ און ניו־יאָרק 20 פּעקלעך שפּייז און 200 דאָלאַר וואָס ווערן גלייך

פאַרטיילט פאַר די אַלמנות און יתומים פון די אומגעקומענע. אַ ביסל שפּעטער באַקומען מיר פון ה. ראַטשטיין פון לאָס־אַנזשעלעס 50 דאָלאַר, וואָס ווערן אויך פאַרטיילט צו דעם זעלבן צוועק.

מיר הויבן אָן אַ גרויסע אַקציע פון זאַמלען אַ גרעסערע סומע געלט אין פּאַריז כדי צו קאָנען אויפנעמען די פּריש אָנגעקומענע לעבנגעבליבענע לאַנדסלייט וואָס פאָרן דורך פּאַריז. אויף איינעם אַזאַ צוזאַמענטרעף פון די סאָקאָלאָווער אין פּאַריז מיט די פּריש אָנגעקומענע, איז די פרייד געווען אומבאַשרייבלעך. צווישן די רעדנער, וואָס זענען דעמאָלט אַרויסגעטראָטן, איז געווען: פּינטשע ראַפּאַלאָוויטש, אליעזר רובינשטיין, אברהם גרינבערג („לעסערס״) און דער לערער גרינבערג.

דער ווייטיק נאָך אונדזערע אומגעקומענע לאָזט אונדז נישט רוען. מיר באַשליסן צו בויען אַ מאָנומענט צו פאַראייביקן די נעמען פון אונדזערע קדושים. דאָס איז גאָרנישט געווען קיין לייכטע אַרבעט. אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג ווערט אויסגעוויילט אַ נייע פאַרוואַלטונג מיט פאָלגנדיקע חברים: אייזיק גאַפּ־טאַרניק — פאָרז.; יאַנקל יאַספּירשטיין און יודל גאַפּטאַרניק — וו. פאָרז. נ. זיל־בערמאַן — גענעראַל־סעקרעטאַר; פרוי קאַלינא און שרה גאַפּטאַרניק — סעק־רעטאַרן; חנא קירשבוים, — קאַסירער; לייבל חנה ריוועקעס, מאָריס קאַלינא, אפרים איצל סטערדיניאַק, צביה בעקערמאַן און פרוי בערזע — פאַרוואַלטונג־מיטגלידער. ס׳ווערט ענערגיש געאַרבעט צו שאַפן די באַדייטנדיקע סומע פון אַ מיליאָן פראַנק. דערביי דאַרף דערמאָנט ווערן אונדזער עלטסטער פאַרוואַל־טונגס־מיטגליד, חנא קירשבוים.

זונטיק דעם 29־טן אָקטאָבער 1950, איז פאָרגעקומען די פייערלעכע אַנט־הילונג פון מאָנומענט, וואָס די געזעלשאַפט „פריינד פון סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסקי״ אין פּאַריז האָט געשטעלט צום אָנדענק פון אַלע אונדזערע אומגעקומענע קדושים אין פראַנקרייך און אין פּוילן. ס׳זענען דערביי געווען כמעט אַלע סאָקאָלאָווער לאַנדסלייט אין פּאַריז, ווי אויך אַ גרויסע צאָל פריינט פון די אַרומיקע שטעטלעך: שעדלעץ, ווענגראָוו, סטערדין און קאָסאָוו.

ביים הויפּט טויער פון יידישן בית־עולם פאָרמירט זיך פון פאַרזאַמלטן עולם דער צוג, בראש מיט די געוועזענע דעפּאָרטירטע סאָקאָלאָווער פון אויש־וויץ: אַלבערט רובינשטיין, יעקב קוויאַטעק, ראָזענשטיין און ליטעראַ, וועלכע טראָגן אַ גרויסן מגן־דוד, צוזאַמענגעשטעלט פון ווייסע בלומען. גלייך נאָך זיי טראָגן 2 סאָקאָלאָווער קינדער גרויסע טראַנספּאַרענטן, געשריבן אין יידיש, צום אָנדענק פון די קדושים. ס׳גייען אין דער ערשטער ריי די מיטגלידער פון קאָמיטעט און נאָך זיי — די לאַנדסלייט און פריינט. דער צוג האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אויף אַלע אָנוועזנדיקע און דורכגייער. דער צוג מאַרשירט ביז צום מאָנומענט וואָס איז איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן פאָרהאַנג. אויך די טריבונע איז איינגעהילט אין שוואַרץ. נאָך דעם דערעפענונגס־וואָרט פון פאָרזיצער פון דער סאָקאָלאָווער געזעלשאַפט אין פּאַריז, אייזיק גאַפּטאַרניק, דערמאָנט ער, ביי

על אף היותו חולה־לב לא נרתע מלעבור לעבודה פיסית כטפסן בנין.

פגשתיו פעמים רבות חוזר מעבודתו הקשה וסוחב את גופו העיף, אולם אף פעם לא התלונן, להפך, היה שמח בחלקו.

לעתים קרובות היה מדגיש בסיפוק שהצליח ללמוד מקצוע ולהיות פועל יעיל בארץ. כעבור זמן קצר העלה את משפחתו.

ברם הלב החולה לא עמד בעבודה הקשה ותוך כדי עבודה על הבניו בגבעתיים נפל ולא קם עוד, בהשאירו אשה ושתי בנות.

לא זכינו שיעקב הער והתוסס, הציוני הנאמן והחבר המסור, יהיה עמנו במדי־נת ישראל. גם אשתו שהיתה מסורה למשפחתה ולארץ לא יכלה לעמוד בסבלה ומתה כעבור זמן קצר אחרי מות יעקב. זכרם לא ישכח בין בוני המולדת.

הרב ר׳ משה דוד מורגנשטרן זצ״ל

הרב ר׳ משה הי׳ דור רביעי בן אחר בן לסבא קדישא מקוצק ובן להאדמו״ר מסוקולוב זצ״ל וחי׳ הינדא בת הרה״ח ר׳ מרדכי שינפלד מפינצב ז״ל. נולד בפילוב בביתו של סבו האדמו״ר מפילוב זצ״ל בשנת תרנ״ב.

הוא התחנך והתגדל על ברכי אבותיו הגאונים והצדיקים. משחר ילדותו הצטיין בכשרונותיו המפליאים בתפיסה מהירה וזכרון נפלא.

בגיל שמונה עשרה נשא לאשה את מרת פייגאלה בת הרב ר׳ אברהם מרדכי אלטר זצ״ל האבד״ק זיכלין ונכדת הרה״צ ר׳ שלמהלה אלטר זצ״ל אחיו של השפת אמת.

אישיות מיוחדת במינה ונשגבה להפליא היה רבי משה. מלבד גדולתו בתורה היו לו תכונות נעלות, יושר נפשי, חכמה ותבונה, כחיצוניותו כן פנימיותו, פנים אצילים, קוים עדינים, רשמי הגזע של רבנים ואדמו״רים טבועים על פניו. כולו אומר כבוד, טוב לב, רך המזג, נוח לבריות, כל איש קשה רוח מצא אצלו אוזן קשבת, הסברת פנים אבהית ולב פתוח. בגללן התאהב על כל שכבות האוכלוסיה היהודית.

היה עסקן ואיש מעשה, פועל ומפעיל את בעלי ההשפעה והיכולת בין חסידי אביו ובין בעלי היכולת בעיר לעזור במיטב יכולתם לזקוקים לעזרה ולתמיכה. דעתו היתה מקובלת על כל שכבות הצבור.

הוא הקים והרים למדרגה גבוהה את התלמוד תורה בעיר, דאג לתכנית הלימודים, למלמדים ולמורים, אוכל לילדים, תקציב וכו׳ וכו׳.

אחרי נשואיו היה סמוך על שולחן חותנו בזיכלין ארבע שנים ואחרי שחזר מזיכלין לסוקולוב הקים בעזרת אביו האדמו״ר את ישיבת בית ישראל על שם סבו האדמו״ר ר׳ ישראל מפילוב, הישיבה אשר התפרסמה לאחת הישיבות המפורסמות והגדולות בפולניה. למדו בה כמאה וחמישים תלמידים מופלגים ובעלי כשרונות מהעיר ומכל קצווי מדינת פולין, הוא ניהל אותה והקדיש את כל מרצו וזמנו סביב עניני הישיבה. היתה זו עבודה קשה ואחראית לשאת בעול הקשה הזה, מאמצים רבים השקיע בישיבה, לכל תלמיד היה כאב וכפטרון, כולם ידעו את התמסרותו בלב ונפש לעניני הישיבה ובמיוחד לתלמידים להרמת קרנם וכבודם ברוחניות ובגשמיות ועל כן חבבוהו והעריצוהו. אחרי שאחיו הרב בנימין זצ״ל חזר מבית חותנו לסוקולוב הצטרף גם הוא להנהלת הישיבה.

בשנת תר״פ, ימי מלחמת פולין ורוסיה, כשצבא פולין גרש את הכובש הרוסי מגבולותיה, היו ימי מצוקה ורעב ליהודי פולין, הצבא הפולני התעלל ביהודים, עשו שמות בהם, הרבה יהודים ברחו ממקומות מגוריהם לפני שנכנס הצבא הפולני מחמת המציק, גם מסוקולוב ברחו יהודים אבל חלק מהם מצא את מותם בדרכים על ידי הצבא המנצח ושמונה יהודים נשארו הרוגים בשדות כמה קילומטרים

מהעיר. יהודי סוקולוב ישבו כלואים בבתים, פחדו לצאת החוצה מנקמת הצבא שתפסו יהודים לעבודה אשר הרבה מהם לא שבו בחיים, משום כך נשארו גופות ההרוגים למאכל לעוף השמים בשדות ע״י העיר כמה ימים ללא קבורה. וחוץ מסכנת הנפשות בדרכים התחילו ההרוגים להרקב והיתה סכנת נפשות גם מבחינה בריאותית לטפל בהם. אבל רבי משה בן האדמו״ר התמיר וחסון כאלון, רחב הכתפיים, גבר אלים כח ארי כחו, בעל אומץ ועוז רוח לא ידע פחד, סיכן את חייו וייצא עם עגלה לבד ובמו ידיו אסף את גוויות ההרוגים והביאם לקבר ישראל. הדבר עשה רושם חזק על כל תושבי העיר והוכתר בתור נשיא כבוד של החברה קדישא בעירנו.

היו לו נטיות עצמאיות. היה תקיף בדעתו ולוחם אמיץ למען האמת הקוצ־קאית, לא נרתע ולא התפעל משום איש, כשהדבר נגע לסטיה הכי קלה מהאמת.

השקפותיו בבעית ארץ־ישראל היו כשל סבו האדמו״ר מפילוב, בעל „שלום ירושלים״, יעץ והמריץ צעירים לעלות לארץ־ישראל.

איש רעים היה ודעתו מעורבת עם הבריות, ביתו בית ועד לחכמים מכל השכבות, קירב את כולם וביתו פתוחה לרווחה בפני כל מוכי גורל. והיו כאלה שידעו לנצל רוחב לבו ומידת הכנסת האורחים שלו והתרכזו תמיד בביתו לסעוד ואשתו הצדיקת טובת הלב מרת פייגאלע ז״ל עוזרת על ידו. זכורני כאשר ילדיו בקשו לא לתת ליודל פלינדר להכנס, מפני שריח רע נודף הימנו, נזף בהם קשות והסביר להם המצוה הגדולה ושכדאי לסבול עבורה. דבורו הי׳ בנחת, בהיותו גדול בתורה ובחידות ונודע בתבונתו הגדולה, פנו אליו בעניני בוררות של דיני תורה.

אביו האדמו״ר החשיב אותו מאד, הי׳ עומר עליו שהוא איש חי ורב פעלים והדגיש את ה„חי״, היינו חכם וישר לב. רגיל היה לאמר עליו שאת החכמה ירש מהאדמו״ר האמצעי רבי דוד מקוצק זצ״ל, שהי׳ ידוע לחכם נפלא. התיעץ אתו בכל הענינים הכלליים, הרבה פעמים שלח את חסידיו מעריציו שבאו אליו להתיעץ בענינים מסובכים שיכנסו גם אל רבי משה לשמוע לעצתו ולחוות דעתו. גם עניני דיני תורה שלח אליו, ואכן הצטיין כמובחר שבבוררים, ברוב תבונתו ידע לכוון אל האמת ולעמוד על מעשי אונאה. בעלי בתים בעיר סוקולוב ללא הבדל חסידים ומתנגדים, חרדים ולא חרדים הי׳ באים לשאול בעצתו וקבלו דעתו. אנשי העיר כיבדוהו מאד ואלה שהיו קרובים אליו הקיפוהו בהערצה רבה, ולכן, כשאביו האדמו״ר ואב״ד בסוקולוב חלה ושהה רוב השנה במקום מרפא ורצה להקל מעליו את עול הרבנות בסוקולוב והציע להכתיר את בנו רבי משה כרב במקומו, נתקבלה ההצעה הזאת באהדה ובשנת תרצ״ה נתקבל לרב בסוקולוב. זמן קצר אחרי התמנותו לרב, והוא במיטב ימיו תקפתו מחלת לב קשה, לבו הרגיש לכל צרה ומצוקה, לא יכול הי׳ לשאת את צרת הרבים והיחיד, צרות הכלל והפרט. תקופה מסוימת היה צמוד לערש דוי בסוקולוב ובאחרונה בוורשא. גם במטת חליו עקב אחרי כל המתרחש בישיבה ובעיר והגיב על הכל בחכמה ובתבונה כדרכו.

ביום כ״ה מרחשון תרצ״ח החזיר נשמתו לגנזי מרומים ומנוחתו בבית העלמין בוורשא, הניח אחריו אשתו הצדיקת מרת פיגאלה שנהרגה ע״י הגרמנים הרוצחים בי״ז כסליו 1942 ביחד עם בנו הרב ישראל יעקב שהיה מנהל הישיבה אחרי פטירת אביו ובתו רויזא רחל. בתו יוכבד שנישאה לרבי אליעזר בער בן הרב מאוזרקוב, נהרגה בוורשא באלול 1941, בתו השניה מרת פעריל ניצלה מהרוצחים הגרמנים והיא נשואה להרב ארי׳ נימן וגרה בשיקאגו ארה״ב. בנו הרב מנדל מורגנשטרן ניצל מהרוצחים הגרמנים אחרי שברח לליטא, והוא גר בירושלים עיה״ק.

פנחס רפלוביץ
(תל־אביב)

ר׳ סנדר רובינשטיין ז״ל

ר׳ סנדר רובינשטיין היה מן הדמויות הבולטות בעירנו. בעל קומה והדרת־פנים ועינים מלאות הבעה, קורנות באור של חסד וטוב־לב, אשר דומה עליך, כי מסתכלות הן פנימה, לתוך נפשו, אך רואות הן הכל אשר סביבן ודבר לא ייעלם מהן.

היה מחונן בסגולות טבעיות — עדנת־נפש ואצילות־רוח, יראת ה׳ ואהבת הבריות, חסד ורחמים, דעת והשכל, נוסף על התכונות והמידות הטובות שקיבל מבית אביו ר׳ ברוך ז״ל — תלמיד־חכם וחסיד־גור ונכבד, אמו — מרת פייגא ז״ל, הצדקנית ובת־הטובים, — ומבית חותנו, החסיד ר׳ דב־בר״ש יום־טוב הי״ד, משדלץ. היו אלה שני בתים לאלהים ולאדם, לתורה ולמעשים טובים.

חן וחסד, הרמוניה ושלווה היו נסוכים על חיי משפחתו. זכה ואשתו מרת לאה תחי׳, היתה לו לעזר. היה אב טוב ומסור בכל נפשו לארבעת ילדיו, שלשה בנים ובת.

אף שסוחר גדול היה לא מנעו בעדו עסקיו המרובים מלהתמסר לפעולה ולדאגה לכל המבקש עזרה מידיו. היה מקובל ואהוב על הכל בזכות היחס האבהי והנכונות לעזור שגילה לכל הפונה אליו בצר לו. הוא עלה והתעלה במדרגת אהבת הבריות, נצר לשונו מדבר בקורת וקטרוג על הזולת והיה דן כל אדם לכף זכות. לא היה בו אף שמץ של יהירות ותקיפות של ה„גבירים״;

הליכותיהם של אלה היו לזרא לר׳ סנדר ישר־הלבב והמצניע־לכת, למרות עושרו ויחוסו הרם. ועם זאת — בדאגתו לזולת, במעשיו הטובים לא ביקש גדולה לעצמו, לא הכרת טובה ולא פירסום שמו ברבים, כי בורח מן הכבוד היה.

היה חבר נאמן לתנועת ה„מזרחי״ מיום הווסדה בעירנו; כאחד ממיסדיו של בית־ספר „יבנה״ וכחבר פעיל של ועד החינוך, השקיע עמל רב למען הבטחת קיומו והתפתחותו של מוסד חינוכי זה, שמילא תפקיד נכבד ביותר בחינוך הנוער בעירנו. כמו־כן נבחר מטעם ה„מזרחי״ לועד הקהילה היהודית ומילא את תפקידו במסירות ובכשרון רב. בעבודתו הצבורית מנע את עצמו — והשתדל למנוע אחרים — מריב ומחלוקת. בכל מקרה של סכסוך וחילוקי־דעות השפיע ליישר ההידורים, להשכנת שלום ותמיד היה מצליח בכך בגין היותו מקובל על הצבור, שרחש לו חיבה ואמון רב. דבורו היה בנחת ובשקול דעת; לא כפה את דעתו על הזולת, אלא השתדל להשפיע בדברי נועם. הוא לא אמר: קבלו דעתי, כי אם — שקלו דעתי.

עם כיבוש פולין על־ידי הגרמנים נמלט עם משפחתו לרוסיה. גם שם הלך שמו לפניו והפליא לעשות למען הפרט והכלל. במצב הקשה מנשוא שבו היו שרויים הפליטים היהודים, מצאו רבים עזרה, עידוד ונוחם בביתו, שהיה פתוח לרווחה לרעב ולחולה, לנחשל ולנרדף. הוא ותבלח״ט אשתו הצדקנית סיכנו את נפשם והכניסו לביתם מאות צעירים, חניכי תנועות נוער ציוניות, שחייהם היו תלויים להם מנגד ב„עוון״ נאמנותם לציון. חילקו עמהם את לחמם הדל וחיזקו אותם בחומר וברוח. הודות לכך נשארו אלה בחיים והם נמנים כיום עם בוניה של מדינת ישראל.

לאחר נדודים ותלאות רבים זכה יחד עם משפחתו לעלות לארץ ולהקים בה את ביתו. מיד התחיל לפעול ביזמה ובמרץ שהאו אויינים לו, אך מחלתו הממושכת ומותו ללא־עת שמו קץ לתכניותיו ולפעולותיו.

עליו נאמר: „פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד״.

ת. נ. צ. ב. ה.

ר׳ יהודה הירש סקרזידלובר

הוא נולד בורשה.

אביו היה ירא שמים, התפרנס מיגיע כפיו ודאג לחנך את בנו לתורה ולמצוות. ולמצוות.

לא חסך מכספו כדי לתת לבנו חנוך משובח אצל מלמדים שהיו ידועים כמחנכים טובים.

יהודה הירש למד בחדר ואח״כ בשטיבל של חסידי גרודזיסק בורשה, היה מתמיד בלמודו ורכש ידיעה בלמודי היהדות.

משהגיע לפרקו התחתן עם בתו המהוללת של ר׳ חיים יוסל רובינשטיין

שהיה ידוע כיהודי מוקיר רבנן והיה גבאי במשך שנים רבות בבית המדרש הישן בסוקולוב.

עוד בצעירותו נתפס לרעיון הציונות הדתית וכשהגיע לסוקולוב עשה הרבה בארגון „המזרחי" במקום.

הקריירה הפומבית של ר׳ יהודה צבי נפתחה בשנת 1926 בבחירתו ליו"ר הנהלת הקהילה היהודית בסוקולוב.

הקהילה לא היתה כבר אז מוסד לעניני דת, כי אם במה למאבק מדיני שהשתולל ברחוב היהודי בין הזרמים והתנועות השונות.

המפלגות שלחו לקהילה כנציגים אנשים בעלי כשרון והיה צורך בכושר כדי לגשר בין הבדלי ההשקפות למען יוכל לנהל את עניני הקהילה ביעילות. ואמנם הצליח בתפקידו שלו הקדיש את מיטב מרצו וזמנו.

עזרו לו הרבה בכך יו"ר מועצת הקהילה, שכנא רדזינסקי חבר ההנהלה. ויבלח"ט מר בנימין רובינשטיין, סגן יו"ר מועצת הקהילה מטעם הציונים הכלליים ומר אברהם בולולוב, המזכיר הכללי של הקהילה.

יחד עם זאת לא הזניח את עבודתו בתור חבר ועד המזרחי, היה משתתף באופן תמידי בישיבותיו. כן היה פעיל כחבר ועד החינוך של בית הספר „יבנה" שהוקם ע"י המזרחי בסוקולוב.

במשך זמן שרותו כיו"ר הנהלת הקהילה רכש לעצמו יחס של אהדה אף מצד מתנגדיו אשר הכירו בהגינותו, ביושר אופיו, ובנאמנותו לצבור בכללו.

בחודש תשרי תש"ב כאשר עלה הכורת על יהודי סוקולוב הוא התחבא בין כתלי בית המדרש החדש. אולם הגרמנים הארורים מצאו אותו והרגוהו במקום. הוא החזיר את נשמתו למרומים במקום הקדוש.

הי"ד

ר׳ מענדל מאָרגנשטערן הי״ד

(מאַרטירער־טויט פון ווענגראָווער רב)

אין ווענגראָוו האָט געוווינט דער רבי ר׳ מענדל מאָרגנשטערן, אַ זון פון דעם סאָקאָלאָווער רבין ר׳ יצחק זעליג מאָרגנשטערן און אַן איניקל פון אַלטן קאָצקער רבין ר׳ מענדעלע קאָצקער. די פרומע יידן פון שטעטל האָבן שטאָלצירט מיט דעם רב.

יום־כפור אינדערפרי זענען די נאַציס באַפאַלן דעם רבין, ווען ער איז געשטאַנען אין קיטל און טלית און געדאַוונט, און אים אַרויסגעשלעפּט אין מאַרק אַריין. באַלד האָט מען גענומען טרייבן אויך אַלע יידן פון די שולן און בתי־מדרשים און שטיבלעך אין מאַרק אַריין.

די נאַציס האָבן גענומען מאַכן חוזק פון דעם רבין און, מיט נאַגייקעס אין די הענט, אים געצוווּנגען צו טאַנצן פאַר זיי. די יידן וואָס האָבן דאָס צוגעזען, האָבן געוויינט שטיל אין האַרץ. אָבער מורא געהאַט אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

דער נאַצי־קאָמאַנדיר האָט אָנגעהויבן שלאָגן דעם רבין מיט דער נאַגייקע און געשריגן, אַז ער זאָל טאַנצן. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט אים געשלאָגן מיט דער נאַגייקע, האָט זיך דער רבי געכאַפּט ביים האַרצן. דער רבי האָט מיט די לעצטע כוחות זיך באַמיט אויסצופאָלגן די באַפעלן פון די נאַציס.

אָבער פּלוצים האָט דער נאַצי־קאָמאַנדיר אָפּגעשטעלט דאָס שלאָגן דעם רבין מיט דער נאַגייקע און באַפוילן אויסצוטון זיין שטריימל און מיט זיינע הענט צונויפקלייבן דעם פערד־אָפּפאַל, וואָס איז געלעגן אין מאַרק, און עס אַריינלייגט אין שטריימל אַריין, כדי עס אַנטון אויפן קאָפּ.

דער רבי האָט אויספירנדיק דעם באַפעל, זיך אפילו נישט אַ קרום געטאָן. זיינע ליפּן האָבן דערביי שטיל געמורמלט עפּעס אַ תפילה.

דעם נאַצי־קאָמענדאַנט איז דאָס אַלץ אָבער געווען נאָך ווייניק און ווידער באַפוילן דעם רבין, ער זאָל מיט דעם פערד־אָפּפאַל און דעם שטריימל אויף זיין קאָפּ טאַנצן פאַר אים. דער רבי האָט אויך דאָס געטון, ער האָט ווייטער געטאַנצט. און יידן דערציילן, אַז זיי האָבן געהערט, ווי דער רבי האָט דערביי געשעפּטשעט שטיל:

— רבונו של עולם, זאָלן די אַלע באַליידיקונגען קומען פאַר דיר, זאָלן זיי זיין אַן אפּקומעניש פאַר אַלע אונדזערע זינד און זאָל שוין קומען אַ ישועה אויף יידן!

דער נאַצי־קאָמענדאַנט האָט צום סוף דערשטאָכן דעם רבין מיט אַ באַיאָנעט. זיין ווייסער קיטל איז געוואָרן אָנגעזאַפּט מיט בלוט.

אַ סאָקאָלאָווער.

העניך זאיאנץ

אָפיציעל איז ער געווען דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי „פּועלי־ציון״ צ. ס. אין סאָקאָלאָוו, פּאַקטיש אָבער — די צענטראַלע פיגור און אָנפירער פון דער פּאַרטיי, אָרגאַניזאַטאָר פון אַלע אירע קולטורעלע אונטער־נעמונגען, לייטער פון דער רייכער ברענער־ביבליאָטעק און דער שטענדיקער רעדנער אויף אַלע פּאַרטיי־פּאַרזאַמלונגען און אַנדערע ציוניסטישע אימפּרע־זעס אין שטאָט. זייענדיק אַ מענטש מיט פּולזייטיקער בילדונג און אַ באַגאַב־

טער רעדנער, האָט ער זיך שנעל ארויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין סאָקאָלאָוו. אויך אין די אַרומיקע געגנט פלעגט ער אָפט אויפטראָג פון דער צענטראַלע פאָרן האַלטן רעפעראַטן אויף פּאַרטייאישע און ליטעראַרישע טעמעס.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט פון דער פּאַרטיי פלעגט ער פירן מיט גרויס פּינקטלעכקייט; אַלע וואַל־אַקציעס צום סיים, שטאָט־ראָט אָדער יידי־שער קהילה פלעגט דורך אים אָרגאַניזירט ווערן. מיט אַנגעמאָסטענעם, לאַנג־זאַמען טראָט פלעגט ער גייען איבער די גאַס, זיינס אַ וואָרט און אויפגאַבע פלעגט ער צוערשט וועגן און מעסטן און דערנאָך דאָס אויספירן פּינקטלעך און ערנסט.

מיטן ציוניסטישן אידעאַל האָט זיך העניך זאַיאַנץ אנגעזאַפּט אין דער חובבי־ציון אַטמאָספערע וואָס האָט געהערשט ביי אים אין דער היים. אַ זון פון דעם בכבודיקן און דורך אַלע געאַכטעטן ר׳ אהרון אשר זאַיאַנץ ז״ל, האָט זיך

הענאָך גליך מיט אַלע ר׳ אהרן אשר׳ס קינדער פון קליינוויז אָן דערצויגן אין גייסט פון יידישער און נאַציאָנאַלער ווירדע. נישט געווען אין דעם זין קיין מחלוקות צווישן די עלטערן און קינדער. די ווייס־בלויע קרן־קימת־פושקע פלעגט שטענדיק זיין אויפן טיש פון ר׳ אהרן־אשרס בוכהאַנדלונג. און אַז מען פלעגט קומען צו אים אין געשעפט אריין שרייבן אַ „פּראָשעניע״ צו דער מאַכט, אָדער אַן אַדרעס קיין אויסלאַנד, פלעגט ער דערפאַר נישט נעמען באַצאָלט, נאָר הייסן אַריינוואַרפן אין דער פושקע פון קק״ל.

אין יאָר 1936 איז ער דורך דער פּאַרטיי־צענטראַלע אַרויסגעפּאָדערט געוואָרן צו אַרבעטן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער „פרייהייט״־באַוועגונג אין וואַרשע, געוואָרן אויך אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין פּאַרטיי־אָרגאַן „באַפרייאונג — אַרבעטער שטימע״.

נאָך לאַנגע באַמיונגען פון זיין זייט, איז ער ענדלעך אין יאָר 1938 באַשטימט געוואָרן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. דער סערטיפיקאַט וואָס איז געווען פאַר אים באַשטימט, איז אָבער דורך דער פּאַרטיי אין סאָקאָלאָוו אַוועקגעגעבן געוואָרן אַ צווייטן. צוזאָגנדיק אים צו געבן דעם נאָענטסטן סערטיפיקאַט, וואָס האָט אָבער שוין נישט באַוויזן אָנצוקומען...

הענאָך זאַיאָנץ איז באַשטימט געוואָרן דורך דער צענטראַלע פון זיין פּאַרטיי אויף אַ געוויסע צייט צו אַרבעטן אַלס סעקרעטאר פון פּראָפעסיאָנעלן פאריין פון די האנדלס־אָנגעשטעלטע אין בריסק. דאָ האָט אים די מלחמה פארכאפּט און ער איז צוזאַמען מיט די בריסקער יידן אומגעקומען אין יאָר 1941 דורך די היטלער־מערדער.
א סאָקאָלאָווער

ביים רעסטאווריזן א יידישע ביבליאטעק אין סאקאלאוו

ד״ר יוסף זילבערמאַן

יאָסל — אַזוי האָבן אים גערופן טאַטע מאַמע און אויך אַלע אַרומיקע. אַ צעבאַלעוועט שטיפעריש ייִנגל, פול מיט ברען און אימפּעט, קיינמאָל נישט עג־קאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט. זייַן האָבי איז געווען פערד און וועגענער. אַז יאָסל האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב האָט מען שוין געוווּסט אַז ער איז בייַ די פערד און וועגענער אויפן גרויסן מאַרק. דאָרט פלעגט ער זיך ראַנגלען מיט די בעלי־עגלות, אַז זיי זאָלן אים לאָזן מיטפאָרן, און דער עיקר — האַלטן

די לייצעס פון די פערד. אפשר אַ כאַראַקטער־שטריך פאַר דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון אַ פירנדיקער פערזענלעכקייט.

ער איז אויסגעוואַקסן אין אַ היים פון אַ ציוניסטיש־געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער. זייַן פאָטער, דער איבערגעגעבענער ציוניסטישער עסקן און טאַ־לאַנטפולער רעדנער חיים זילבערמאַן ז״ל פלעגט קאָנצענטרירן אַרום זיך חברים און פריינט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, געזעלשאַפטלעכע טוער און אינ־טעליגענץ פון שטעטל, וועלכע פלעגן זיך אָפט צוזאַמענקומען בייַ אים אין הויז. די דאָזיקע צוזאַמענטרעפן, פלעגן זייַן פון אַ געזעלשאַפטלעך קולטורעלן אינהאַלט. מ׳האָט געשמועסט און אָפט הייס דיסקוטירט וועגן ברענענדיקע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, באַזונדערס זייַן שייכות מיט קולטור און שפּראַך. נישט זעלטן פלעגט מען דעם צוזאַמענטרעף „פאַרבייסן״ מיט אַ דבקותדיקן חסידיש זמר׳ל.

ס'איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס יאָסל האָט שוין אין דער פריסטעטער יוגנט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש און צוגעבינדנקייט צו געזעלשאַפטלעכע ענינים און דער עיקר — צו קולטור־פּראָגן.

נאָך אין די יאָרן פון זיין לערנען אין דער תרבות־שול אין שעדלעץ, האָט ער אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ווו ער האָט זיך געווידמעט די פּראָגן פון דער העברעישער שפּראַך און ליטע־ראַטור. נאָכן ענדיקן די תרבות־שול, איז ער אַוועק לערנען אין לערער־סעמי־נאַר א. נ. פון ש. פאָזנאַנסקי אין וואַרשע. ער אַנטוויקלט דאָרט אַ פיבערהאַפטע קולטור־טעטיקייט אין די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

פלעגט מיך מיין אינטימער פריינט (זיין פאָטער חיים ז"ל), אָפט פרעגן:

— „חיים, וואָס זאָגסטו וועגן יאָסלען", ס'וועט פון אים „עפּעס" אַרויסקומען? ער האָט געפרעגט, כדי צו באַקומען פון מיר אַ באַשטעטיקונג צו זיין האָפנונג, אַז פון דעם שטיפערישן און ברענענדיקן יאָסל וועט „עפּעס" אַרויסקומען.

✶

דער נאַצישער קאַטאַקליזם האָט געטראָפן יאָסלען אין סאַמע יוגנטלעכן אויפבלי, אָבער זיין מאָראַלישע און גייסטיקע געזונטקייט איז אים בייגעשטאַ־נען אין די שווערע חורבן־יאָרן, פון וואַנען ער איז אַרויס אַ גייסטיק שטאַר־קער, דערגרייכנדיק אַקאַדעמישע בילדונג.

און ווען נאָך אַ הפסקה פון 17 יאָר, פיין און גרויל האָב איך אים ווי־דער דערזען ביי אונדז אין ישראל, איז דער ערשטער געדאַנק וואָס איז אויפ־געגאַנגען אין מיר, געווען: — יאָ, ס'איז „עפּעס" אַרויסגעקומען פון יאָסלען.

זיין וווּנדערפולע שלאַנקע פיגור, דער טיפער אויסדרוק פון אינטעלעק־טועלער פערזענלעכקייט, זיין אויסגעאיידלטע באַנעמונג און פשטות, וואָס האָט געאָטעמט מיט מענטשלעכער וואַרימקייט, האָבן אין די ערשטע מינוטן פון באַקענען זיך מיט אים געצוווּנגען יעדן איינעם צו זוכן זיין נאָענטקייט.

ער איז געווען אַ פילצואָגנדיקער כוח פאַר דער משפחה און דער גע־זעלשאַפט, אַ מענטש מיט אַ ברייט יידיש־מענטשלעכע באַנעמונג.

כ'האָב זוכה געווען צו האָבן אים אַלס גאַסט ביי מיר איך הויז אין גבעתיים בלויז געציילטע מאָל. אין אונדזערע שמועסן וועגן יידן און יידיש־קייט האָט ער געבליצט מיט חכמה און טיפער ערודיציע. בעת די געשפּרעכן פלעג איך טראַכטן: ער איז די סאַטיספאַקציע פון לעבן פאַר דעם טראַגיש אומגעקומענעם טאַטן, דעם ציוניסטישן ראָמאַנטיקער, וועלכער האָט נישט זוכה געווען צו זען יאָסלען אין זיין וווּנדערפולן מענטשלעכן אויפבלי.

האָט אָבער דער אכזריותדיקער גורל געוואָלט, אַז אויך דער יונגער און אַזוי האַרציקער יאָסל זאָל אַרויסגעריסן ווערן פון צווישן אונדז: אַזוי פלוצים, איבעררעדנדיק אַ טיפן ווייטיק און בענקשאַפט.

זאָל זיין אָנדענק געבענטשט זיין.

חיים בר־שלום (פרידלוב).

* * *

זוּן פון חיים און סאָשע, געבוירן אין סאָקאָלאָוו 1921, געלערנט אין שעדלעצער „תּרבות"־שול, שפּעטער אין ביאַליסטאָקער העברעישן גימנאַזיע און געענדיקט פּאָזנאַנסקיס סעמינאַר אין וואַרשע. אין דער צייט פון נע־ונד — האָט ער געענדיקט דעם מינכענער אוניווערזיטעט.

אין מינכען איז ער געווען גרינדער און פּאָרזיצער פון שארית־הפליטה יידישן סטודענטן־פאַרבאַנד און מיטגעאַרבעט אין דער דאָרטיקער יידישער פּרעסע: „לאַנדסבערגער־צייטונג", „אונדזער וועג", און „אויף דער וואַך".

פאַר זיין עולה זיין אין ישראל אין 1950, האָט ער מיטגעאַרבעט אין דער ישראל אַמבאַסעדע אין פּאַריז.

ד"ר יוסף זילבערמאַן איז אין אָנהויב יולי 1951, אין עלטער פון 28 יאָר, געשטאָרבן אין תּל־אביב.

עס איז אַזוי מאָדנע צו שרייבן וועגן אים אַ הספּד.

אַ הספּד גאָר?

אָט וועט זיך עפענען די טיר און ער וועט „אַריינפאַלן", ווי שטענדיק, אין מיין צימער, וועט אַ קוק טון אויף מיין געשריפט און אַ זאָג טון, מיט דער איביק פאַרביטערטער איראָניע: „עך, נאַרישקייטן"...

נאָר דערפאַר טרייסלט די פעדער אין האַנט איצט אַזוי, ווייל די ווייסט: ער וועט נישט „אַריינפאַלן" מער אין דיין צימער; זיין קריטיש־שמייכלענדיקע איראָניע וועט דיך נישט שטעכן און נישט גלעטן מער; ער וועט זיך נישט טיילן מער מיט די געדאַנקען וועגן ביכער, שרייבער, „גרויסע" מענטשן מיט קליינלעכע נשמות; זיין וואָרט וועט נישט בייטשן מער איבער קעפּ פון אָנגע־נומענע, „גרויסע גייסטער"; וועסט זיך נישט פאַרטיפן מער מיט אים וועגן פראַגן פון מה למעלה מה למטה, וועגן לעבן און — טויט.

ניין, דאָס אַלץ וועט נישט געשען מער, ווייל ער אַליין איז טויט, טויט.

וואָס פאַראַ מאָדנער וואָרט אַזאַ — אויף אים אָרויפצולייגן!

ווער האָט עס געזאָלט גלויבן. ווי האָט עס געקאָנט פּאַסירן און — פאַרוואָס?

ביי זיין טויטן גוף (ווי שרעקלעך אַזעלכע ווערטער אַרויסצוברענגען גאָר) בין איך געשטאַנען, מיט אַ האַרץ ווי אַ פּוסט פאַרקלעמט: זאָל עס מעגלעך זיין. זאָל איך זיך איבערבויגן איבער דיין גוף און זאָגן: „ביסט גערעכט געווען"...

אין פרייע צייט, ווען ער איז געווען מיין גאַסט, האָב איך זיך באמית אים צו דערווייזן אַז עס איז דין פאַראַן און משפּט איז דאָ אויף אונדזער ערד, און גרעזל וואַקסט, און קיינער שטאַרבט אָן העכערן געבאָט פון חשבון — נישט געזעענעם.

נאָר ער — „אײַנגעשפּאַרט“ געװען אַמאָל, געװאָלט דעם תכלית זען, דערפילן, זיך דערגרונטעװען צום סאַמען סוף אין־סוף.

און איצט? —

װי קאָן נאָך משפט זײַן. װי זאָל איך אַלץ נאָר זאָגן: היִן איז דאָ. װען דײַן טויט שלאָגט איבער מיר און שרײַט: אומזין, אומזין.

בײַ זײַן קראַנקן בעט זענען ביאַליקס געשרײַ־װערטער געקומען פון זיך אַליין אויף מײַנע ליפּן: אם יש צדק, עס איז אָבער קיין דין און קיין צדק נישט געװען.

װײ מיר, נישט געװען.

אַכט־און צװאַנציק יונגע יאָר אָפּגעגעבן פאַר אַ ציל, דערגרייכן, קומען און איצט, װען אַלע צילן זענען שוין געװען דערגרייכט — ביסטו נישטאָ.

אַ לעבן דורך שװערע נסיונות דורך פּײַן, דורך הונגער און װאָגל, אין לערנען, שטודירן דערלערנען. און נאָך מער װי דאָס: דײַן װילן איז געװען דערגרונטעװען זיך צו דעם, װאָס ס׳שטייט נישט שװאַרץ אויף װײַס פאַרשריבן.

און איצט? —

װי זאָל געטרייסט זײַן אַלטע מאַמע, װוּ נעמט מען אַ טרייסט װאָרט פאַר אַ מאַמע־יתומה.

און װוּ איז טרייסט פאַר כּלה, װאָס אַנשטאָט חופּה־שטאַנגען, האָט לויה־ארון אײַנגעהילט איר געליבטן.

דו האָסט געזאָגט: איך האָב דעם שענסטן בלום פון בוקעט אַרױסגענומען. איצט איז אײַנגעבױגן קאָפּ פון דער מלכּה־בלום צום װאַסער־קװאַל — די אייגענע טרערן.

און ברידער, שװעסטער, חברים — װי קאָנען מיר אַ װאָרט פון טרייסט געפינען!

עס האָט װילד־אַכזריותדיקער גורל דיך אַװעקגעריסן אינמיטן שענסטן פונאַנדערבלי, און מיר איז שװער צו זאָגן שבחים פאַר דיר, און מורא פאַר דײַן האַרב־אמתדיקער קריטישער איראָניע. װײַל ביסט דאָך נישט געװען פון די װאָס חנפנען און װילן חניפה. דײַן װאָרט — גערעדטער צי געשריבענער — געװען איז אָנגעגליט מיט אמת, מיט אויפריכטיקייט װי דײַן צער.

מיר װעלן דיך געדענקען — װײַל די װעסט אונדז פעלן. און אַזױ װעלן מיר — אַלע װאָס האָבן דיך געקענט און ליב געהאַט — מיט דײַן נאָמען אין אונדזער האַרץ — דערטראָגן אונדזערע לעבנס צו דיר.

(לוי — תל־אביב, 1951).

* * *

אײנער פון דער שארית־הפּליטה, אָנגעליטן זיך צער און געזונד װי אַלע

פון דער שארית הפליטה, און אַזוי ווי זיי — געהאָפט, דאָרט אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד, זוכה זיין צו אַ היים אין ארץ־ישראל, און אָנגעהויבן דאָ אַ נײַ לעבן.

געליטן, געהאָפט, און זוכה געווען — און נאָכן עולה זיין קיין ישראל, האָט אים באַזיגט אַ שווערע ביטערע קראַנקהייט. ער איז אַרומגעגאַנגען אויף די גאַסן פון ישראל און געוווסט אַז זיינע טעג זענען געציילטע; און מיט אַ קלאָרן באַוווסטזיין, געציילט דעם חשבון, וואָס דערנענטערט זיך צום סוף.

— „אפשר וועסטו זיך באַטייליקן מיט אַ ליטעראַרישן פאָרטראַג אויף אַן אָונט פאַר עולים חדשים?״ — האָב איך אים געפרעגט עטלעכע וואָכן פאַר זיין טויט (און געוואָלט האָב איך אים וויזן מיט דער דאָזיקער פראַגע, אַז מיר זעען אים אַ מענטש געזונט און פעיק צו אַקטיוויטעטן, טאָ זאָל ער טאַקע האַלטן אַ ליטעראַרישן פאָרטראַג...) — „מיט גרויס פאַרגעניגן! אין אייניקע וואָכן אַרום; כ׳וויל זיך נאָך אַ ביסל אויסרוען, וועל איך זיך אויסקלייבן אַ טעמע״. (און געוואָלט האָט ער מיר באַוויזן מיט זיין תשובה, אַז ער איז גאָר, מכלומערשט, נישט חושד, וואָס עס דערוואַרט אים אין אייניקע וואָכן אַרום... אַז ער איז רויק... ער פּלאַנירט פלענער פון ליטעראַרישער אַרבעט להבא).

ער איז געווען אַן אינטעלעקטואַליסט. באַשאַנקען מיט אַ דערהויבענעם טאַלאַנט פון ליטעראַטור־קריטיקער פון אַ גרויסן פאַרנעם.

זיינע ליטעראַרישע עסייען וואָס פלעגן דערשיינען יעדן פרייטיק אין די צייטונגען פון דער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד, האָבן אַרויסגערופן אַנזען, אַ דאַנק דעם כוח פון עקספּרעסיע, לייכטן סטיל, שפע ידיעות אינעם געביט פון דער אַלטוועלטלעכער ליטעראַטור, און אַ טיפן אַריינדרינגען אין דער גייסטיקער אַטמאָספער פון מחבר.

מען האָט געשפּירט: עס וואַקסט אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד דער ליטעראַטור־קריטיקער, דער מענטש פון עסייען — וואָס יעדע ליטעראַטור איז נישט קיין סך געבענטשט מיט אַזעלכע.

— עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער שיינער טאַלאַנט אינעם אָנהויב פון זיין פונאַנדערבלי. און עס איז דער חוב פון די אַלע, וואָס האָבן געקענט און אָפּגעשאַצט זיין ליטעראַרישן כוח, אַז זיי זאָלן אויפזאַמלען זיין ליטעראַרישע ירושה וואָס איז צעשפּרייט אין די צייטונגען פון דער שארית־הפליטה, און פאַרעפנטלעכן דאָ אין לאַנד. און זאָל נישט פאַרשווונדן פון אונדזער ליטעראַרישן היכל דער נאָמען פון אַ געבענטשטן טאַלאַנט, וואָס איז אַן צייט פאַרשוויגן געוואָרן.

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי, תל־אביב, 1952.

א שאַליסל

(דערציילונג)

אַן אויוון אין ווינקל פון שטוב, וואָס קריצט זיך איין אין זכרון און באַפּוצט אַלע זכרונות פון דייַן יוגנט: אַ צעבראָכן טרעפּל איבער וועלכן דו טרעטסט יאָרן לאַנג טאָג־טעגלעך אַרויף און אַראָפּ. אַ שילד פון אַ נאַש־געוועלבל, וווהין דו פלעגסט זיך אַרייַנכאַפּן, פאַרן ביים טאַטן אויסגעבעטענעם פּינפּערל קויפן אַ גרויסן „לעקער" אָדער אַ נייַ־אויפגעקומענע מין רויטע „ליאַדע", ניסלעך! אמתע, שטרויענע, וואָס קנאַקן אַזוי פּריילעך אונטער די ציין, און קליינינקע, קיילעכדיקע, וואָס לויפן אַליין אינעם גריבל; אַ בילד פון אַ מיידל — דאָס ערשטע מאָל מיט אַ ציטערדיקע האַנט אונטערגעשריבן; אַן אַלט־מאָדישער וואַנט־זייגער, וואָס שלאָגט היימיש און באַקאַנט אין לאַנגע ווינטער־נעכט — דאָס אַלץ זענען טיילן פון אייגענעם לעבן.

זאַכן פאַרשידענע, באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע, מעטאַלענע, פון האָלץ אָדער פּאַפּיר, פאַרשידנפאַרביקע, לעבן מיט, דינען דיר יאָרן לאַנג, פלעכטן זיך אַריין אין דייַן לעבן.

זאַכן פונקט ווי מענטשן האָבן זייער גורל. גוטע און שלעכטע צייטן; זענען נייַ, פאַרשאַפן פרייד, ווערן דערעסן און שטאַרבן זייער טויט: ווערן צעריסן אָדער צעבראָכן.

* * *

רחל׳קע איז שוואַרצחנעוודיק און שיין. אין די ווינקלען צווישן אירע שוואַרצע גרויסע אויגן שטעקט אַ יידישער חן, אַ חסידישער שאַרפזין. רחל׳קעס קאָפּ — באַפּוצט אַ שוואַרצע „קאַראָנע" און איר פּנים איז שטענדיק אויסגעלייטערט, אָפן.

די פרישע לופט אויף דער יידישער „דאַטשע", וווּ מיר האָבן זיך באַקענט, איז ווייט ניִשט פריש. טויזנטער פּאַפּירלעך, כמאַרעס פליגן רוישן היימיש, עס ווימלט פון מענטשן אינעם שיטערן וואַלד, וווּ יידן „מאַכן" דאַטשע.

נאָר ביים ראַנד וואַקסט קאָרן, וואָס וויגט זיך אין די אָונטן שטיפעריש, און צווישן זיי שלענגלט זיך אַ שמאָלינקע סטעזשקע. די זון פאַרגייט רויט, און אַז מ׳זיצט אויפן שמאָלינקן וועגל און מ׳לייענט שעה׳ן לאַנג יחיאל לערערס „אַ היים", וועגן פּרייטיק־צונאַכטס און הבדלות; אַז פערזן לייגן זיך אויס ווייך און באַקוועם: שיינט דער רויטער באַל פון דער פאַרגייענדיקער זון צווישן קאָרן אַזוי נאָענט, אַזוי נאָענט, כאָטש נעם מיט רחל׳קען זיך פאַר די הענט און גיי גלייך, גלייך, איבער די פעלדער, ביז דאָרט נישט ווייט, וווּ זי, די זון, ליגט כמעט אויף דער ערד...

רחל׳קע איז יונג און צוריקגעהאַלטן. זי האָט געהערט אַז ס׳גייט דאָרט

נישט גלאַטיק מיט מיר אין דער גרויסער שטאָט, ווו איך לערן. מ׳זאָגט, מ׳האָט מיך אַרויסגעוואָרפן פון אינטערנאַט ; מ׳זאָגט, די גאָלדענע קנעפּ פון מײַן שול־מונדיר פינקלען אין די שפּעטע אָוונט־שעהן אין די פינצטערע געסלעך פונעם שטעטל, בשעת די יום־טוב־באַזוכן אין דער היים, מ׳זאָגט... מ׳זאָגט...

נאָר ליפּן בייסן זיך אַריין אין איינאַנדער, אויגן מאַכן זיך ליידנשאַפט־לעך צו, הענט פלעכטן זיך צונויף אין אָרעמס...

איצט איז שבת נאָך מיטאָג, אַ בלענדנדיקע זון האָט זיך צעגאָסן איבער דעכער און פּלויטן פון קליינשטעטלדיקע הייזלעך אין פּוסטן מאַרק. אַלץ דרעמלט דעם שבת־נאָכמיטאָג שלאָף, פון די שויבן איבער דעם גרינלעכן פּאַרהאַנג, משופּעדיק צו דער אויסגעפּוצטער פּאָדלאָגע, שפּילן זיך סנאָפּעס פון זונען־שטראַלן, טויזנטער פּיצעלעך שטויבעלעך. איבער מײַן סאָפע טיק־טאַק׳עוועט דער זייגער.

ביינאַכט קומט רחל׳קע. ווי גיך ס׳וועט פינצטער ווערן, קאָן מען אַרויס־פאָרן מיטן רעדל צו דער באַן־סטאַציע, וועלכע דער צאַר האָט נאָך אויסגעבויט נישט ווייט פון דער שטאָט. און דאַן — אַזוי פיל איינדרוקן זיך צו טיילן, אַזויפיל צו דערציילן, אַזויפיל „גרויסע” קלייניקייטן...

פּנחס־יעקב, דער טאַטע, איז נישט בייז. נישט אומזיסט האָט ער אַ שם פאַר אַ גוטן תבואה־סוחר און אַ קלוגן ייד. ער איז טאָלעראַנט און האָט גע־שיקט זיין טאָכטער לערנען „חיצוניות”. ער זיצט פאַרטיפט אין אַ ספר ווען זי קומט אַריין אין האַלבער נאַכט. הויבט קוים אויף זיינע אויגן און גיט אַ זאָג צו זיין נחת : — פאַרוואָס ביזטו געקומען מיטן לעצטן צוג? ס׳איז שוין עטלעכע שעה אויס שבת. האָסט געקאָנט קומען אַכט אופּצן! — רופט ער ספּעציעל צון דעם צוג, מיט וועלכן זי איז טאַקע געקומען פון דער דערנעבנ־דיקער גימנאַזיע־שטאָט...

מאָרגן איז זונטיק, אַ לאַנגער, אַ גוטער זונטיק, ווען יידן דרייען זיך אַרום איבערן מאַרק, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און רעדן הויך און ליידנשאַפטלעך וועגן קהלה־זאַכן און וועלט־פּאָליטיק, ווען די געוועלבער זענען צו און בלויז אַ זייגער איינס, צוויי, מוז מען „אַ קוק טון” צום געוועלב, ווייל מ׳גייט פון קאָשטשאָל און ס׳קאָן פאַרבייגיין אַ היימ־שער קונה.

דאַן וועט קומען אַ מאָנטיק, ערב יום־טוב, און דינסטיק און מיטוואָך איז שבועות און די אַלע פיר טעג וועט רחל׳קע נישט אָוועקפאָרן, פיר טעג: פוטער־קיכלעך און געסט־גייערײַ. אַזויפיל קליינשטעטלדיקע תענוגים, אַזויפיל געטראָפן דער רוב געזעלשאַפטלעכע טוער, ס׳זענען איינגעשטאַנען די וואַרשע־ווער רעפערענטן א. א.

נאָר דער טאַטע ! מיין טאַטע ! ער איז געווען אייביק אויפגערעגט, ער

איז יונג גרוי און אַלט געוואָרן. ווי שטייט אויף ביאַליקס ביכל, וואָס איז אים געשענקט: „דעם בעל הנשמה היתרה״.

אין שלאָפלאָזע נעכט און מיט טיפע זיפצן, דורכגעאַקערטע טעג, טוט אים עפּעס אייביק באַנג און לייד, זוכט ער עפּעס דערפאַלגלאָז און וואַרט אויף עפּעס אומזיסט. די וועלט ווערט פאַרגראָבט. אַלץ גייט צום אָפּגרונט. די קינדער זענען אַוועק, האָפענונגען האָבן זיך נישט דערפילט.

צו מיר איז ער אַלץ שלעכטער און טרוקענער: — אויך אַמאָל געלערנט: נישט אַזוי ווי דו, פאַרן געלט פון טאַטן! נישט געהאַט קיין מעשענע קנעפּ! איך די קעלערס געלערנט, אויף די בוידעמער שטודירט! און איר? וואָס וועט פון אייך זיין, אַז איר זענט אָפּגעריסן פון די שורשים, אַז איר שפּייזט זיך נישט פון די סאָקן!...

פּלוצים, אַזוי ווי איך ליג אויף דער סאָפע, פאַלט מיר איין: און ווי גיך עס ווערט פינצטער, בין איך ביי חיים שלאָסער, חיים׳ל שלאָסער איז אַ קליין ברייט־ביייניק יידל, מיט אַ קאָפּ געקרייזלטע געדיכטע האָר, מיט קרומע פיסלעך, אין אַן אייביק אויסגעפּעצעוועטער מאַרינאַרקע.

— „אַ גוט וואָכעלע, רב יאָסעלע!״ — איז ער מיך מקבל פּנים, — „וואָס? אַ שליסעלע צום טירעלע... איר גייט מיט מיידלעך? איר האָט מורא אַהיימצוקומען שפּעט פאַרן טאַטעליו...״

ווען כ׳פאָר איגאָונט צו דער סטאַנציע, ליגט אין קעשענע אַ נייער, מעטאַלענער שליסל, כ׳וועל אויסטון, טראַכט איך, די שיך אין קאָרידאָר און אַליין אויפשליסן די טיר, וועל איך פאַרשפּאָרן וועקן דעם טאַטן.

* * *

זייט דאַן זענען פאַרביי יאָרן.

זעקס יאָר. זעקס מיליאָנען מענטשן.

דאָס יאָר איז ווידער שבועות. היינט איז אויך שבת נאָכמיטאָג. ווידער אַמאָל ליג איך אויף דער סאָפע. אין דרויסן טריפט אַ דראָבנער רעגנדל און שפּילט אויס אויף די שויבן־פענצטער מאָדנע מאָנאָטאָנע ניגונים. ס׳איז שאַרף און איינטאָניק — אין דרויסן און אויפן האַרצן. אַ מאָדנער פרילינג דאָס יאָר, נאָר ס׳רעגנט.

אַ האַרבסטיקער פרילינג!

אין דער פרעמדער שטאָט, אויף ערד וואָס בריט אינטער די פיס, שפּילן נישט די שטראַלן איבערן טאָפּטשאַן. נישטאָ מער דער ציטער פון דערוואַרטונג. די האָפענונג אויף ליבע און גליק און שטראָפנדע רייד פון אַ פאָטער, ווי שלאַנגען אויף אַן אַלטערטימלעכן בילד באַפאַלן אַ גראָבליייבן העלד, אַזוי באַפאַלן זכרונות און געדאַנקען און נאָגן און הערן נישט אויף.

וויפל טעג פון מיין לעבן וואָלט איך אַוועקגעגעבן צו זען דעם טאַטן, דעם גרויען טאַטן, ווי מען פירט אים אין העמד איבער דער שטאָט מיט נאָך

צען בעלי־בתים צום גרוב, און אַ געשריי טון: „טאַטע! כ׳האָב דיך פאַרשטאַנען, שפּעט — נאָר פאַרשטאַנען!"

כ׳מוז נאָך אודאי האָבן אַ בילד, פאַלט מיר איין. לאָמיר אַ קוק טון: אין אַלטן אַנצוגו דער אַנצוג האָט מיטגעלעבט יאָרן. דייטשישע לאַגערן און קאַטאָרגע ארבעטן, שרעקלעכע מינוטן און נארישע האָפענונגען אויף גוטס, וואָס איז נישט געקומען. שוין פון לאַנג האָט דער אַנצוג פאַרלוירן זיין ערשטן קאָליר, געוואָרן קורץ און שמאָל, געדינט אָפט פאר אַ קישן, פאר בעטגעוואַנט. אָבער געדינט.

לאָמיר אַ קוק טון אין קעשענע ס׳מוז נאָך זיך פאַרוואַלגערן אַ בילדל...

— אַך! ווי אלט ער איז שוין דער אנצוג! און דער אונטערשלאק כמעט צעפאלן פון אַלטקייט! לאָמיר פּרווון אַ ריס טון! שטויב! גאנצע, קאָמפּאַקטע קלומפּן — אַנגעקליבן אין משך פון יאָרן. פּונקט ווי מיין ביטערקייט און האַס... פּלוצים — אַ מעטאַלענער קלונג, עפּעס איז אַרויסגעפאלן, וואָס איז געלעגן פאַרשטעקט ערגעץ אונטערן אינטערשלאַק. וואָס איז דאָס?

— ?

אַ שליסל. אַ כמעט נייער מעטאַלענער שליסל.

א שליסל צו א שלאָס, וואָס איז שוין מער נישטאָ...

(„אונדזער וועג", מינכען, 1948)

י. מאניטש
(פּאַריז)

ברוך ווינאגורא

געבוירן אַרום 1900 אין סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסק ביי נישט פאַרמעגלעכע עלטערן. געלערנט אין חדר, אָבער דער עיקר דער־צויגן אין די זעלבסט־בילדונג־קרייזלעך. אין 1916 אָנגעהויבן אַלס רעפערענט און פובליציסט. באַזוכט גאַנץ פּוילן, געלעבט אַ שטיקל צייט אין ליטע. פאַרעפנטלעכט ליטעראַריש־קריטישע אַרבעטן. אין 1928 — אין פּאַריז. מיטגעאַרבעט אין „האַמער" „מאָרגן־פרייהייט", „צוקונפט", „ליט. בלעטער", „וואָכנשריפט" „נייע פּרעסע", „פּאַריזער־זשורנאַל". אַרעסטירט אין 1941. גע־לאָזן אין מאַנוסקריפּט, אויסער מערערע קריטישע אַרטיקלען, עטלעכע גרעסערע עסייען וועגן דער יידישער ליטעראַטור.

שווער און אחריותפול איז צו צייכענען דעם גייסטיקן פּאָרטרעט פון ליטעראַטור־קריטיקער ברוך ווינאָגורא; אונטערציען דעם סך־הכל פון זיין לעבן און שאַפן. זיין גרויסע און רייכע ירושה, די פרוכט פון בערך צוואַנציק יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט איז כמעט אינגאַנצן אויסער אונדזער רשות. די ירושה זיינע איז צעזייט און צעשפּרייט אין די פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלן.

אינגאַנצן פאַרשוווּנדן זענען די צאָלרייכע כתבים זיינע, וויכטיקע אַרבעטן, וואָס האָבן יאָרנלאַנג געוואַרט צו דערזעען די ליכטיקע שיין. אַוועקגעקומען — אין אַ באַהעלטעניש באַגראָבן, צי פון אַ בלוטיקער נאַצי־לאַפּע צעריסן?

וואָס מיר האָבן באַוויזן אָפּצוזוכן ביז איצט — אייניקע נומערן פון דער וואַרשעווער „וואָכנשריפט" מיט ווינאַגוראַס אַרבעטן, אַ קאָמפּלעט „פּאַריזער זשורנאַל", אַ פּאָר נומערן „בלעטער" (ביידע זשורנאַלן דערשינען אונטער זיין מיט־רעדאַקציע), אַ רייע אַרטיקלען זיינע אין דער פאַרמלחמהדיקער „נייע פּרעסע", וועלכע זענען מיט שוועריקייטן געלונגען איבערצושרייבן אין דער פּאַריזער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק — איז בלויז אַ קליינער טייל פונעם שאַפן פון ברוך ווינאָגורא, אַ נאָמען פון אַ וואָרט־זאָגער אין יידישן קולטור־פּאַריז.

שווער איז געווען די קינדהייט און די יוגנט ווינאַגוראַס, פּונקט ווי זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך דעמאָלט אויך געראַנגלט מיט דער מאַטעריעלער לאַגע. אַ זון פון פרומע, אָרימע עלטערן, איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן און יאָרנלאַנג אַרומגעפאָרן אין פּאַרטיי־שליחות (פון לינקע „פּועלי־ציון"). געווען אַ גוטער רעדנער, און זיינע פּאָליטישע אַרטיקלען האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט זייער קלאָרקייט, זאַכלעכקייט און עלעגאַנץ.

צוגלייך מיט די פּאָליטישע פראַגן, הייבן אים אַלץ מער אָן צו אינטערעסירן ליטעראַטור און קולטור־פראַגן. נאָך זיין קומען קיין פּאַריז — אַרום 1928 — פאַרנעמט ער זיך שוין כמעט אויסשליסלעך מיט ליטעראַטור־קריטיק.

זיינע קריטישע אַרבעטן וועגן די יידישע קלאַסיקער, זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן ווייסנבערגן, אַשן, אָפּאַטאָשון, גלאַזמאַנען, מאַרקישן, פּעפּערן, איציק קיפּניס און צענדליקער אַנדערע עלטערע און יונגערע שרייבער, האָבן אים פאַרשאַפט אַ נאָמען. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גרינטלעכן אַנאַליז און באַוויזן אין געפּרעסטע בצמצומדיקע זאַצן אַרויסצוברענגען דעם תוך פון שרייבער און זיין שאַפן. נישט געווען ביי אים קיין מליצה, קיין סתם פראַזן, ער האָט שטענדיק געהאַט צו זאָגן עפּעס באַזונדערס, אַזוינס וואָס איז ביז אים נאָך נישט געזאָגט געוואָרן. ער האָט געזען דעם שרייבער דורך דער פּריזמע פון זיין צייט און סביבה. ער האָט זיך באַמיט צו דערגרונטעווען די סאָציאַלע מקורות פון וועלכע דאָס ווערק איז געשעפּט געוואָרן. זיין ליטעראַטור־קריטיק האָט דעריבער זיך דערנענטערט צום וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז, פּראָגרעסיוו־דערציִעריש.

ווי אַ רעדאַקטאָר פון די „בלעטער" און שפּעטער פון „פּאַריזער זשורנאַל", האָט ב. ווינאָגורא אַרויסגעוויזן פיל געשמאַק און פאַרשטענדעניש פאַרן

צוזאַמענשטעלן און אַרויסגעבן אַ ליטעראַרישע אויסגאַבע. ער האָט מיט דער גרעסטער שטרענגקייט און אחריות אָפּגעקליבן יעדעס אַרטיקל, יעדע דערציי־לונג, יעדעס ליד. ער האָט געאַרבעט איבער די מאַטעריאַלן פון זיינע חברים מיט דער זעלבער זאָרגפאָלקייט, ווי איבער זיינע אייגענע שאַפונגען.

ער איז געווען שטרענג צו זיך און צו אַנדערע. צווישן זיינע חברים איז ב. ווינאַגורא אָנגעגאַנגען ווי אַ „מחמיר". ער האָט פיל פאַרלאַנגט פון שרייבער. ניִשט געווען ביי אים קיין „פריינטשאַפט־רעצענזיע". ער האָט דווקא צו זיינע נאָענטע חברים־שרייבער געשטעלט גרויסע פאָדערונגען. האָט ער אָבער אָנגעטראָפן טאַלאַנט האָט אַ יונגער שרייבער אָנגעשריבן אַ שיינע נאָ־ וועלע, אַ גוט ליד, האָט ער געפינען די וואַרימסטע ווערטער דעם שרייבער צו דערמוטיקן, אים פאַרצושטעלן פאַרן לייענער־עולם.

ברוך ווינאַגורא האָט פיל געהאָלפן די פאַריזער יידישע שרייבער אין זייער אַנטוויקלונג, געגעבן זיי באַלערנדיקע אָנווייזונגען, איז אַרויסגעטרעטן אויף די אוונטן געווידמעט זייער שאַפן, געוועקט צו זיי דעם אינטערעס פון יידישן לייענער און, זיי באַקאַנט געמאַכט אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט.

די שווערע מאַטעריעלע דאגות, וואָס האָבן געלייגט אַ שטעמפּל אויף זיין קינדהייט און יוגנט, האָבן אים שוין אַזוי באַגלייט ביזן קריג. דאָס שרייבן איז ביי אים פון מאַטעריעלן שטאַנדפּונקט געווען אַ דערבייאיקע באַשעפטי־ קונג. ער האָט געהאָרעוועט אַלס שטריקער־אַרבעטער אין די סעזאָנען און זיך שווער געמאַטערט אין די „טויטע סעזאָנען". דאָס האָט אַן צווייפל געווירקט ניִשט ווייניק אויף זיין געמיט און אויף זיין געזונט.

מיט זיין פרוי, די מאָלערין חנה קאָוואַלסקאַ, האָט ער פאַרנומען צוויי ענגע צימערלעך אויפן מאָנפּאַרנאַס. אין אָט דער קינסטלער־געגנט האָבן זיי געהאַט אַ סך באַקאַנטע שרייבער און מוזיקער, מאָלער און סקולפּטאָרן, יידישע און ניִשט־יידישע.

אין 1941 איז ער צוזאַמען מיט חנה קאָוואַלסקאַ געווען צווישן די ער־ שטע קרבנות פון די נאַציס. זייער וווינונג אויף דער גאַס פּיער לערו איז גע־ וואָרן פאַרחתמעט.

אַזוי האָט צו 42 יאָר טראַגיש פאַרענדיקט זיין לעבן דער ליטעראַטור־ קריטיקער ברוך ווינאַגורא.

(„יזכור־בוך", פּאַריז, 1946)

סאָציאַלע און פאָלקסטימלעכע דיכטונגען אין דעם יידישן ליד

די פאַרטיפונג פון דער סאָציאַלער דיפערענציאַציע אין דעם יידישן פאָלקס־לעבן און דער אַנוווקס פון אַ יידישן פראָלעטאַריאַט, האָבן צווישן אַ גאַנצע ריי אַנדערע פּאָזיטיווע דערשיינונגען אויך אויפגעשלאָגן די קוואַלן פון דער מאָדער־נער יידישער דיכטונג. די פּאָטענציאַלע שעפערישקייט, וואָס האָט יאָרנלאַנג געטליעט אין דער טיף־ערד פון די יידישע מאַסן און זיך דורכגעריסן, פון צייט צו צייט, אויף דער אויבערפלאַך אין דעם אַנאָנימען פאָלקס־ליד, האָט, מיט דער אויסרייפונג פון נייע סאָציאַלע כוחות, אָנגעהויבן אָננעמען קאָנקרעטע קינסט־לערישע פאָרמען. אַנשטאָט דעם פרימיטיוון רוי־מאַטעריאַל האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן קאָנסטרואירטע קינסטלערישע ווערק.

אין צוויי הויפּט־פאָרמען האָט זיך לכתחילה אויסגעגאָסן דאָס מאָדערנע יידישע ליד: דעם פאָלקסטימלעכן (עטינגער, גאָלדפאַדן, מיכל גאָרדאָן א. אנד.) און דעם סאָציאַלן (ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוושאָווער א. אנד.) דאָס זענען געווען צוויי ליטעראַרישע ריכטונגען פון גאַנץ פאַרשידענעם אינהאַלט און כאַראַק־טער. צוויי קינסטלערישע אויסדרוקן, וואָס זענען אינספּירירט געוואָרן פון צוויי באַזונדערע סאָציאַלע שיכטן אין די יידישע מאַסן גופא: די ברייטע אָרעמקייט און דער אַרבעטערשאַפט.

ווי אַן אויסדרוק פון דעם דיקן שיכט יידישע אָרעמקייט, וועלכער האָט לאַנגע יאָרן געבילדעט דעם איבערוויגנדיקן רוב אין דעם יידישן פאָלקס־לעבן און פאַרמאָגט אַן אויסגעשטאַנענעם לעבנסשטייגער מיט אייגנאַרטיקע פאָרמען און ספּעציפישן קאָלאָריט — איז די פאָלקסטימלעכע יידישע דיכטונג געווען אַן עפּיש־שטייגערישע, אויסגעפּילט מיט קאָנקרעטן שילדערישן שטאָף. אַלץ איינס צו די באַציונג פון דעם קינסטלער צו דער מיליע איז אַ נעגאַטיווע אָדער פּאָזיטיווע, שטענדיק איז דער אופן פון שילדערן אַ דערציילערישער און שפּיגלט אין זיך אָפּ דעם אָפּגעזונדערטן, אויסגעשטאַנענעם לעבנס־ראָט פון די אָרעמע יידישע פאָלקס־מאַסן. עס איז אַ מין אָראָפּרעדן זיך פון האַרץ. מען דערציילט פון פרייד און צרות, הערלעכקייט און צביעות, ליבע און שנאה. אָנהויבנדיק פון שלמה עטינגערס „שמאַטעס" ביז מ. מ. וואַרשאַווסקיס פאָלקסטימלעכע זשאַנר־לידער, איז די גאַנצע שאַפונג פון דער דיכטונג כמעט דורכאויס אויסגעפּילט מיט שרייבעריש־דערציילע־רישן שטאָף, ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ גייט דורך אין די דאָזיקע ווערק דאָס גאַנצע לעבן פון דער אָרעמער יידישער מאַסע.

זייענדיק דער קינסטלערישער אויסדרוק פון דעם זעלבן סאָציאַלן שיכט, וואָס האָט אַרויסגעטראָגן דאָס יידישע פאָלקס־ליד, איז די פאָלקסטימלעכע דיכ־טונג, פאַרמעל אַ דירעקטע פאָרזעצונג פון דעם פאָלקס־פרימיטיוו. זי שפּאַרט זיך

אויף אים אָן און טראָגט אין זיך אַלע אייגנשאַפטן — פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע — פון דעם עלעמענט. זי איז פּשוט אין דער פאָרם און איינפאַך, ביז נאַאיוויטעט, אין דעם ריים.

דער פאַרגלייך און דאָס בילד — אויב ער איז בכלל בנמצא — איז גענומען דירעקט פון פאָלקס־מויל, פון זיין לעבעדיקן לשון.

זי פאַרמאָגט אַן איינהייטלעכע אַטמאָספערע און האָט אַ באַשטימטן קאָלאָ־ריט — אַ „יידישן". אַלע זייערע ווערק זענען איינגעהילט אין דער טונקל־גרויער אַטמאָספערע פון די אָרימע יידישע מאַסן.

אין הסכם מיט דער מענטאַליטעט פון דעם שיכט, וועמענס קינסטלערישער אויסדרוק זי איז, פאַרמאָגט נישט די פאָלקס־טימלעכע דיכטונג אין זיך קיין שום קאָנקרעטן, פּאָזיטיוון אידעאַל צו וועלכן זי שטרעבט. העכסטנס אויף וואָס זי קען האָפן אַזוי רייך צו ווערן:

אירע סענטענצן זענען אַבסטראַקטע אַזוי צו זאָגן „מענטשלעך־מאָראַלישע":

אונזער לעבן איז דער פּראָם
דער טייך —
דער תהום.
מענטשן — דאָס מיין איך טאַקע אייך.

(מ. מ. וואַרשאַווסקי)

זי פאַרמאָגט נישט אין זיך קיין רעוואָלט און אפילו נישט קיין בונטאַ־רישקייט. עס שלאָגט פון איר מיט פאַרלוירנקייט און יאוש. די פרייד, וואָס שלאָגט אַמאָל אויף איר, שטראָמט נישט פון די סאַמע טיפענישן, נאָר איז מערסטנטייל „אַ געמאַכטע", אַ פאַרשיכורנדיקע פון דעם מין „הוליע קבצן".

דער קאָנקרעטער שטייגעריש־דערציילערישער שטאָף: דער פאָלקסטימ־לעכער פּרימיטיוו אַלס פאָרמעלע באַזע; דאָס פעלן פון אַ פּאָזיטיוון קעמפערישן אידעאַל — דאָס זענען די דריי הויפּטמאָמענטן, וואָס כאַראַקטעריזירן די פאָלקס־טימלעכע ריכטונג אין דעם יידישן ליד.

לחלוטין אין היפוך איז דער שטאָף, פאָרם און כאַראַקטער פון דער סאָציאַלער דיכטונג.

דער יידישער אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אויסגעפּיקט פון דעם אייער־שאָלעכץ פון דער יידישער אָרימקייט, האָט פאַרמאָגט אַ סך אימפּעט, שווונג, און געשלאָגן מיט אָן שיעור וויבראַציעס. ער האָט נאָך אָבער נישט געהאַט קיין קלאָר, בולט פּנים און אויסגעשטאַנענעם שטייגער.

די מיטאַמאָליקע איבער שיכטונג פון די יידישע מאַסן, דאָס האַסטיקע איבערשפּרינגען פון אומפּראָדוקטיווער צעשוומענקייט צום אַרבעטער־קלאַס (וואָס איז הויפּטזעכלעך געשען אַדאַנק די ריזיקע עמיגראַציעס); די אומדערהערטע, שווערע לעבנס־באַדינגונגען, אין וועלכע זיי זענען גלייך אַריינגעוואָרפן געוואָרן

(דער אַ מעריקאַנער „שוויי־סיסטעם") — האָט ביים יונגן יידישן אַרבעטער־קלאַס אויפגעשלאָגן רעוואָלט, שרעק און צעמישונג גלייכצייטיק, ס'איז נישט געווען נאָך אין לעבן פון דעם קלאַס קיין קלאָר־באַשטימטעס און אויסגעשטאַנען־פּעסטעס, אַלץ האָט זיך געפונען אין דער סטאַדיע פון „ווערן". די סאָציאַלע דיכטונג, וואָס איז געקומען אַלס פּועל־יוצא און ווידערקלאַנג פון אָט דעם סאָציאַלן פּראָצעס האָט דעריבער נישט געקאָנט זיין קיין קאָנקרעט־שטייגערישע. זי איז נויטוועדיק געוואָרן אַ רעטאָריש־אַבסטראַקטע.

נישטאָ אין דער דיכטונג קיין שילדערונג און עס איז זיך שווער צו מאַכן פון איר אַ קלאָר בילד איבערן לעבנס־אַרט פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין יענער צייט. נישט וועגן דעם קאָנקרעטן לעבן גופא ווערט געזינגען אין די לידער, נאָר וועגן די געפילן, וואָס זייער שווער לעבן רופט אַרויס. נישט קיין עפּישע דיכטונג איז דאָס, נאָר עמאָציאָנעלע. אין דער דיכטונג גייט האָנט ביי האָנט רעוואָלוציאָנערע אימפּעט מיט רעזיגנירטער דערשלאָגנקייט.

וווי זאָל איך ברידער פריילעך זינגען,
ווען האַס און קריג איז איבעראַל?
עס שיינט מיר טיפע שמערצן קלינגען
אויך אין דעם ליד פון נאַכטיגאַל.

(דוד עדעלשטאַט)

אויפגעשלאָגענער וויר־וואַר און געפיל־פּלאָנטער פון די מיטאַמאַליקע ניי־געשאַפענע לעבנס־באַדינגונגען.

ווי אַן אויסדרוק פון אַ נייעם וועלטלעכן קלאַס אין דעם יידישן לעבן, א קלאַס וועמענס אינטערעסן עס פאַלן צוזאַמען מיט די אינטירעסן פון דיזעלבע קלאַסן ביי אַנדערע פעלקער, האָבן די דיכטער פון דער סאַצ. ריכטונג נישט געקאָנט באַזירן זייער פאָרם בלויז אויף דער אייגענער פאָלקסשאַפונג נאָר דער עיקר אויף פרעמדע, פאַרטיקע מוסטערן ענלעכע צום דעם זשאַנר. נאַדסאָן נעקראַסאָוו, היינע א. אנד. זענען געווען די פאָרבילדער, לויט וועלכע די יידישע סאָצ. דיכטער האָבן געפאָרמט זייער ווערק. נישט פאַרמאָגנדיק נאָך קיין אייגענע קינסטלערישע טראַדיציעס, זענען די ערשטע סאָציאַלע יידישע דיכטער געשטאַנען פאַר דער דילעמע: אָנשפּאַרן זיך אויפן יידישן פאָלקס־פּרימיטיוו, — סאָצ. ריכטונג, זייענדיק געטריבן פון די וועלטלעכע אינטערנאַציאָנאַלע טענדענץ, וואָס דער קלאַס טראָגט אין זיין עצם, האָבן זיי — באַוווסטזיניק צו נישט באַוווסט־זיניק — אויסגעוויילט דאָס לעצטע. ביי דער ערשטער פאַנאַדערטיילונג פון דעם סאָציאַלן מיטן פאָלקסטימלעכן, זענען די שטראָמען געלאָפן מיט אַ באַזונדער אימפּעט פון זיך. וועגן שאַפן אַ סינטעז האָט דאַן קיין רייד נישט געקאָנט זיין. האָבן זיי לייכטער גענומען פון דעם פרעמדן, פאַרטיקן, וואָס איז געווען מער אַנטשפּרעכנד פאַרן אינהאַלט פון זייער שאַפן.

די פאָרם פון דער סאָציאַלער דיכטונג פאַרמאָגט נישט צוליב דעם, די ווייכע בויגזאַמקייט פון דער פאָלקסטימלעכער דיכטונג. זי פאַרמאָגט אויף נישט די וואַרימע אַטמאָספערער און אייגנאַרטיקן קאָלאָריט פון די לעצטע. זי איז אין איר רוב האַרט, קאַלט און שטייף.

דערפאַר אָבער איז זייער פערז מערסטנטייל אַ פאָלרייפערער און זיכערער, און דער ריים אַ העכערער און אַנטוויקעלטער.

נאָר אויב אין דעם שטאָף זענען די לידער פון דער פאָלקסטימלעכער דיכטונג אין דורכשניט פון אַ מער באַדייטנדיקער קוואַליטעט, שטייט אָבער די סאָציאַלע דיכטונג אידעאיש אויף אַן אומפאַרגלייכלוך העכערן ניוואָ.

די פערזן פון דער סאָציאַלער דיכטונג שלאָגן מיט אַ מעכטיקן אָטעם פון בונטארישקייט און רעוואָלט.

וועלטן רויבער, ליידן־שמידער,
הערט מיין שטימע, שטאָלצע הערשער,
און פאַרציטערט זאָלן ווערן
אייערע שמאַלץ־באַדעקטע גלידער.

(י. באַוושאַוער)

עס הערט זיך אין זיי דאָס געשריי פון אַ קלאַס, וואָסליידט, בלוטיקט, קעמפט און וויל בשום אופן נישט שלום מאַכן מיט איר לאַגע.

די דיכטונג שלאָגט אויך אָן אויף הויכע טענער פון העראָאיזם און טראַגיזם.

די נאַכט איז פינצטער, מען זעט נישט קיין שטערן;
דער הימל איז שוואַרץ ווי די ערד
ווילד רוישט דער ים פון מענטשלעכע טרערן,
עס הערשן נאָר הענקער און שווערד.

(דוד עדעלשטאַט)

עס איז אַ דיכטונג, וואָס איז אָנגעלייגט מיט אַ שטרעבן און רייסן זיך צו אַ הויכן אידעאַל — דעם אידעאַל פון באַפרייונג. און כאָטש סיי דער ציל גופא און סיי די וועגן, וואָס פירן צום ציל, זענען נאָך, מערסטנטייל, פאַר די דיכטער אַליין אין גרעסטנטייל פאַרנעפּלט און נישט קלאָר, ענדערט עס נישט דעם עצם ווערט אירן, אַלס אַ דיכטונג פון אַ הויכן אידעאישן אינהאַלט.

נישט געקוקט אָבער אויף די גרויסע פאָרמעלע און אידעאישע אונטערשידן, וואָס טיילט פאַנאַנדער די צוויי ליטעראַרישע ריכטונגען, איז דאָך פאַראַן אַ קאַרדינאַלער מאָמענט, וואָס פאַראייביקט ביידע. דאָס איז דער קאָלעקטיווער לאָקאַלער קאָלאָריט. אין ביידע ריכטונגען איז דער לייטמאָטיוו און באַוועגער

נישט דער יחיד, אַן אַרויסגעריסענער פון זיין סאָציאַלער סביבה, נאָר — דער כלל, דער קאָלעקטיוו. דער „העלד" איןביידע אַרט דיכטונגען איז נישט די אָפּגעריסענע, אויסגעוואָרצלטע פערזענלעכקייט. מיט אירע איזאָלירטע פריידן און ליידן, נאָר — דער כלל. ער שפּילט די הויפּט־ראָל אין ביידע פאָרמען דיכטונג. דער יחיד האָט נאָר דאָ אויף אַזויפיל אַ חשיבות, אויף וויפל ער איז אַ טייל פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו. נישט דאָס, וואָס טיילט אים אָפּ פון זיין סאָציאַלן שורש, נאָר דאָס, וואָס פאַראייניקט אים מיט אים. דורך דער פּריזמע פון דעם יחיד ווערט געוויזן דער כלל. עס איז אַ קונסט, אין וועמענס פּאַרטיפּטער פּערעס־פעקטיוו, עס זעט זיך שטענדיק דאָס לעבן, ליידן און האָפענונגען פון דעם קלאַס אָדער שיכט. דאָס זענען נישט קיין יחידישע שאַפונגען אין ענגן זין פון וואָרט, נאָר קאָלעקטיווע ווערק, קאָנסטרואירט דורך די הענט פון איינציקע מייסטער.

פון „יזכור־בוך" פאריז (געקירצט)

לילי בערגער
(פּאַריז)

חנה קאָוואַלסקאַ

געבוירן אַרום 1904 אין וולאָצלאַוועק, אין אַ רבנישער פאַמיליע. באַקומען אַ העכערע בילדונג, פון די קינדעריאָרן געצייכנט און געמאָלן, אין 1922 געפאָרן קיין בערלין שטודירן מאָלעריי. אַרום 1926 געקומען אין פּאַריז. אָנטייל גענומען אין פאַרשידענע אויסשטעלונגען. באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער פּראָגרעסיווער אַרבעטער־באַוועגונג און אין דער קולטור־בויונג. ביז איר אַרעסט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אונטערערדישער אַרבעט. אַרעסטירט געוואָרן אין 1941 און דעפּאָרטירט אין 1942.

דער שונא, פאַרשניידנדיק דאָס וווּנדערבאַרע לעבן פון חנה קאָוואלסקאַ, האָט גלייכצייטיק אומגעבראַכט, די פון וועלכע מיר וואָלטן זיך געקאָנט געווינער דערוויסן וועגן חנה קאָוואלסקאַס פאַרגאַנגענהייט. פאַרלוירן איז אויך געגאַנגען דער ווייט גרעסטער טייל פון אירע שאַפונגען. זי איז אָבער פאַרבליבן איינגעקריצט טיף אין האַרצן פון די אַלע, וואָס האָבן זי געקענט. די הערלעכע געשטאַלט אירע, די בונטאַרע נאַטור, די מערקווירדיקע פרוי, דער נאָבעלער און גייסטרייכער מענטש.

קאָוואלסקאַ איז די טאָכטער פון באַרימטן וולאָצלאַוועקער רב, הרב קאָוואלסקי, וועלכער איז געווען לאַנגע יאָרן אַ סענאַטאָר אין פּוילישן פּאַרלאַ־

מענט און אַן אָנפּירנדיקע פּערזענלעכקייט פון רעליגיעזן פּוילישן ייִדנטום. אין איר אַריסטאָקראַטיש־רבנישער הייב האָט זי באַקומען אַ סאָלידע און פּילזייטיקע דערציִונג — אַ ייִדישע און אַ וועלטלעכע. אַלס קליין קינד נאָך, האָט זי אַרויסגעוויזן גרויסע פֿעיִקייטן און אַ שטענדיקע נייגונג צו צייכענען און מאָלן. אין שוין אין דער פֿריער יוגנט איז די מאָלעריי געוואָרן פֿאַר איר אַן אינערלעכער רוף.

צום לעצטן מאָל האָב איך געהערט וועגן חנה קאָוואַלסקאַ, נאָך די טראַגישע געשעענישן פֿון 16־טן יולי, 1942. אויך אין לאַגער האָט זי קיין צייט נישט פֿאַרלוירן, זי פֿלעגט מאָלן גאַנצע טעג. (בעת זי איז אַרעסטירט געוואָרן ביי זיך אין שטוב, האָט זי מיטגענומען די נייטיקסטע מאַטעריאַלן). „כ׳האָב דאָ מער צייט צו מאָלן ווי אויף דער פֿריי" — פֿלעגט זי דאָרט איראָניזירן.



חנה קאָוואַלסקאַ: אַ פֿראַנצעזישע תּפֿיסה
(געמאָלן דאָרט פֿאַר דער אויסזידלונג)

כ׳האָב זיך אויך דערוווּסט, אַז חנה איז געווען דאָס האַרץ און נשמה סיי פֿון קאָלעקטיוון לעבן אין לאַגער, סיי פֿון שפּעטערדיקן ווידערשטאַנד, וואָס די ייִדישע פֿרויען צוזאַמען מיט די פֿראַנצויזישע האָבן געשטעלט, ווען מ׳האָט געוואָלט די ייִדישע פֿרויען אָנטאָן די געלע לאַטע, און בעת דער ערשטער דעפּאָרטאַציע ענדע יוני 1942. אין די שווערע טעג פֿון לאַגער־לעבן האָט חנה געהאָט פֿאַר יעדן אַ טרייסט־וואָרט, דערוואַרימט און דערמוטיקט די געפּייניקטע, געהאָלפֿן אַ ביסל לייכטער מאַכן דאָס לאַגער־לעבן. זי איז אויך געווען צווישן די וואָס האָבן אָרגאַניזירט דעם ווידערשטאַנד קעגן די נאַצישע באַנדיטן. די ייִדישע פֿרויען פֿון לילאַ־לאַגער האָבן די געלע לאַטע נישט אָנגעטון, טראָגן די טעראָר־מיטלען, וואָס די אַדמיניסטראַציע האָט דעמאָלט קעגן זיי אָנגעוואָנדן.

אמת איז, אַז דאָס האָט געקאָנט געשעען אַדאַנק דער ענערגישער האַלטונג פון די פראַנצויזישע אינטערנירטע פרויען, וועלכע האָבן דערקלערט דער אַדמי־ניסטראַציע אַז „אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן דאָ זיין, וועלן אונדזערע יידישע חבר׳טעס דעם גאָלן שטערן נישט טראָגן". ס׳איז אָבער אויך געווען אַדאַנק דעם, וואָס אין לילא־לאַגער זענען געווען אַזעלכע מוטיקע און העלדישע פרויען, ווי חנה קאָוואַלסקאַ.

חנה קאָוואַלסקאַ איז געווען צווישן די ערשטע דעפּאָרטירטע יידישע פרויען, וועלכע מ׳האָט אַרויסגענומען פון לילא־לאַגער ביי אַן ענערגישן און מוסטערהאַפטן ווידערשטאַנד. אַלס שטראָף האָט מען זיי אַלע מיט געוואַלד אָפּגעגאָלט די קעפּ ערב דער דעפּאָרטאַציע. אַזוי איז חנה אַוועק אויפן יידישן מאַרטירער־וועג. זי איז אַוועק און שוין נישט צוריקגעקומען. ס׳איז אַוועק פון אונדז אַ פילבאַרע יידישע קינסטלערין, אַ קרישטאָל־ריינער און נאָבעלער מענטש, אַ מוטיקע און באַגייסטיקטע קעמפערין. מיר וועלן זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

(„יזכור־בוך", פּאַריז, 1946)



חנה קאָוואַלסקאַ: אַ פראַנצויזישע תפיסה
(געמאָלן דאָרט פאַר דער אויסזידלונג)

אייזיק פלאַטנער

אין מינסק איז געשטאָרבן אין עלטער פון 68 יאָר דער סאָוויעטיש־יידישער דיכטער אייזיק פלאַטנער.

אייזיק פלאַטנער איז געבוירן געוואָרן אין סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסקי. אין יאָר 1921 האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, כדי פון דאָרט צו העלפן זיין משפחה אין פוילן. דאָרט שליסט ער זיך אָן אין דער שרייבער־גרופּע „פּראָלעט־פּען", און אין יאָר 1930 דערשיינט אין ניו־יאָרק זיין ערשטע לידער־זאַמלונג א. נ. „וואָס דער טאָג דערציילט". באַהערשט פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע



פאָרט ער אין יאָר 1932 אין ראַטן־פאַרבאַנד און באַזעצט זיך אין מינסק, ווו ער ווערט אַקטיוו אין דער סאָוויעטיש־יידישער שרייבער־סביבה. דאָ דערשיינען זיינע צוויי ביכער „פּאָעמע וועגן שניידערס" (אין 1935) און די לידער־זאַמלונג „די זון אויף דער שוועל" (1940). אין 1944 קערט זיך פלאַטנער צוריק אין דעם חרוב געוואָרענעם מינסק. אין יאָר 1947 דערשיינט אין מאָסקווע זיין בוך „מיט ליבע און גלויבן". און א יאָר שפּעטער, אין גורלדיקן חורבן־יאָר פון דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד, באַווייזט ער נאָך צו פאַרעפנטלעכן דאָס בוך א. נ. „דאָס טייערסטע".

אין זיין אַרטיקל וועגן פאַרשטאָרבענעם סאָוויעטיש־יידישן דיכטער שרייבט צוו. אנד. הערש סמאָליאר אין דער וואַרשעווער „פאָלקסשטימע" פון 1־טן אויגוסט:

...אייזיק פלאַטנער, דער פאַרליבטער אין נייעם סאָציאַליסטישן לעבן, האָט

נישט אויסגעמיטן דעם שרעקלעכן גורל, וועלכן עס האָבן פאַר אַ סך צוגעגרייט די פאַרעטער פונעם בעריא־שניס. צוריק אַהיים איז ער געקומען אַ שווער־קראַנקער.

קורץ פאַר זיין טויט האָט נאָך זוכה געווען צו דערשיינען זיין לידער־זאַמלונג „דאָס זאַלץ פון לעבן" (אין אַ ווייסרוסישער איבערזעצונג).

(„פאָלקס־שטימע" — וואַרשע)

אייזיק פלאַטנער

ל י ד ע ר

ש ט א ט

פון אַלע זייטן אין דער וועלט,
פון אַלע וועגן אין דער נאַכט,
האָט אַ באַן נאָך באַן געבראַכט
אַ מענטשן־קנויל, אַ רויען וואַל;
אַ שפּיי געטאָן מיט דעם דורך אָפענעם וואַקזאַל,
אין פּנים פון דער שטאָט...

אַ מרוק פון מעטאַלענע לונגען
צעוויגט דעם פאַרשלאָפענעם טאָג.
ס'וועקן זיך שווער און צעווייטיקט די הימלען,
טשוכען זיך אויס אויף די ראַנדן פון שטאָט;
אויף באַרגיקע פלייצעס און שפּיציקע אַקסלען,
פון ווייטער און ברייטער צעוואָרפענער שטאָט;
דערהייבט זיך אַ רעווען, פאַרוואָרגן פון טויזנטער שטיינערנע ווענט.
שטאָט — איבער וואַסער פאַרשליידערט דורך בריקן די הענט,
און גריסט זיך אַזוי מיט דער וועלט...

פאַרסמאַליעטער טאָג איז געפאַלן —
פאַרקאָפּטשעטער קופער —
אין סטאַדעס פון רויכן,
אויף שטאָטס לייב און לעבן.

— עס זענען די שטאָט־לייט אַרויס אין די גאַסן,
אין פאַסן, אין פאַסן;
געפלאָכטן אין רינגען,
פאַרשלייערט די ראָגן,
געריגלט מיט אָרעמס, מיט שטעקנס, אָפּצאַסן.

סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסק

שאַלנגען־טראַמווייען, מיט איינציקע אויגן,
שניידן אַריין זיך מיט קעפּ אין די מאַסן.
ס׳קרייצן זיך כוואַליעס פון ווינטן, און קעפּ־לויף —
אַ קאָפּ אויף צוויי אַקסלען, אַ קאָפּ אויף צוויי אַקסלען.

פעדערן, שפּילקעס און לענטעס פאַרצויגן.
אין פלאַטער פאַרבויגן,
דאָרט איז אַ נאַקן, און דאָ אַ פּאָר אויגן...

עס דרייט זיך, עס דרייט זיך
אַ רודל, געדריידל —
באַלד וועט א כאַפּ טאָן, דער עולם די שטיבער,
און וועט זיך אַ קער טאָן, אַ קער טאָן אריבער;
ווילד זיך צעפּליען מיט פיס אין די שטערנס,
אַ טאַנץ אין די גאַסן —
אַז שטאָט וועט צעפּלאַצן...

שניי

מיינע פענצטער — קליינע קאַנטיקע,
כ׳קוק אַרויס דורך זיי;
כ׳זע —
ס׳איז אָנגעפאַלן שניי,
ווייס און רו,
טוט מיר עפּעס וויי...

כ׳טראַכט —
ס׳מוז אַצינד אַ שיף אין גרויסן ים
שניידן דורך די וואַסערן אַ וועג,
און ווייט פון ביידע זייטן איז דער ברעג,
עלנט איז די שיף אין גרויסן ים,
און די מענטשן אויפן שיף —
די שיף אין מיטן ים איז קליין,
מוזן זיי נאָך קלענער זיין.

וויי!
אינמיטן ים אַליין,
ווער וועט זיך דערבאַרעמען אויף זיי
אַז קיינער איז נישטאָ,

ווער וועט זיך דערבאַרעמען אויף זיי
אַז גאַנצע וועלט איז שניי...

באַגינען

באַגינען, מיין קראַפט איז אויסגערוט,
בלייכע הימלען וועקן שטיל און צאַרט די וועלט;
גיי איך מיט מיין אַרבעט־כוח אין האַנט.
אין שטילע גאַסן שלאָגן הילכיק מיינע טריט
ס׳האָט מיין קראַפט זיך אויסגערוט,
מיט זאַפט פון ברויט געקרעפטיקט איז מיין בלוט;
און די מוסקלען — אָנגעשטרענגט מיט מוט.
עס רופט די אַרבעט מיך פון ווייט,
איך פיל עס אין מיין יעדן גליד;
און פעסטער הילכן מיינע טריט —
עס וועט נישט ליידיק שטיין דער טאָג,
ס׳וועט נישט פוסטעווען די לופט:
איך שפּאַן איינך אַלע איין אין יאָך,
כ׳נעם די ווינטן מיר צו הילף;
באַפעל די טייכן: טאָן וואָס מיר געפעלט!...
אין לופט וועט זיך טראָגן — האַמער־קלאַפּ,
ווינטן־רעש, וואַסער־רויש —
טראָגן זיך אין אַלע עקן וועלט.
ביזן אָוונט וועלן רוישן די מאַשינען,
ס׳וועט די נאַכט אַן אַנדערע די וועלט געפינען...

דערפאר בין איך לוסטיק

דערפאַר בין איך לוסטיק,
דערפאַר בין איך פריילעך
און טענצל זיך אונטער
פּאַמעלעך —
אַ וועלט וועט דאָך קיינמאָל נישט שטאַרבן,
אַ וועלט איז צעפינקלט אין טויזנטער פאַרבן:
מיט זון, מיט לבנה, מיט שטערן באַפינטלט,
און פעלדער באַבלימלט, אין גארבן צעבינטלט —

אָ, אַ, וועלט וועט נישט שטאַרבן!
דער שניטער איז מונטער,
וואָס מער געשניטן —
אַלץ פעסטער, געזונטער,
אַ וועלט וועט שוין האָבן צו עסן —
אַ וועלט וועט נישט שטאַרבן...
דערפאַר בין איך לוסטיק,
און טענצל זיך אונטער —
טאַ־טאַ־דע־ראַ־טאַ,
און טאַ־טאַ־דע־ראַ־טאַ...

ה. ראטשטיין
(לאָס־אַנזשעלעס)

שמעון ווייס און ישראל מאָרגנשטערן

(צוויי יונג־אומגעקומענע סאָקאָלאָווער שרייבער)

הגם סאָקאָלאָוו האָט קיין באַרימטע שרייבער נישט אַרויסגעגעבן, זענען דאָך אייניקע פון זיי צווישן ביידע וועלט־מלחמות באַקאַנט געווען אין דער יידישער ליטעראַטור, און די סאָקאָלאָווער יוגנט האָט זיך געגרויסט מיט זייער דערפאָלג: גד זאַקליקאָווסקי, אייזיק פלאַטנער, גרשן פּאָמעראַנץ און דער אומגעקומענער ברוך ווינאָגורא. פון מיינע קינדער יאָרן געדענק איך נאָך פלאַטנערן בעת ער האָט גערעדט אין אונדזער הויז אויף אַ גרינדונגס פאַרזאַמלונג פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, און ווינאָגוראַן — פון זיינע שמועסן אין שטוב ביי מיין פעטער יענקל קאַגאַן — אין יענער דירה פון צוויי קליינע שטיבלעך, ווו ס׳האָט זיך געפינען דער שניידער־וואַרשטאַט, זענען פאָרגעקומען די זיצונגען פון דער ייד. שול־אָרגאַניזאַציע און פון דראַמאַטישן קרייז. דאָרט האָבן זיך געטראָפן דער רוב געזעלשאַפטלעכע טוער, און ס׳זענען איינגעשטאַנען די וואָרשעווער רעפערענטן א. א.

איך געדענק מיט וויפיל פיעטעט מיר יונגוואַרג האָבן באַטראַכט אַ רעדאַקציע־לעגיטימאַציע, וואָס ווינאָגורא האָט אַמאָל געוויזן. מיר האָבן אויך געזען ביי אים אַ דעקלאַראַציע צום וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין, מיט די צוויי רעקאָמענדאַנטן: ד״ר י. שיפּער און י. ב. ציפּור (דער לעצטער געוואָרן ווינאָגורעס אַ שוואָגער).

מיט גרשון פּאָמעראַנץ האָב איך זיך אויך טאַקע באַקענט ביי מיין פעטער אין הויז. איך האָב נאָר וואָס געהאַט אָפּגעדרוקט אַ הומערעסקע אין אַ וואָכנבלאַט. ער האָט מיר, דעמאָלט אַ זעכצן־יאָריקן בחורל, אַרויסגעוויזן אַ סך פריינטשאַפט. שפּעטער ווען ער האָט זיך שוין געפינען אין קאַנאַדע, געדענק איך ווי מען פלעגט גייען צו זיין מאַמען (די באַקאַנטע העניע־ביילע — די בריות שרייבערין) לייענען זיינע אַרטיקלען אין דער איר צוגעשיקטער „פרייע אַרבעטער שטימע״ מיט אַן אייגענער רובריק א. נ. „טינט און פעדער״ אונטערגעשריבן: אַ. סאָקאָלאָווער.

גד זאַקליקאָווסקין האָב איך געזען דאָס ערשטע מאָל ווען ער איז געפאָרן פון אַרגענטינע קיין ארץ־ישראל, נאָענטער באַקענט מיט אים האָב איך זיך ערשט בעת מיין באַזוך אין ישראל, אין 1955.

ווען אָט די אַלע זענען שוין געווען אַוועק פון סאָקאָלאָוו, פלעגט מען זיך טיילן מיט די צייטונגען און זשורנאַלן מיט זייערס אַ „זאַך״. אפילו נישט קיין געבוירענעם סאָקאָלאָווער שרייבער האָט מען שוין געהאַלטן פאַר אַן

אייגענעם איז זיך מיט אים געגרויסט: משה זילבערשטיין, וועמענס עלטערן זענען געווען שותפים צו שאַפּראַנס מיל, האָט אין וואַרשע אַרויסגעגעבן דעם יוגנטלעכן ליטעראַטישן זשורנאַל „שפּראָצונגען" און שפּעטער, אונטערן נאָמען מ. ראָזענבערג — געווען דער גרינדער און רעדאַקטאָר פון מעקסיקאַנישן „דער וועג". דער העברעישער שריפטשטעלער און דענקער חיים משה מיזעלש, געוועזענער רעדאַקטאָר פון „הדואר" אין ניו־יאָרק, היינט רעדאַקטאָר פון פאַרלאַג „מסדה" אין ירושלים, און דער באַוווסטער שרייבער ב. עפּלבוים.

אין אַ בריוו וואָס מיר האָבן דערהאַלטן אין די דרייסיקער יאָרן פון איינעם אַ פּעטער פון רוסלאַנד, איז געווען ביינעלייגט אַן אויסשניט פון מינסקער „אָקטיאַבר" מיט אַ ליד פון פלאַטנערן. דאָס ליד איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און ווען דער וואַרשעווער וואָכנזשורנאַל „וועלט־שפּיגל" האָט אַדורכגעפירט אַ נאָוועלן קאָנקורס, האָט זיך צווישן די פּרעמירטע געפונען אַ דערציילונג פון גד זאַקלאַקאָווסקין. מיר האָבן אויך באַקומען אַ זשורנאַל פון קובאַ „האַוואַנער לעבן" מיט אַן אַרבעט פון א סאָקאָלאָווער (י. שפּאַנקע), ווען ווינאַגוראַ צוזאַמען מיט זיין פרוי, די קונסט־מאָלערין חנה קאָוואַלסקא הויבן אָן אַרויסצוגעבן אין פּאַריז דעם זשורנאַל: „פּאַריזער בלעטער" האַלטן מיר דאָס פאַר אונדזערס אָן אייגענעם זשורנאַל. אין אַ בריוו פון ה. מאַדאַנסקי פון שיקאַגאָ געפינען מיר אַ ציטונגס אויסשניט מיט אַ דערציילונג פון אסתר שפּאַנקע.

אין יאָר 1937 דערמאָנט גרשון פּאָמעראַנץ פון קאַנאַדע וועגן זיין טרעפן זיך בעת זיין דעמאָלטיקן באַזוך אין ניו־יאָרק מיטן דיכטער משה שטיינגאַרט (געוועזענער מיטבאַטייליקטער אין זשורנאַל „אינזיך" און שפּעטער — רעדאַקטאָר פון „ווייטער") איז טאַקע קיין וווּנדער אַז אין אַזאַ אַטמאָספער זענען סאָקאָלאָווער יוגנטלעכע געוואָרן אינספּירירט צו שרייבן.

אין די לעצטע יאָרן זענען מיר געווען זאַלבעפערט, וועמענס נעמען ס'פלעגן זיך אָפט באַווייזן אין דרוק: אליעזר רובינשטיק, שמעון ווייס, ישראל מאיר ווייסבערג, ישראל־יענקל מאָרגנשטערן און דער שרייבער פון די שורות. וועגן צוויי, וועלכע זענען אומגעקומען דורך די דייטשן, וויל איך דאָ באַיי זונדערס דערמאָנען.

* * *

שמעון ווייס, (ווייסבערג — געקירצט, מסתמא צוליב דער ענלעכקייט מיט ווייסנבערג) איטשל מילכיקערס אַן אייניקל, געלערנט אין חדר „מזרחי", ווו זיין פאָטער הערצקע איז געווען אַן אַקטיווער טוער, שפּעטער אַליין זיך אָנגעהויבן בילדן. אין שטוב זענען געווען עטלעכע קינדער, און ס'האָט געפייפט דער דלות. ער פאָרט אַוועק קיין וואַרשע, ווו ער האָט זיך פאַרנומען מיט פּריוואַט לעררעריי, אַ שטיקל צייט האָט ער געוווינט ביי אפרים קאַגאַנאָווסקין. אין די זומער פעריען און אויף יום־טובים, פלעגט ער אַהיימקומען קיין סאָקאָלאָוו, און דאַן פלעגן מיר צוזאַמען אַרומשפּאַצירן. כ'געדענק ווען כ'פלעג אין די זומער פאַרנאַכטן קומען צו אים אין הויז. די וווינונג פון דער

גאַנצער פֿאַמיליע איז באַשטאַנען פֿון איין קליין צימערל, ממש ד׳ על ד׳. אַז כ׳פֿלעג אַריינקומען, האָב איך אים געטראָפֿן ביי אַ קליין נאַפֿט־לעמפּל שרייבן. ער איז געווען דער יונגסטער אין אונדזער גרופּע און מיטאַמאָל זיך אַנגעהויבן דרוקן אין כמעט אַלע וואַרשעווער צייטונגען. אין „עקספּרעס" האָט זיך געדרוקט זיינע אַ גרעסערע נאָוועלע אין פֿאָרזעצונגען; מיטגעאַרבעט אין דער וואַרשעווער „פֿאָלקסצייטונג" און אין ריגאער זשורנאַל „יידישע בילדער".

וויס ווערט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער „ראַדאָמער שטימע" דאָרט דריקן זיך יעדן פֿרייטיק זיינע דערציילונגען אויך מיט סאָקאָלאָווער

פּערסאָנאַזשן. אין 1939 האָט ער זיך געגרייט אַרויסצוגעבן אַ בוך נאָוועלן ביי דער מיטהילף פֿון וואַרשעווער פּען־קלוב.

זייענדיק אין דער גרויסער שטאָט, האָט ער געבענקט קיין סאָקאָלאָוו. אין נאָוועמבער 1938, שרייבט ער מיר: „הגם איך בין אין וואַרשע, שטייט מיר כסדר פֿאַר די אויגן מיין שטעטל, פֿון די גרויס שטאָטישע נעפּלען לייכט סאָקאָלאָוו צו מיר ווי אַ ליכטיק שטיבל אין אַ פֿינצטערער נאַכט. די וויסט דאָך שוין: טאָמער נעם איך רעדן וועגן מיין שטעטל, ווער איך באַלד אַזוי ליריש ווי אין מיינע דערציילונגען.

האָרט פֿאַרן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך באַשעפֿטיקט אַלס פּריוואַט־לערער אין דער פּויזנער געגנט, דערנאָך, בעת דער מלחמה — אַריבער אויף דער רוסישער זייט אין ביאַליסטאָק, ווו ער האָט געוווינט אין שרייבער־הויז, דעמאָלט האָב איך געזען אין אַ ניו־יאָרקער צייטונג זיינס אַ דערציילונג, צוגעשיקט פֿון ביאַליסטאָק. ער איז אומגעקומען,

אָנהויב 1941 אין סלאָנים. עס איז אין אים פאַרלוירן געגאַנגען אַ טאַלאַנטפולער ייִדישער שרייבער.

ישראל יענקל מאָרגנשטערן, אַן אייניקל פונעם סאָקאָלאָווער רבין, (משה'ס זון), כ'קאָן זיך נישט דערמאָנען ווי עס איז פאָרגעקומען אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפט: ער — דעם רבינס אייניקל, אין דער אַלטער טראַדיציאָנעלער קליידונג, און איך — באַקאַנט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אָבער די געמיינזאַמע פאַראינטערעסירונג אין ליטעראַרישע ענינים האָט אונדז

צוזאַמענגעבראַכט. ער האָט מיטגעאַרבעט מיט זיין פאָטער אין דער ישיבה און — אין דער זעלבער צייט געלייענט די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור, ווי אויך — פּויליש. ער האָט אָנגעהויבן דרוקן לידער אין די „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, וואָס איז דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן ווי דער ליטעראַרישער קדשי־קדשים. אויך אין „שעדלעצער וואָכנבלאַט" געדענק איך זיינס אַ ליד. ער האָט אָבער מער געהאַט אין מאַנוסקריפּט. מיר פלעגן אָפט אין די אָוונטן שפּאַצירן צוזאַמען, אין זיינע שמועסן האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות אין דער מאָדערנער ליטעראַטור. איינמאָל, אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק צונאַכטס, זענען מיר ביידע אַזוי אַרומגעגאַנגען גאָר שפּעט, ביז מיר האָבן דערזען זיין דערשראָקענע מוטער אַרומזוכן אים.

אין זיין קליינעם פּריוואַטן אַרכיוול האָט זיך אויך געפונען אַ געדריקט העפטל אין העברעיש — אַ זאַמלונג פון זיין זיידנס, דעם סאָקאָלאָווער רבינס, רעדעס — געהאַלטן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אויף צוזאַמענפאָרן.

ער איז פאַרבליבן אין סאָקאָלאָוו, איך האָב נאָך דערהאַלטן פון אים

פון דער גרוויליקע צייט (1940) אײן בריוו אין דער פּוילישער שפּראַך (מסתמא איז דעמאָלט אַנדערש נישט געווען מעגלעך).

דער אונטן איבערזעצטער בריוו איז צו מיר דערגאַנגען דורך ליטא, ווו עס האָט זיך דעמאָלט געפינען זיין ברודער מענדל (היינט אין ישראל).

דער צאַרטער יונגער דיכטער איז געפאַלן אַ קרבן פון די דייטשן.

זאָלן די שורות זיין אַ מצבה אויף די אומבאַקאַנטע קברים פון די צוויי יונגע מיטגלידער פון דער סאָקאָלאָווער שרייבער משפּחה — די לעצטע אויף דער סאָקאָלאָווער ערד.

✶

ישראל יענקל מאָרגענשטערנס לעצטער בריוו פון נאַצישן גיהנום:

סאָקאָלאָוו, דעם, 4.4.1940

„ליבער פריינט ראַטשטיין!

צוליב מניעות, וועלכע זענען דיר מסתמא קלאָר, האָב איך דיר נישט געענטפערט אויף דיין פּאָסט־קאַרטל מיט אַכט חדשים צוריק. יעצט וועלן מיר קאָנען ממשיך זיין אונדזער קאָרעספּאָנדענץ.

קודם בין איך דיר מודיע, אַז איך, צוזאַמען מיט מיין משפּחה זענען געזונט.

מיין ברודער מענדל איז היינט פאַרוואָגלט אין ווילנע. ער איז היימלאָז און נויטיקט זיך אין הברישע הילף, און איך בעט דיך האַרציק, דו זאָלסט אים, לויט מעגלעכקייט, העלפן אין זיין שווערן מצב. מענדל וויל פאָרן צו זיין קוזין דוד פּערלאָוו. לכן בעט איך דיך, מיט אַלע כוחות אים צו העלפן דאָרט אַהין צו קומען.

איך בעט דיך, נאָכן באַקומען דעם בריוו, זיך תיכף צו פאַרשטענדיקן טעלעפאָניש מיטן קוזין דוד. גלייכצייטיק בעט איך דיך זייער, זיך אויך צו פאַרשטענדיקן מיט די סאָקאָלאָווער לאַנדסלייט, וואָס העלפן אין אַזעלכע ענינים, כדי אים, ווי ווייט מעגלעך, צו געבן מאַטעריעלע הילף א. א. כ'האָף אַז ביי אַ געלעגנהייט וועל איך עס דיר קאָנען אָפּדינען.

וואָס הערט זיך ביי דיר? איך בין באַשעפטיקט אין קוך פאַר אומבאַמיטלטע אין סאָקאָלאָוו, וואָס גיט אַרויס קרוב 1500 מיטיקן טעגלעך — און ס'איז אַ שווערע אַרבעט.

כ'האָף אַז דו וועסט דיך באַמיען צום בעסטן צו דערלידיקן דעם ענין וועגן מיין ברודער, פאַרוואָס איך דאַנק דיר זייער.

אליעזר איז אין דראָהאָטשין; אויך דיינע עלטערן געפינען זיך דאָרט

דיין פריינט וואָס גריסט דיך האַרציק —

(—) ישראל יענקל מאָרגענשטערן.“

צווי מענטשן וואָס האָבן זיך אָפּגעגאַרט

(דערציילונג)

אומגעדולדיק, נערוועז און הונגעריק, האָט שלום וואַסערמאַן געוואַרט אויף דעם מייסטערס אָנקומען. ר׳איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס, געדרייט זיך אויף אַלע זייטן, יעדע רגע געכאַפּט אַ בליק צו דער טיר, אפשר וועט זי זיך אויפמאַכן? זיך געהערט איז געוועזן אָנגעשטרענגט, וואָך ווי אַ קאַץ, וואָס לויערט אויף אַ מויז. יעדעס מאָל, ווען ס׳האָט זיך דערטראָגן צו זיינע אויערן דער אָפּהילך פון טריט אין קאָרידאָר, האָט זיין האַרץ אַ צאַפּל געטון:

— אָט גייט ער...

אויסער דעם מעשענעם, גלאַנציקן הענטל, האָט ער גאָרנישט געזען. רגעסווייז בלויז האָבן צו אים, ווי דורך אַ נעפּל, קוים אַרויסגעבליקט די פאַרשידענע אַרבעטס־כלים מיט דעם לאַנגען צושניידער־טיש. ס׳האָט זיך אים נישט געגלויבט, אַז מיט דעם האַמער, וואָס ליגט אויפן פענצטער, מיט דער גרויסער שער אין האַנט, איז ער גאַנצע צוועלף שעה אין טאָג געשטאַנען דאָ ביים טיש און אויפגעשטעלט די וואַליזקעס. פרעמדלעך האָט אים אויך אויסגעזען שרה, דעם מייסטערס פרוי, מיט די געפּעלדלטע ליפּן, וואָס איז געזעסן אַ צעשמייכלטע ביים אויוון פון דער גרויסער ליכטיקער שטוב מיט דעם קינד אויף דער שויס. ר׳האָט געקלערט נאָך צוצוואַרטן אויף דעם מייסטער, אָפּנעמען ביי אים דעם חוב פון פינף גילדן וואָס קומט אים נאָך פון דעם פאַרגאַנגענעם חודש, און אַראָפּ קויפן אַ ברויט, אַ גאַנצן לאַבן ברויט.

מיטאַמאָל האָט זיך אויפגעמאַכט די טיר. ס׳איז אַריין איזאַק דער מייסטער. שלום האָט זיך אויפגעריסן פון אָרט, אָנגעשטעלט די בליקן אויף דעם פעטן, אָנגעשטאָפּטן מענטש מיט די פיין־פאַרקעמטע בלאָנדע וואָנסעס — און געשוויגן. ר׳האָט נישט געקאָנט רעדן. נאָר איזאַק האָט זיך נעבן אים נישט אָפּגעשטעלט. ער איז אַריין אין דעם גרויסן צימער, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס פוטער, צוגעגאַנגען צום ווייב און זייטיק אַ בורטשע געטון צו דעם געוועזענעם געזעלן:

— אומזיסט אייער וואַרטן. כ׳האָב סיי ווי נישט באַקומען. קומט אַרויף מאָרגן, אפשר וועל איך האָבן — און ער האָט פריילעך אַ סמאַטשקע געטון צום קינד.

שלום האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— אפשר האָט איר — כאָטש עפּעס?...

— ווען איך זאָל האָבן — האָט זיך איזאַק צעשמייכלט און אָנגעטאַפּט דעם וואַרימען אויוון — וואָלט איך דאָך געווען אַ גביר...

שלום האָט קוים געשלעפּט זיינע פיס. ר׳האָט אַריינגעאָטעמט אין זיך די פרישע פּראַסטיקע לופט און אויף אַ רגע צוריק דערפילט די גלידער. ער איז אַ ווייל שטיין געבליבן ביים ראָג פון דער גאַס, זיך איינגעהערט אין קרעכצן פון אַדורכפאָרנדיקע טראַמווייען, נאָכגעשיקט זיין שטאַרקן בליק די פאַר־ביילויפנדיקע מענטשן און זיך געוווּנדערט, וואָס די גאַס האָט זיך מיט גאָר־נישט געענדערט... ר׳האָט גענומען גיין, איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועגס און שטיין געבליבן: „ווי גייט מען זיך שאַפן געלט״? ער האָט זיך געפּרוּווט דער־מאָנען אַ פריינט, אַ באַקאַנטן, ביי וועמען ער זאָל קאָנען באָרגן עטלעכע גראָשן און — נישט געקאָנט. ער האָט גאָרנישט נישט געדענקט. איינער אַליין האָט ער זיך דערזען, אויף אַ פרעמדער גאַס...

אַזוי שטייענדיק, איז אים איינגעפאַלן אַ קוק צו טון אין דעם געלט־בייטעלע. ער האָט זיך אָבער גלייך דערמאָנט, אַז דאָס האָט ער שוין נישט איינמאָל געטון, און דאָרט גאָרנישט געפונען. נאָך מיט אַ טאָג צוריק, האָט זיך עס איינגאַנצן אויסגעליידיקט. דאָך — האָט זיך אים געשטאַרקט דער באַגער נאָכ־אַמאָל אַ קוק צו טון אין דעם לעדערנעם טעשל, נישט מער ווי אַ קוק טון און נאָכדעם עס צוריק אַריינלייגן אין קעשענע. שלום איז געווען זיכער, אַז ס׳איז דאָרט גאָרנישט פאַרבליבן, נישט ווילנדיק, האָט ער דאָס טעשל אַרויס־גענומען. ס׳איז געווען אַ האַלב־רונדיקס, געמאַכט פון ברוינעם לעדער. פאַר־מעלעך האָט ער עס אויפגעמאַכט, אַ שאָקל געטון און... ס׳איז אַרויסגעפאַלן אַ גילדן, אָבער וואָסער? אַ פאַלשער. דאָס איז געווען אַ בלייענער, טונקעלער גילדן, וואָס ער האָט באַקומען אַ רעשט פון אַ צווייער זלאָטע ביים קויפן פיר בייגל ביי אַ גאַסן הענדלער. ער האָט זיך בעת־מעשה גלייך געכאַפּט, אַז דער הענדלער גיט אים אַ פאַלשן, אנשטאָט אַ גוטן, און ער האָט אים גלייך געוואָלט צוריקגעבן, נאָר אַ קוק טוענדיק אויף דעם אָרימען בייגל־הענדלער, אויף זיין געל געקרונצלט געזיכט, אויף זיינע גרויסע אויסגעלאָשענע אויגן, וואָס האָבן הונגעריק געקוקט אויף אים, גלייך זיי וואָלטן אים שטום געבעטן, אַז ער זאָל דעם גילדן צונעמען, ווייל קיין צווייטן האָט ער נישט — האָט ער איב צוגענומען און אַריינגעוואָרפן אין טאַש און מיט די פיר בייגל אין האַנט אַוועק צו זיך אַהיים. באַלד נאָכדעם, האָט ער וועגן דער „געשיכטע״ פאַרגעסן. פאַר זיינע אויגן איז נאָר כסדר געשטאַנען דאָס געשטאַלט פון דעם בייגל־הענדלער.

איצט ווען ער איז געשטאַנען אויף דער גאַס אַ הונגעריקער מיט דעם פאַלשן גילדן אין האַנט, האָט ער זיך ווידער דערמאָנט די געשיכטע פון דעם פאַלשן גילדן.

— אַט ווען איך זאָל טרעפן יענעם בייגל־הענדלער — האָט שלום אַ טראַכט געטון — וואָלט איך אים דעם גילדן צוריק אַריינגעפּאַקט.

אַ טרויעריקער האָט זיך וואַסערמאַן אַרומגעקוקט. ער האָט געזען שטיין עטלעכע יונגע בייגל־הענדלער, וואָס האָבן הויך אויפן קול אויסגערופן זייער סחורה:

— „וואַרימע, הייסע בייגל... פּיאַר אַ צענער, דראַ אַ צענער... וואַרימע, וואַרימע בייגל...“

שלום האָט זיך צו זיי גוט צוגעקוקט. קיינער פון זיי איז אָבער נישט געווען ענלעך צו דעם, וועמען ר׳האָט געזוכט. ער האָט שוין גענומען אַוועקגיין ווייטער, ווי ס׳איז אין זיין מוח דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז ער זאָל דעם גילדן גוט אויספּוצן מיט אַ טיכעלע, כדי ער זאָל גלאַנצן פּונקט ווי אַן אמתדיקער און דערנאָך פּרובירן אַוועקגעבן עמעצן פון די הענדלער. אפשר וועט זיך יענער נישט כאַפּן?

שלום האָט זיך פאַרשעמט פאַר דעם בלויזן געדאַנק, אָבער אַ פאַרבאָרגענער ווילן האָט אים געטריבן צום אָרט, וווּ עס זענען געשטאַנען די בייגל־הענדלער. כמעט אַלע זענען געווען יונגע מיט צעקנייטשטע, בלייכע פּנימער. מיט אויפגעריסענע מיילער און האָבן אויסגעזען צו זיין זייער בייזע. שלום האָט זיך געשראָקן, זיי צו געבן דעם גילדן, אַזאַ איינער וועט זיך גלייך כאַפּן און דערפאַר נאָך אָנברעכן די ביינער. איז ער אַזוי געבליבן שטיין, געבן די הענדלער מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ און נאָר שטום געקוקט אויף זיי.

— אפשר ווילט איר בייגל, נעמט — האָט אים אונטערגעטראָגן ס׳קוישל אַ יינגל מיט אַ געל פאַרמעליקט געזיכט. וואַסערמאַן האָט אים שוין געוואָלט דערלאַנגען דעם גילדן. נאָר אין דער זעלבער רגע האָט אויף אים ס׳יינגל עפּעס פאַרשנדיק אַ קוק געטון און שלומען האָט זיך געדוכט, אַז דאָס יינגל ווייסט שוין, אַז ער וויל אים געבן פאַלש געלט... אַ פאַרשעמטער איז שלום אַוועקגעגאַנגען. ער האָט געהאַט דאָס געפיל פון אַ גנב, וועלכן מען האָט געכאַפּט ביי דער האַנט.

וואַסערמאַן האָט מורא געהאַט צו קוקן מענטשן אין די אויגן אַריין. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ פאַרביטערטער אויף זיין אייגענער שוואַכקייט, שטיל אָפּגעזיפצט, און גענומען אַוועקגיין פון דעם אָרט מיט דער פעסטער דעה — מער נישט צו פּרוּוון קיין מזל. ער האָט געקלערט אַרויפצוגיין אויף דער „סטאַנציע“, זיך אַוועקלייגן אויף דעם בעטל און זאָל זיין, וואָס עס וויל זיך... ער האָט זיך געשטאַרקט, אַריינגעאָטעמט אין זיך פרישע לופט און געשטעלט אייליקע טריט...

שלום איז אַריין אין אַ שטיל געסל די גאַז־לאַמטערן האָבן געלויכטן און פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ שיינע ליכט. אין טייל ערטער איז געווען גאַנץ פינצטערלעך. ביי אַן אויסגעלאָשענעם לאַמטערן איז געשטאַנען אַן עלטערער בייגל־הענדלער. ער האָט נאָך געהאַט אַ פול קוישל. אין וואַסערמאַנס מוח איז

גלייך אויפגעשווימען אַ געדאַנק, אַז ער זאָל צו איִם צוגיין... ער וועט זיכער נישט באַמערקן. שלום האָט זיך ווידער דערפילט שוואַך. נאָר דער געדאַנק איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן שטאַרקער, מער האָט ער שוין נישט געקאָנט הערשן איבער זיך. ער האָט געשטעלט איין טריט, צוויי, ר׳איז שוין געשטאַנען גאָר נאָענט נעבן דעם הענדלער. שלום האָט געזען, ווי אַ האַנט, אַ צעאַקערטע, האָט זיך צו אים אויסגעשטרעקט, גענומען דעם גילדן פון זיין האַנט און אנשטאט אַריינצוואַרפן גלייך אין קעשענע, האָט ער אים צוגעטראָגן צו די אויגן, עטלעכע מאָל באַקוקט, געדרייט אים אויף אַלע זייטן, באַטאַפּט זיינע קאַנטן און קיין רעשט נישט געגעבן. פאַרוואָס? ער האָט זיך מן הסתם געכאַפּט, אַז דער גילדן איז אַ פאַלשער.

שלום איז געבליבן שטיין און זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. זיין הארץ האָט גיך געקלאַפּט. פאַר די אויגן האָבן זיך פונקען געצונדן. נאָר דער הענדלער האָט זיך נישט געאיילט. אים איז, ווייזט אויס, שלומס שרעק נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר לאַנג מיט אַ גרימאַסע אויף זיין געל גערונצלט געזיכט, שטום געקוקט אויף אים. שלומס דערשראָקענע בליקן האָבן זיך נישט ווילנדיק אָנגעטראָפן מיט די אויגן פון הענדלער. שלום איז געווען זיכער, אַז אַ ליאַדע רגע וועט זיך אויף זיין שאַרבן אַראָפּלאָזן אַ שווערע האַנט; אָדער — די ערד אַליין וועט אַ גרויס מויל אויפמאַכן און אים איינשלינגען אַ לעבעדיקן. ס׳איז אַדורך אַ מינוט. דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן אים, האָט אַ זיפץ געטון, אַריינגעוואָרפן דעם גילדן אין קעשענע און דערלאַנגענדיק שלומען פיר גרויסע בייגל מיט אַכציק גראָשן אַ רעשט — שטיל אַ זאָג געטון:

— נעמט!

שלום האָט צוגענומען און לייכטער אָפּגעאָטעמט.

— הייסט עס — האָט ער אַ טראַכט געטון — אַז ער האָט זיך נישט געכאַפּט...

אויף גיך האָט ער זיך אַוועקגעדרייט פון דעם הענדלער, מורא געהאַט אַ קוק צו טון הינטער זיך. ער האָט געדענקט נאָר וועגן איינס: אַז ער דאַרף זיין וואָס ווייטער פון דער לאַמטער.

האָט זיך עס אים געדוכט? ניין! דייטלעך און קלאָר האָט שלום דערהערט ווי עמיצער לויפט אים נאָך.

איז עס געווען דער בייגל־הענדלער? צו זיין אומגליק — יאָ. ער האָט דערהערט דעם אָפּקלאַנג פון זיינע אייליקע טריט. ס׳האָט שוין איצט נישט געקאָנט זיין קיין רייד פון אַנטלויפן. שלום איז נישט ווילנדיק שטיין געבליבן. אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, איז ער גרייט געווען אויף אַלעם.

דער הענדלער איז אָנגעקומען, אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל און געפרעגט:

— איר דערקענט מיך? שרעקט אייך נישט... קוקט מיך אָן...

שלום האָט אויפגעריסן זיינע בליקן, זיך אָנגעטראָפן מיט דעם הענדלערס גרויע, אויסגעלאָשענע אויגן, דערזען זיין געל געראונצלט געזיכט מיט די צוויי טיפע קנייטשן אויף זיין שטערן, און ער האָט אים דערקענט: דאָס איז געווען דערזעלבער הענדלער, וואָס האָט אים מיט אַ וואָך צוריק געגעבן דעם פאַלשן גילדן... יאָ, ר׳האָט אים דערקענט. דאָס איז געווען דערזעלבער...

איך... דערקען אייך... האָט שלום קוים אַרויסגעשטאַמלט און יענעם נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַריין.

— איך אָבער, האָב אייך באַלד דערקענט! — האָט דער הענדלער געזאָגט מיט אַ קוים מערבאַר שמייכעלע — אָבער נישט צוליב דעם האָב איך אייך צוריקגערופן... כ׳האָב אייך נאָר געוואָלט ווייזן, געוואָלט זאָגן, אַז איינער דעם אַנדערן האָבן מיר זיך אָפּגענאַרט... אַזוי נישט ווילנדיק... מיאוס אָפּגענאַרט זיך. צוליב וואָס? איר זענט הונגעריק, יאָ? שעמט זיך נישט. זאָגט... דעמאָלט זענען געווען הונגעריק מיינע קינדער. אָט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן... נישט ווילנדיק האָבן מיר זיך אָפּגענאַרט... נאָט אייך נאָך צוויי בייגל נעמט, איך האָב נאָך אַ גאַנץ קיישל — און ער איז צוריק אַוועק צו דער אויסגעלאָשענער לאָמטער.

שלום האָט אים נאָכגעקוקט, לייכטער, אַ סך לייכטער אָפּגעזיפצט, געריסן שטיקער פון די זעקס בייגל און געפילט, אַז אַ גרויסע שאַנד האָט אַ גוטע האַנט פון אים אַראָפּגענומען...

(„פאָלקס־צייטונג — וואַרשע).

לידער

סוף־זומער

אַז דיביימער האָבן אויך פאַרלוירן זייער פרייז
און ווי אַ ווינדעלע צעציטערט זיך אין ווינט,
האָב איך פאַרלוירן אויך מיין צייט,
איך בין געוואָרן ווי אַ קינד,
וואָס איז בלינד,
אָן אַ מוטער אויפן ווינט.

און אַז די ביימער און די גראָזן האָבן זיך צעוויינט,
האָב איך אויך געוויינט,
און אויך איצט געפין איך אַזש בוים׳ס געשריי
און סע טוט מיר וויי.

תמוז־אָוונט

ווי ווייסע אָדלער־פליגלען שוועבט דער הימל בלוי,
עס זענען אָנגעזאַפּט די גראָזן פול מיט טוי,
לייכטער שוועבט זיך, לייכטער כ׳האַלט ס׳עס קאָפּ,
ווייטער בליקט זיך, כ׳אָטעם גרינגער אָפּ.

ווייסע וואָלקנדלעך צעגייען זיך אַליין,
די הויכע יעשענס ווערט זיסער אויף דער וועלט צו זיין,
וועגלעך זאַמדיקע פאַרגעסן ליגן שטיל,
און מיט נחת־רוח רוישט פון ווו אַ מיל...

ס׳שלאָפן פייגל פריילעך אין די נעסטן איין,
ווייבער אַלטע זיפצן שטילער אָפּ,
דער טאָל ווערט טיפער, טיפט תהום אַראָפּ,
און אַ צופרידענער איך לייג ערגעץ מיין קאָפּ.

כ׳וועל מוזן ווערן שטיין

פּוסטע גאַסן גיי איך אויס און זוך,
קוק אין אויגן, אין שויפֿענצטער אַריין,
קוק און זיך און פֿאָרש ביי מענטשן אויס, —
ביי איך קליין?
בין איך גרויס?

עס ענטפֿערט קיינער מיר נישט; לאָזט מיך גיין
אַליין, אַליין,
און טיף אין מיר, אין שטומקייט מיינער כ׳פֿיל •
כ׳וועל מוזן ווערן דאָך אַ שטיין,
וואָס ליגט אין גאַסן־ראָג און שוויגט,

און הערט אַלץ אויס
און קאָן פֿאַרטראָגן מיטן שטיינער־האַרץ
אַלץ אַרום, דעם רויש,
דעם פּלויש,
און זאָגט אַליין צו זיך: „איך בין גרויט"
און שרעקט זיך נישט צו זיין אַליין.

יאָ, כ׳וועל מוזן ווערן שטיין —
כ׳וועל מוזן ווערן שטיין!...

(„ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 1937)

שמחה פאליאקעוויטש
(תל־אביב)

גד זאקליקאווסקי ז״ל

אין 1960 איז פלוצעם געשטאָרבן דער שרייבער גד זאקליקאווסקי. זיין טויט האָט אים אוועקגעריסן אין מיטן זיין אַקטיווער ארבעט ביים אַרויסגעבן דעם יזכור־בוך, די מצבה נאָך דעם חרוב געוואָרענעם שטעטל.

גד זאקליקאווסקי איז פון זיינע פריסטע יאָרן דערצויגן געוואָרן אין הטידים־לומדישע קרייזן אין שטעטל. שוין אויף דער ישיבה־באנק האָט ער זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיטן ציוניסטישן געדאַנק. זיין גייסטיקע וואַכזאַמקייט צום דאָזיקן געדאַנק איז געוואָרן זיין נאַטירלעקע אַטמאָספער, און ער איז איבערגעגאַנגען צו ממשותדיקער, קאָנסטרוקטיווער ארבעט אַלס העברעישער לערער און פרעדיקער פון דעם אידעאַל. די ערשטע פון זיינע אָנהענגער זענען געווען זיינע ישיבה־חברים. ער האָט געהערט צו דעם עלטערן דור טוער און לערער.

זיין אינטערעס צו געזעלשאַפטליכער ארבעט איז נישט געווען קיין צופעליקער — נאָר דער אויסדרוק פון זיין באַגער צו עפּעס העכערס, בעיקר דערהויבן דעם יידישן פאָלקס־מענטש. צוליב זיינע פרייע געדאַנקען איז זאקלי־קאווסקי געקומען אין קאָנפליקט מיט די שטאָט בעלי־בתים, האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, זיך באַזעצט אין קאַסאָוו און דאָרט געלעבט אַ קורצע צייט אַלס העב־רעישער לערער.

ווי אַ טרעגער פון פרייען געדאַנק אין יענער צייט, האָט ער געמוזט טרינקען דעם ביטערן כוס פון וואַגלען און וואַנדערן. א באַלאַדענער מיט אַ קולטור באַגאַזש, וואַנדערט ער איבער פויליש־ליטווישע שטעט און שטעטלעך, זוכט אַ קיום פאַר זיך און זיין משפחה. ער ווערט אָבער נישט באַהערשט פון יאוש, ער ווערט נישט איינגעבראָכן, פאַרקערט, ער איז גייסטיק שטאַרקער געוואָרן,

זיך געפעסטיקט נאָך זיכערער אין זיין ציוניסטישן געדאַנק און אומעטום, ווו ער האָט געלערנט, האָט ער פאַרזייט די קערנער פון חלוצישן גייסט, אָנגעשטעקט זיינע תלמידים מיט זיין גלענצענדער אמונה אין יידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

גד זאַקליקאָווסקי אין דער יוגנט

אין זיין ווייטערדיק לעבן, איז זאַקליקאָווסקי נישט אָוועק פון זיין סביבה, פון וואַנען ער איז אויסגעוואַקסן און זיך דערצויגן, און געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף איר גייסטיקער אַנטוויקלונג. זיינע פון צייט צו צייט געדרוקטע דערציילונגען און זכרונות פון שטעטעלדיקן לעבן זענען דורכגעדרינגען מיט ראָמאַנטיק פון לעבן, פון די ישיבה־בחורים, חסידים, מתנגדים און אנדערע יידישע פאָלקס־טיפּן, וועמענס אנדענק ער האָט זיין גאַנץ לעבן מיט ליבשאַפט און כבוד אויפגעהיטן און וועגן דעם ליב געהאַט צו דערציילן.

אין יאָר 1931 פאַרלאָזט זאַקליקאָווסקי פּוילן, וואַנדערט איבער דרום־אמעריקאַנישע לענדער, אָבער זיין מקום מנוחה האָט ער געפונען אין לאַנד פון זיינע וויזיעס, אין לאַנד פון יידישן אויסלייז אין ארץ־ישראל, ווו ער קומט צום צווייטן מאָל אין יאָר 1938.

גד זאַקליקאָווסקי האָט געפירט אַ שטיל באַשיידן לעבן אין ישראל. די לעצטע יאָרן אַלס בעאַמטער אין דער סוכנות. אין די פרייע צייט איז ער געזעסן איבער ספרים, געלייענט און געלערנט, געשריבן און איבערגעשריבן ביי אַ טיש מיט צייטונגען, ביכער און בערגלעך אָנגעוואָרפענע נאָטיצן.

אַ פעסט געבויטער, מיט אַ זיכערן טראַט אין זיין גאנג, איז אויך פעסט געווען זיין כאראקטער ביים דורכפירן זיינע לעבנס־אויפגאבן ווי אַ שרייבער און געזעלשאַפטליכער טוער, הגם ער איז נישט געווען פריי פון אילוזיעס.

די ביאָגראַפישע נאָטיצן וואָס ליגן פאַרצייכנט פון זיין פּאַריתומסטער פרוי און טרייע לעבענסבאַגלייטערין, ווי אויך באַ זיין טאָכטער, ווייזן דעם שווערן לעבנס־וועג פון זיין פריסטער יוגנט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. אָבער זאקליקאווסקי איז, נישט געקוקט אויף זיין האַרץ־קראַנקהייט, פון דער נאַטור געווען אַ פריילעכער, מיט אַ שמייכל אויפן פּנים פלעגט ער אויפנעמען אַלע שווערסטע מאָמענטן אין לעבן. מיט אים איז געווען פריילעך, מיט זיין וויץ און הומאָר האָט ער געקאָנט צעטרייבן די שווערסטע שטימונג.

שוין איבער די 70,, איז נאָך גד זאקליקאווסקי געווען אַריינגעטאָן אין שפּעריש׳ן לעבן מיטן פולן אימפּעט, מיט אַלע זיינע אברים, זיין ווילן איז געווען וואָס מער צו שרייבן, ער האָט זיך מיט דער פעדער נישט געשיידט, אפילו דאַן ווען מ׳האָט אים, אַ קראַנקן, גענומען אין ביילינסאָן שפּיטאָל, אָבער דאָס מאָל האָט זיין אָפּגעשוואַכט האַרץ מער נישט אויסגעהאַלטן.

זיין פּלוצלינגער טויט האָט אַוועקגענומען פון די סאָקאָלאָווער לאַנדסלייט איינעם פון די געציילטע איבערגעבליבענע פון עלטערן דור וועלכער האָט מיט כבוד און ווירדע פאַרקערפּערט אין זיך דאָס אַמאָליק לעבן פון חרוב־געוואָרן שטעטל.

כבוד זיין אָנדענק.

ר׳ יעקב פרידלוב ז״ל

ר׳ יאַנקל רחל־הינדעס איז געווען אַ בוי־מייסטער, אַ קינסטלער אין זיין פאַך, און אין שטעטל געלעבט אין זיין סביבה ווי אַ חסידישער ייד. א גאַנצן טאָג פלעגט ר׳ יאַנקל איינזאַפּן אין זיך די ריחות פון פריש געשניטן האָלץ, שטייענדיק אָן איינגעבויגענער איבער די לאַנגע קלעצער מיט זיין שאַרפן, ברייטן העקל, און דערביי זיך צוזינגען אַ חסידישן ניגון, און זיין לאַנגע שפּיציקע באָרד האָט זיך ריטמיש צוגעשאָקלט צו יעדן האַק אין האָלץ אַריין. נאָך דעם שווערן אַרבעטס־טאָג פלעגט ר׳ יאַנקל אָפּשאַרן פון זיך דעם שטויב און גיין אין בית־המדרש לערנען א פרק משניות.

אַזוי געדענק איך פון מיינע יינגלישע יאָרן ר׳ יאַנקל רחל־הינדעס.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך בין קיין סאָקאָלאָוו געקומען אַלס פּליט, האָב איך ר׳ יאַנקלען שוין געטראָפן אַ זקן, אויף וועמען איך האָב דערקענט די מיט טרויער אָנגעלאָדענע טעג.

ווען דאָס געטאָ האָט זיך געצאַפּלט אין איבערמענטשליכע יסורים פון די עפּידעמיעס, קעלט, הונגער און עלנט, האָט ר׳ יאַנקל זיך נאָך אָנגעהאַלטן אין לעבן מיט אַ געצוימטער שטילקייט אין רו — מיט בטחון אין גאָט וואָס האָט אים

געגעבן כּח און מוט צו פֿאַרשאַפֿן פֿאַר זיך די גרויסע מצווה פֿון מסירת־נפֿש און גרייטקייט צו העלפֿן יידן ווען איבערן געטאָ איז שוין געהאַנגען אין דער לופֿט דעם גזר־דין פֿון טויט און אומקום.

אין יענע טעג פֿון פֿולשטענדיקע האָפֿנונגסלאָזיקייט, ווען יידן אין געטאָ האָבן אָנגעהויבן מאַכן באַהעלטענישן האָט ר׳ יאַנקל רחל־הינדעס גענומען אויף זיך ווי אַ הייליקע אויפֿגאַבע צו העלפֿן די פֿאַרצווייפֿלטע יידן אין דער דאָזיקער אַרבעט.

איך מיט מיין משפּחה, און נאָך אייניגע פּליטים האָבן דאַן געוווינט ביי פּסח שולץ אויף ראגאָווסקע 24. דאָרט האָב איך ר׳ יאַנקלען געזעען אַלס באַהעלטעניש־מאַכער. יענע נאַכט, ווי אַלע מיינע געטאָ איבערלעבונגען, איז געבליבן טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון.

אין פּסח׳ס חדר האָט געהערשט אַ טיפֿע נאַכט־שטילקייט. זיין ווייב און קינד זענען געווען פֿאַרזינקען אין שלאָף. דער ווינט האָט מיט גערויש יעדע ווייַלע אַ טרייסל געטון דעם לאָדן.

פּסח, שלמה און בינעם זענען געזעסן אַרום דעם אַראָפּגעדרייטן נאַפֿט־לאָמפּ ביים טיש, איינגעטוליעט די קעפּ אין די אויפֿגעשטעלטע קעלנער.

בונעם, אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף דער האַנט, האָט ווי פֿון שלאָף־אַרויס גערעדט:

— די נאַכט פֿאַרגייט און מ׳זעט נישט און מ׳הערט אים נישט.

— אָן אים איז אויס באַהעלטעניש — האָט שלמה געענטפֿערט. פּסח, מיט דער שטייפֿער האַנט איבערן גלעזל פֿון לאָמפּ, האָט אַ זאָג געטון:

— זייט זיכער! אויב ער האָט מיר צוגעזאָגט צו קומען היינט ביינאַכט, איז זיין וואָרט פּונקט ווי געשווירן.

— נייַן, אַזוי שפּעט ביינאַכט אין געטאָ הייסט איינשטעלן דאָס לעבן.

פּסח האָט, אַרויסציענדיק דעם קאָפּ פֿון צווישן די אַקסלען, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט ווי אויף צופֿאַרטרייבן בינמס ספֿקות:

— גראָד אין אַזאַ צייט, קויפֿט זיך דער זקן די גאַנצע וועלט מצוות. גאַנצע נעכט איז ער וואַך. וואַנדערט אַרום ווי אַ שאָטן, שאַרנדיק זיך ביי די ווענט פֿון הויז צו הויז, אויף בוידעמס און קעלערס. ווו נאָר אַ באַהעלטעניש, מוז ער צוליייגן זיינע אַלטע סטאָלאַרסקע הענט. איך האָב געהערט אויפֿן אויער דער־ציילן — האָט פּסח אַ זאָג געטון סודות־פֿול — אַז זיינע געהיימע טירלעך האָבן אַזעלכע געקינצלטע איינפֿאַלן, אַז ווען די מחבלים וועלן זיך שטעלן אויף די קעפּ, וועלן זיי נישט דערקענען דאָס באַהעלטעניש. און ווי מ׳דערציילט, וויל ער גאָרנישט נעמען קיין געלט פֿאַר אַזאַ אַרבעט, אָט דאָס הייסט איינקויפֿן עולם־הבא אויף דער עלטער.

שלמה האָט זיך צוגעבויגן צו פּסחן:

— ווער מען טאַקע זען, וואָס פֿאַר אַ געהיימען אַריינגאַנג ער וועט דאָס אויסקלערן צו אונדזער באַהעלטעניש. וויפֿל איך האָב שוין געפּלאַנעוועט,

קוקט מיר דאָס אויס עפּעס פּאַדעכטיק. אין אַזאַ פינצטערניש זאָל ער נאָך דער־טאַפּן אונדזער הייזל.

— צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, דאַרף ער איצט זיין דאָ נישט ווייט, פון משה פּיעקאַרסקיס הויז האָב איך נעכטן ביינאַכט געזען אַרויסטראָגן אויפן פעלד זעק מיט צעגראָבענע ערד. און יעקב לייב, דער שוסטער, האָט זיך אויך היינט געסודעט מיט אים.

אין מיטן רעדן האָט פּסח א ציטער געטון. אַוועקכאַפּנדיק ביידע הענט פון לאָמפּ. אלע האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן צו דער דרויסנדיקער טיר, ווו די הילצערנע שטאַבע, פאַרזיצט אין צוויי אייזערנע אויערן, האָט אַ קרעכץ געטון.

— דער ווינט האָט אַ שפּאַר־געטון די טיר.

— ניין, ס'איז נישט דער ווינט, מ'קלאַפּט ווידער.

ווען בונעם האָט נאָך מער אַראָפּגעדרייט דעם לאָמפּ, האָט זיך דאָס קלאַפּן אַריבערגעטראָגן צום פענצטער.

— ווער איז עס ? — האָט פּסח שטיל געפרעגט.

— איך האָב דיר דאָך געזאָגט צו קומען — האָט זיך דערהערט פון יענער זייט לאָדן.

פון הינטער דער פאַרהאַנגענער טיר האָט זיך באַוויזן מיט שווערע טריט ר' יאַנקל רחל־הינדעס, אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, אין אַ לאַנגען כאַלאַט. ער איז שטיין געבליבן אָנגעלענט אויף אַ שטעקן אַ שווער סאָפּנדיקער און אָנגעשטעלט צו די דריי יידן אנטקעגן אים דאָס געדיכט־באַוואַקסענע פּנים מיט דער שפּיציקער גראָער באָרד. אַריבערקוקנדיק איבער די ברילן אויף דער שפּיץ נאָז, האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ הייזעריקער שטים:

אַ גוטן אוונט אייך יידן!

זיצט ר' ראַנקל. גאָט צו דאַנקען, וואָס מען זעט אייך שוין. אַזוי שפּעט ביינאַכט אין געטאָ היינטיקע צייטן. ר' יאַנקל האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטול, א וויש געטון איבערן צעקנייטשטן שטערן. ער האָט צעשפּיליעט דעם כאַלאַט, אַרויסגעצויגן פון אונטערגעגאַרטלטן בוזעם אַ קורץ האַנט־זעגל, א העקל, א האַמער, אַ צוועגל און פולע הענט מיט אייזערנע נעגל. פון די הויכע שטיוול כאַלעוועס האָט ער אַרויסגעצויגן אַ הילצערנע מאָס, דאָס אַלץ אויס־געלייגט אַרום זיך און געענטפערט:

— אויף די וועגן, פון וואַנען איך קום יעצט, איז דער וואָס איז איבער־אונדז, מיין היטער ?

— א קלייניקייט, העלפן ראַטעווען יידישע לעבנס פון אַזאַ געפאַר! ס'איז דאָך גאַרנישט אָפּצושאַצן דעם שכר פאַר אזא זאַך! זאָל אייך גאָט באַצאָלן.

דער אָרעמער, גוטמוטיקער פּסח האָט מיט שטילע טריט געשפּרייזט איבערן צימער און פּלוצעם שטיין געבליבן אַ צעטראָגענער, ווי ער וואָלט נישט פאַר־שטאַנען וואָס דאָ טוט זיך:

— איז טאַקע צו גלויבן, אַז אַונדזער וועלט גייט שוין חלילה אונטער? ס'איז

דאָך גאָרנישט צו פאַרשטיין מיטן פּשוטן שכל. זענען דאָך שוין געווען אַ סך צרות אויף יידן: נו, האָבן יידן תהילים געזאָגט, תפילה געטון ביז גאָט האָט געהאָלפן, אָבער איצט?

ר׳ יאַנקל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שטראָפּלעך געזאָגט צו פּסח׳ן:

מ׳טאָר נישט פרעגן קיין קשיות ביים רבונו של עולם, אפילו ווען די צרות זענען גרויס. יידן מוזן האָבן בטחון. און דווקא אין אזא עת־צרה טאָר מען נישט פאַרלירן די אמונה. וואָס קאָנען מיר פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך איצט אויף דער וועלט? דריי און אַכציק יאָר האָב איך דעם וואָס איז איבער אונדז קיין קשיות נישט געפרעגט און וויל ווייטער נישט פרעגן!

— שלאָף רואיק, דאָס איז ר׳ יאנקל צו אונדז געקומען! — האָט פּסח אַ זאָג געטון אין דער זייט פון בעט. ווו זיין ווייב האָט אַ פאַרשלאָפענע אויפ־געהויבן איר קאָפּ. און ר׳ יאנקל איז נאָך ווייטער אַזוי געזעסן. געדערט צו די יידן וועגן יענע צייטן ווען אין שטעטל איז אָנגעגאַנגען אַ פרידלעך לעבן. ער האָט דערציילט, וויפיל כוחות ער האָט אַוועקגעגעבן ביים אויפבויען די שטאָט נאָך אלע ווילדע שריפות. וואָסערע הייזער ער האָט אויפגעשטעלט. ער האָט דערמאָנט די גרויסע פאָלקס־שול אויף דעם קופּיענטינער וועג, ווו הונדערטער שטאָטישע קינדער האָבן זיך געלערנט. און די גרויסע שול מיט דעם פיר זייליקן באַלעמער און ארון־קודש מיט די געציקלטע שניצערייען, די שטאָטישע מקווה און דעם נייעם בית המדרש. מיט אַ טיפן קרעכץ האָט ר׳ יאנקל איבערגעריסן זיין דערציילן און פאַרזונקען אין שוויגן.

אַ לענגערע צייט איז ר׳ יאנקל אַזוי געזעסן, אונטערשפּאַרנדיק זיין קאָפּ מיט ביידע שווער פאַרהאָרעוועטע הענט און אַ טיפער יאוש האָט פאַרהילט זיין פּנים. ער האָט זיך דערזען אין זיין גרויסן עלענט צו 83 יאָר — ווען זיין לעבן איז חרוב געוואָרן.

ער האָט זיך דערמאָנט ווען די אַמאָליקע פול מיט לעבן אָנגעגילטע שטוב האָט זיך אויסגעליידיקט, נאָך אין די 30ער יאָרן איז געשטאָרבן זיין פרוי דבורה, פייגעס — אַ נאָמען וואָס אלע האָבן אים דערמאָנט מיט טיפער אַכטונג. באַלד נאָך דעם האָט אים פאַרלאָזט זיין איינציקער זון דער ציוניסטישער טוער חיים וועלכער איז אַוועק קיין ארץ ישראל.

ער האָט געלעבט מיט האָפנונג, זיך נאָך מיט אים צו זען און אפשר אויס־צולעבן די לעצטע יאָרן צוזאמען אין ארץ־ישראל.

איצט איז די האָפנונג פאַרלוירן און זיין איינציקע טאָכטער אלטע צוזאַמען מיט איר מאַן און קינד זענען פאַרטריבן אין די אָרכאַנגעלסקער וועלדער.

אליין אויף דער וועלט אין אָנבליק פון אונקום, נישטאָ פאַר וועמען אַראָפּ־צורעדן זיך פון האַרץ.

אין מיטן פון זיין טראַכטן האָט זיך ר׳ יענקל דערמאָנט נאָך וואָס אייגנטלעך ער איז דאָ אין דער נאַכט געקומען, און צו די יידן געזאָגט:

— מיין פּלאַן איז אויסצושניידן אויבן אין שטוב דעם רעכטן ווינקל פּאָדלאָגע, ביים פענצטער, און פון דעם מאַכן אַ טירל אין באַהעלטעניש אַריין. דעם שניט וועל איך מאכן נאָר אין איין אָרט איבער די ברעטער. די אַנדערע זייט וועט אַריין אונטער די וואַנט־לייסטלעך. איבער דעם טירל וועלן מוזן שטיין די בעטן. און די שעה זאָל קיין שעה נישט זיין, אויב איר וועט דאָס דאַרפן באַנוצן, וועט איר דורכן בעט מוזן אריין אין באַהעלטעניש. אָבער דער לעצטער וועט נישט טאָרן פאַרגעסן אויסצוגלייכן דאָס בעט און צו פאַרמאַכן איבער זיך דאָס טירל.

ווען די צוגעשניצטע ברעטער זענען צוזאַמענגעקלאַפּט געוואָרן, לויט דער מאָס פון טירל, האָט ר׳ יענקל אַראָפּגעהאַנגען דעם לאָמפּ אין דעם אויסגע־שניטענעם לאָך אַריין. דאָס באַהעלטעניש איז געווען פאַרטיק.

ר׳ יאַנקל, איז געבליבן איבערנעכטיקן אויף פסח׳ס געלעגער. ווען דער פרי־מאָרגן האָט זיך געשפּאַרט דורך די שפּאַלטן פון לאָדן אין פסח׳ס שטוב אַריין, האָט ר׳ יאנקל צוזאַמענגענומען זיין אַרבעטס־געצייג, אַ קוש געטון די מזוזה, און איז אַוועק איבער די געסלעך אין געטאָ, מיטנעמענדיק מיט זיך ברכות פון אַלע שטוביקע.

שוין איבער אַ פּאָר צענדליק יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט שוין ר׳ יאנקל געראַטעוועט יידן פון מלאך־המות. עלטערע יידן דערציילן אַז בעת ס׳האָט דעמאָלט אין שטעטל געבושעוועט די כאָלערע־מגיפה איז דאָס איינציקע מיטל צו ראַטעווען באַשטאַנען אין כסדרדיקן רייבן מיט שפּירט דעם גוף פון דעם אָנגעשטעקטן חולה.

אויך דעמאָלט האָט ר׳ יאנקל נישט געקוקט אויף דער גרויסער סכנה פון אָנשטעקונג און צוזאמען מיט נאָך יידן פון דער חברה־קדישא ארומגעגאַנגען איינרייבן די קראַנקע. אָפּטמאָל האָט גענומען אַ מעת־לעת אָן הפסקה ביז ס׳איז געלונגען עפּעס אויפצוטון צו פאַרהיטן די כאָלערע, וואָס איז בעת צווייטן וועלט־קריג געקומען אין נאָך אַ שרעקלעכערן אופן, אין געשטאַלט פון די היטלער־מערדער.

ר׳ אלתר — דער סאקאלאווער־דארפסגייער

ביים אָנהויב פון דער וואָך, באַלד ווי ר׳ אלתר האָט אָפּגעדאַוונט שחרית, פלעגט ער אויפהענגען אויפן אַקסל זיין לידיק זעקל, אַ וויש טון מיט די פינגער־שפּיצן איבער די מזוזה און אַרויס פון זיין הילצערן געהויקערט הייזל. לאָזנדיק אונטער זיך דאָס נאָך פאַרשלאָפענע שטעטל, פלעגט ער מיט לאַטגזאַמע טריט אַוועק צו די אונטערשטאָטישע וועגן וואָס האָבן געפירט אין די אַרומיקע דערפער.

אויף אַ גאַנצע וואָך פלעגט אלתר פאַרלאָזן זיין ווייב און קינדער, שפּאַנען פּאַוואָליע ווי אַ פאַרוואָגלטער אויף די צעוואָרפענע וועגן; זומער ווען עס שמעקט מיט גרינס און ווינטער איבער געפרוירענע וויסטעגישן

אויף פאַרשנייטע טראַקטן, פון דאָרף צו דאָרף מיט דעם זעקל אויף זיינע פּלייצעס וואָס איז נאָך יעדן טאָג אַרומגיין צווישן די פּויערישע כאַטעס פולער געוואָרן מיט זיין איינגעקויפטער רויכוואַרג סחורה, בינטלעך האָר און איינגע־טריקנטע פעלעכעך.

אַלע יאָרן פון זיין פאַרהאָרעוועט לעבן אין אָרימקייט פלעגט ר׳ אלתר מיט גלייביקן בטחון אַנטקעגן גיין דעם שווערן עול פון די טעג. מיט אַ תפילה אויף די ליפּן האָט ער אָפּגעגעבן אַ לויב צו גאָט וואָס האָט אים געשיצט אויף

ה. דאַניעלס: אַ יידישער דאָרפסגייער אין פוילן.

די האָפּערדיקע וועגן, ווו זיין הויך דאַר געשטאַלט, אָנגעשפּאַרט אויף דעם סענקעוואַטן שטעקן, האָט געשפּאַנט אַליין צווישן הימל און ערד.

ר׳ אלתר׳ס האַרץ פלעגט נישט איינמאָל ווערן פאַרקלעמט פון אַנגסט־אַטעם, גלייך ווי ער וואָלט זיך אויסגעלייזט פון עפּעס אַ וויסטן נסיון צוליב די סכנות און פורעניות וואָס האָבן געלויערט פאַר אַ יידישן דאָרפסגייער אויף די וועגן, וועלכע ער האָט געדענקט נאָך פון זיינע יונגע יאָרן ווען אַט די ברייט שטאַמיקע ביימער ביי די זייטן פון פעלד־וועג זענען נאָך געווען קליינע, יונגע מיט דינע ריטלעך.

אין טונקל פאַרגלי׳ווערטן, אָוונטלעכן דעמער, נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומגיין צווישן די גוישקע כאַטעס, פלעגט ר׳ אלתר אַריינקומען אין אַ שטוב פון אַ יידישן דאָרפס־איינוווינער, אַ קוש געטון די מזוזה, אַראָפּגעלאָזט פון זיך דעם שווערן זאַק, וואַשן די הענט, און זיין הויכע געשטאַלט מיט דעם געלן שפּיציק קאָזע־בערדעלע אויף דעם האַרט אָפּגעצערטן פּנים פלעגט זיך צעשאָקלען ביי דער מזרח וואַנט.

דאָס שוואַכע ליכט פון דעם אָנגעצינדענעם נאַפט־לעמפל, איז ווי פאַר־

שלונגען געוואָרן פון דער טריבער אָוונט־טונקלקייט וואָס איז געהאָנגען ווי אַ גראָער וואָלקן אין שטוב־חלל. אונטער דער בלאָער קאַלכוואַנט ביים אויוון ווינקל, האָט זיך געשאָטנט אַ ווייבעריש געשטאַלט, אונטערגעבונדן מיט אַ וואָלענער פאַטשיילע, פון ווו עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ בלייך פאַרשעמט פנים. אירע הענט וואָס האָבן גיך און געניט געשיילט קאַרטאָפל פון פאַרטוך אין אַ גרויסן טאָפּ אַריין, פלעגן צווואַרפן נאָך אַ פּאָר קאַרטאָפל צו דער וועטשערע פאַר ר׳ אלתרן.

אין די לאַנגע ווינטער נעכט זענען יידישע דאָרפסלייט געזעסן אַרום אלתרן געשלינגען די ווערטער פון זיינע אַנציענדיקע דערציילונגען פון יידישן לעבן אין שטעטל, פון זיינע לאַנגזאַם שטילע און בנעימותדיקע רייד וועגן שטעטלדיקע גבירים וואָס האָבן נחת געהאַט פון קינדער, עשירות און רו; און וועגן די קאַליע געמאַכטע זינדלעך, וואָס צוליב זיי גייט עס אַזוי שלעכט אויף דער וועלט.

יינגלוויז האָב איך שטאַרק ליב געהאַט די נעכט ווען ר׳ אלתר איז געקומען אין דאָרף אַריין אין געווען אַ גאַסט ביי אונדז אין שטוב. איך האָב ליב געהאַט צו זען ווי אַזוי ער פאַרגלייזט די אויגן צום בעליק ביים דאַווענען מנחה־מעריב אין טונקעלן שטובן־ווינקל; איך האָב ליב געהאַט זיינע דאַרע צוויי פינגער אויף מיין יינגליש בעקל ביים טיש. וויפל מאָל בין איך נישט דערשלאָפן נאָך זיינע מעשיות וועגן כישוף־מאַכער און שדים. וועגן זיינע איינזאַמע וואָגלענישן איבער פוסטע זאַמדיקע וועגן דורך פּחדפולע וועלדער פון דאָרף צו דאָרף צווישן הפקרדיקע שקצים מיט בייזע הינט. עס פלעגט מיך אַזוי פאַרכישופט ציען צו הערן זיין מעשה וועגן אַ ייד אַ נשרף — אַ צדיק, וואָס איז אים פאַרברענט געוואָרן זיין לעצט ביסעלע פאַרמעגן און ער האָט אַלץ נישט געזינדיקט קעגן גאָט.

און דער ווינטער איז פאַרביי, דורך די שויבן האָט אַריינגעקוקט דער פרילינג, און די דאָרפישע וועלט איז געוואָרן אַזוי ראָז און בלאָ; אין זומער־דיקע פאַרנאַכטן אויף אַ באַנק אונטער אַ כאַטע אַנטקעגן טונקל־גרינע פעלדער ווען די פלאַמען פון שקיעה גייען ביסלעכווייז איין, פלעגן דאָרפישע מיידלעך אַרומרינגלען ר׳ אלתרן וואָס איז געזעסן האַלטנדיק אין די הענט אַ צעקנייטשט אויסגעריבן נאָטיץ־ביכעלע, ווו ער האָט געהאַט איינגעשריבן נעמען פון בחורים וואָס האָבן געזוכט שידוכים.

פלעגט ר׳ אלתר מיט זיין בליק, אַ סאַמעטענער הימיש מילדער אויף די בחנטע צעשמייכלטע פנימער פון די דאָרפישע כלה־מיידלעך, שדכענען פון זיין ביכעלע־אַרויס שוואַרצע און בלאָנדע שטעטלדיקע בחורים.

און די דאָרפס־מיידלעך פלעגן זיך פאַרחלומטע, פונאַנדערגייען פון ר׳ אלתרן, צו דער שטאָטישער וועלט מיט אירע בחורים, די אויסגעטרוימטע פרינצן.

סוף וואָך פלעגט ר׳ אלתר מיט אַ פול זעקל אויף זיינע פּלייצעס צוריק אַהיימקומען פון די דערפער אין שטעטל.

דער פעלדשער אהרן וואַנס הי״ד

אהרן וואַנס האָט געשטאַמט פון נאַשעלסק. ער איז געווען אַ „געבוירענער" פעלדשער. אין די יונגע יאָרן האָט ער געלערנט אין דער גערער ישיבה. פון דאָרט אַרויס האָט אים, ווי דעם בעסטן ישיבה־בחור, גענומען פאַר אַן איידעם יאַנקל פעלדשער פון גער. ער האָט ביי אים געגעסן קעסט. דעם יונגן וואַנסן האָט אבער געצויגן צו מאָדערנער בילדונג, איז ער אַריין אין דער ראַדעמער שולע פון פעלדשערס און דאָרט באַקומען אַ דיפּלאָם. אין סאָקאָלאָוו האָט ער זיך באַזעצט באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און גלייך אָנגעהויבן פּראַקטיצירן אַלס פעלדשער.



אהרן וואַנס איז געווען אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלער ייד. זיין באַרוף און די מאָדערנע קליידונג זענען ביי אים נישט געווען קיין קאָנטראַסט צו זיין רעליגיעזן דענקען. מען האָט געקאָנט געפונען ביי אים אין שטוב מעדיצינישע און וועלטלעכע ביכער, און דערנעבן אַ שאַנק מיט תורה־ספרים: אַ שיין געבונדענעם ש״ס, איבער וועלכן ער פלעגט גאַנץ אָפט זיצן און לערנען, ווי אין די יונגע יאָרן אלס ישיבה־בחור.

דאָס געפיל פון צושטערטער רו האָט וואַנס געזוכט צו שטילן מיט זיין אומדערמידלעכע אַרבעט אַרום די טיפוס־קראַנקע. נאָך זיין אַרבעט אין געטאָ־שפּיטאָל, איז ער אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג אין די שטובן צו זיינע פּאַציענטן,

איילנדיק צו זיי מיט מעדיצינישע הילף. אַממייסטן האָט מען אים געטראָפן צווישן די אָרעמסטע יידן, ביי וועלכע ער האָט זיך שנעל געלאָזט דערקענען מיט זיין טיף־מענטשלעכער באַציאונג. ער האָט פאַרשטאַנען, אז זיין פליכט אין אַזאַ אויסטערלישער צייט איז היילן קראַנקע, זיין הארץ האָט גלייך דערפילט דעם קרעכץ פון זיינע שטעטלדיקע יידן.

אהרן וואָנס׳ טעטיקייט אין געטאָ אַלס פעלדשער איז געווען אויסגעפילט מיט א סך שטילע, אבער גרויסע און שיינע טאַטן. נאָר ווייניקע האָבן וועגן דעם געוווסט. ערשט דערנאָך, ווען די עפידעמיע איז איינגעשטילט געוואָרן, האָבן יידן צווישן זיך דערציילט וועגן פעלדשער וואָנס און זיינע אויפטועין פאַר די געטאָ־קראַנקע. איבערהויפט צווישן די פליטים האָט מען גערעדט מיט דאַנקבאַרקייט וועגן מוסטערהאַפטן יידישן פעלדשער.

ישראל בראָם

ווען עס איז אַנטשטאַנען דאָס געטאָ אין סאָקאָלאָוו, האָט ישראל בראָם, ווי אַלע אַנדערע סוחרים, פאַרלוירן זיין קראָם. די סטראַגאַנעס זענען געבליבן אויף דער ארישער זייט. ער האָט אריבערגענומען זיין ביסל פאַרמעגן אין שטוב אריין, אין דעם טייל געטאָ פון דער שול־זייט. דאָרט האָט ער אומלעגאַל אויס־פאַרקויפט זיין סחורה און שנעל אויפגעגעסן זיין „פאַרמעגן".

צווישן אַלע אַנטי־יידישע פאַראָרדענונגען אין געטאָ, איז אויך געווען אַ שטרענגער פאַרבאָט פאַר יידן צו לייענען פוילישע, אָדער דייטשע צייטונגען.

ישראל בראָם האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו שטילן דעם דאָרשט ניך אַ ידיעה פון דער אויסערלעכער וועלט.

ער פלעגט געהיים אַריינברענגען אַ באַגרענעצטע צאָל ציַיטונגען אוז זשורנאַלן, ער האָט זיי באַקומען פון די פּוילישע ציַיטונגס־הענדלער, וועלכע האָבן, פאַרשטייט זיך, גענומען אַ פּילפּאַכיק טייערערן פּרייז.

ישראל בראַם, דער אומלעגאַלער ציַיטונגס־הענדלער, האָט זיך וקנה שם געווען אין סאָקאָלאָווער געטאָ מיט זיין פאַרשפּרייטן די פאַרבאָרגענע טאָג־פּרעסע און די פאַרשידענע נייעסן, וואָס זענען געקומען פון דער „אַנדערער זייט". ער האָט געבראַנגט „גוטע אַרטלעך", וואָס האָבן נישט איין מאָל אָנגעפילט די דערשלאָגענע הערצער מיט האָפענונג אויף אַ בעסערן מאָרגן.

אויף צומאָרגנס נאָך יום־כּיפּור, 1942, איז ישראל בראַם, דער גרעסטער אָפּטימיסט פון געטאָ, געזעסן אויף דער שול־גאַס, צווישן די ערשטע פיר טויזנט יידן, געכאַפּטע אויף אַוועקצושיקן קיין טרעבלינקע. די קליינע קינ־דערלעך זיינע האָבן אַרום אים געקלעפּט. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, וואָס פאַראַ גורל עס דערוואַרט די צוזאַמען מיטן טאַטן — אין די טויט־קאַמערן פון דער דערנעבנדיקער טרעבלינקע...

דאס בינטעלע האר

די שטילקייט אין שטעטל האָט געגליווערט צוזאַמען מיט דעם טריבן נאָך־רעגנדיקן האַרבסט־טאָג. אַ טרויעריקע לאַנגווייליקייט האָט געהויערט איבער די פאַרחושכטע שמאָלע געסלעך. אונטערן פאַרוואָלקנטן הימל האָבן די נידעריקע הייזלעך איינע לעבן צווייטן אויסגעזען ווי גרויסע אָנגעוואָרפענע בערג נאַסע שמאַטעס.

פון מאַרק־פּלאַץ איז אָנגעקומען האַנס מיט זיינע שווערע העלפאַנטישע טריט. דאָס מאָל איז ער געגאַנגען אַליין, פויל, איינגעהאַלטן ווי דאָס טריבע קאַלטע וועטער וואָלט זיך איינגעפרעסן אין זיינע ביינער. האַנס האָט איצט געהאַט אַ קאַפּויערדיקן אויסזען. שטענדיק ווען ער פלעגט זיך באַווייזן, ווי דער דייטשער מושל אין די יידישע געסלעך, אין געיעג נאָך יידן, האָבן אויף די ברוקן שטיינער געקריצט די טשוועקעס פון זיינע סאָלדאַטסקע שטיוול און די יידישע הייזקעס האָבן ווי געציטערט פון זיין דונערנדיקער שטים. יידן פלעגן דאַן פאַרשווינדן אין די בוידעם־שטיבלעך און קעלערן. איצט, הערט אים קיינער נישט און קיינער ווייסט נישט, אַז האַנס געפינט זיך אין שטעטל און גייט אין מיטן גאַס ווי עס וואָלט אים ווער געפירט אַ געצוימטן אויף אַ שטריקל.

אַזוי גייענדיק, וואַרפט האַנס בייזע בליקן אויף ביידע זייטן יידישע הייזלעך. מיט אַרויסגעשטרעקטן קאָפּ פון אויפגעשטעלטן שינעל־קאַלנער, דרייט ער זיין מגושמדיק פּנים אויף רעכטס און לינקס און זעט נישט אויף דער גאַנצער לענג גאַס קיין צורה פון אַ ייד.

האָבן די יידן באַמערקט זיין אָנקומען און זיך אויסבאַהאַלטן פאַר אים? מ'הערט דאָך אפילו נישט זיינע טריט — טראַכט דער דייטש.

האַנסן געפעלט דאָס איצט, וואָס ער, אַ דייטש, קאָן אַנוואַרפן אַ פּחד, אפילו ווען מ׳זעט אים נישט און מ׳הערט אים נישט. פאַר אים אַליין ציטערט אַ גאַנץ שטעטל יידן. אין דייטשלאַנד איז ער געווען אַ פּויערן־יונג, וואָס אפילו זיין פערד אין שפּאַן איז אים נישט שטענדיק געווען געהאָרכזאַם. דאָ, אין פּוילישן שטעטל ציען אפילו די גויים פאַר אים דאָס היטל.

שטענדיק ווען האַנס איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס שטעטל האָבן די יידן אים געהאַט טרויעריק צו געדענקען. אַמאָל פלעגט ער שלאָגן פאַר נישט ציען דאָס היטל, אַמאָל פאַר יאָ ציען דאָס היטל. האַנס האָט ליב געהאַט שלאָגן און דווקא אַזעלכע וואָס האָבן געציטערט פאַרן לעבן. דאָס האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין זיין היסטעריש גראָב געלעכטער. ווער וואָלט אים איצט געשטערט אויפצורייסן אַ טיר פון אַ יידיש הייזל און אַרויסשלעפן אַ פּאָר צעשראָקענע יידן און געבן זיי צו דערפילן, אַז האַנס איז דורכגעגאַנגען די גאַס? אָבער, צו אַזאַ שפּיל מוז האַנס האָבן שטימונג. איצט, אין טריבן וועטער איז זיין שווערער גוף פוילט זיך אַנהויבן אַרומיאָגן מיט די צעשראָקענע יידן.

האַנסן פאַרדריסט אָבער, וואָס איבער דער גאַנצער לענג פון שטעטל באַגעגנט ער נישט קיין איין יידיש פּנים. ער וואָלט איצט נישט געשלאָגן אָבער אַ כאַפּ טאָן אַ ייד וואָס זאָל אים אַליין אַריינפאַלן אין זיינע הענט און דעם יידן מאַכן צו שאַנד, דאָס וואָלט ער יאָ געטאָן. אַזאַ שפּיל וואָלט אים אויפגעמונטערט, געמאַכט לעבנס־לוסטיקער.

האַנס האָט פּלוצים פאַרריסן זיין קאָפּ, ער האָט דערהערט אַ קלאַפּ פון אַ צוגעמאַכטער טיר, פון אַ בוידעם־שטיבל. אויף די טרעפּן האָט ער דערזען אַראָפּגיין אַן עלטערן ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, פון וועלכער עס האָבן אַרויסגעגעלט שטיקלעך צעקנייטשט פּנים און אַ יידיש געבערגלטע נאָז. ער איז צו צום הייזל און געבליבן שטיין מיט אַ ציניש שמייכעלע צווישן די איינגעצויגענע ליפּן. דער ייד האָט אַ צאַפּל געטאָן, אַנקוקנדיק מיט ברייט צעעפנטע אויגן דעם דייטש אַנטקעגן אים.

— קאָם הער, יודע!

דער אַלטער האָט אונטערטעניק געצויגן דאָס היטל און זיך דערנעענטערט צום דייטש פול מיט שרעק.

— זאָג מיר, יודע, וואָ איזט איין האַר־שניידער?

דער ייד האָט אַ ווייז געטאָן מיטן פינגער צום שכנותדיקן הייזל.

— קאָם, צייג מיר!

דער צעשראָקענער ייד האָט צוגעפירט דעם דייטש צו דער שוועל פון פריזיער און שטיין געבליבן.

האַנס האָט אַ קוק געטאָן אויפן אַלטן און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ ווילד געלעכטער:

— דאָס בראַוך איך דעם האַרע־שניידער פאַר דיר, יודע!

אַ צעטומלטער האָט דער ייד דעם דייטש געבעטן ער זאָל אים צורו לאָזן. פון האַנס פאַרקרימטן פּרצוף האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר שפּיזיקע אויגן.

ער האָט אויסגעצויגן די האַנט מיט אַ שטייפן פינגער און אַ ווילדן געשריי געטאָן: אַריין!

ביים פריזיער איז האַנס שטיין געבליבן מיט צעשפּרייטע פיס, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, דעם ייד באַפוילן זיך זעצן אויף דער שטול וואָס אַנטקעגנ־איבער דעם שפּיגל אויף דער וואַנט, און דעם שערער אַ רוף געטאָן צו זיך:

— הער מאַל, שנייד אַרונטער די באָרד ביי דיזן יודן, זיין געזיכט זאָל בלייבן גלאַט ווי ביי מיר. פערשטאַנען? צום טייוול! איר יודן מוזט דאָך לערנען די דויטשע קולטורע וואָפיר זינדן וויר היר געקאָמען! יודן מיט בערדע, אויף דער שטראַסע?! האַנס וועט דאָס נישט דולדן! פערשטאַנען?

צום אנדענק פון מיינע עלטערן רייזל און אברהם הערש פּאָליאַקעוויטש

דאָס געלע פאַרוויאַנצטע פּנים האָט אַ ציטער געטאָן ווי מען וואָלט זיין לייב מיט אַ מעסער איינגעשניטן. אויף דעם שערערס הענט האָבן געציטערט נישט וויסנדיק צי פון פּחד פאַרן דייטש, וואָס איז געשטאַנען אונטער זיינע פּלייצעס, אָדער פון איינשניידן די באָרד ביים שמש פון שטעטל. ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אויסקויפן פון דער אויפגעצווונגענער זינד האָט דער שערער מיט פאַרשטעלטע ווערטער געטרייסט זיך אין דעם שמש: „אַ צייט אַזאַ... ר׳ אברהם הערש, דער אויבערשטער וועט אונדז נאָך העלפן...“

ווען דער דייטש איז אַרויס פון פריזיער מיט אַ שפּאַטיש געלעכטער האָט ר׳ אברהם הערש צוזאַמענגעקליבן די צעוואָרפענע האָר פון זיין אָפּגעשניטענער

באָרד אַזוי ווי מען קלויבט צונויף צעפּלויגענע בלעטלעך פון אַ הייליק ספר.

ווען ער איז אַהיימגעקומען איז ער לכתחילה געבליבן שטיין אַן לשון ביי דער טיר. די שטוביקע האָבן פון אָנהויב דערקענט אויף אים בלויז די מלבושים און זיין קול, וואָס האָט מיט עקל אַרויסגעבראָכט:

ר׳ אברהם הערשס ווייב, אַ מאַמע פון קינדער האָט פאַרבראָכן די פינגער פון די הענט. אַ פאַרשטאַרטע מיט אַ טרערן־פאַרצויגענעם בליק האָט זי מיט רחמנות געקוקט אויף איר מאַן און זיין פאַרענדערטן אויסזען, וואָס זי האָט אים נאָך קיינמאָל נישט אַזוי געזען פון זינט זיי ביידע האָבן צוזאַמען געלעבט.

די קינדער האָבן זיך באַמיט דעם טאַטן לייכטער מאַכן דעם צער.

— האָר זענען דאָך נישט ווי, חלילה, אָפּגעשניטענע אברים. אַ באָרד טוט ווידער אָנוואַקסן...

נאָר ביים טאַטן אין האַלדז האָבן נאָך אַלץ געשטיקט נישט קיין אויסגעוויינטע טרערן... אין זיין וויסטן צער האָט ער געהאַלטן פאַרשלאָסן דאָס האַרץ. נישט געענטפערט גאָרנישט. אין שטימען, הילפלאָזן וויי, ווי אַ פאַראַבלטער, געבליבן זיצן ביים טיש און נישט צוגעלאָזן צו זיך אַלע טרייסט־ווערטער, און נישט אויפגעכאַפּט, ווי תמיד, די בליקן פול מיט ליבשאַפט און רחמנות פון די שטוביקע.

מיט דעם בליק איינגעגראָבן אין דעם בינטעלע האָר איז ער אליין געבליבן. די לעצטע ליכט־שטראַלן פון פאַרגייענדיקן האַרבסט־טאָג האָבן געציטערט אויף די ווענט און מאָדנע באַלויכטן דאָס געפּייניקטע פּנים. אַ פאַרטראַכטער איז ער געזעסן אין דער טונקל־געוואָרענער שטוב. זיין פאַרגאַנגען פרום יידיש לעבן, וואָס האָט זיך ווי אַ רצועה געוויקלט אַרום זיין צעפּייניקטער נשמה, האָט פאַר אים איצט אויפגעטויכט. אָט, דאַכט זיך אים, אַז ער זיצט אין בית־המדרש, צווישן מנחה און מעריב, אונטערהאַלטנדיק מיט איין האַנט די גמרא, און מיט דער צווייטער האַנט פאַרבייגט ער די שפּיצן פון זיין באָרד צום מויל און ציט אונטער די נאָז דעם גמרא־ניגון. אָט איז אַ שבת פאַרנאַכט. יידן זינגען זמירות. אָפּגעגעסן שלוש סעודות און מיטן אַרבל פון דער זיידענער זשופּיצע גלעט ער באָרד און וואָנצעס, באַזייטיקנדיק די קרישקעס, וואָס האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער האָר־געדיכטעניש.

אַזוי פאַרטראַכט אין די זכרונות פון אַ פאַרגאַנגען לעבן, האָט ר׳ אברהם הערש פאַרלוירן די עמפּפינדונג פון צייט, ווי לאַנג ער זיצט אַזוי מיטן בליק צוגעשמידט צום בינטעלע האָר פון דער אָפּגעשניטענער באָרד. אַ בלייכקייט האָט פרעמד און גרוי זיך איינגעגעסן אין זיין פאַרענדערט פּנים ווי אַ שווערער גרויער וואָלקן וואָלט איצט לאַנג געהויערט איבער אים. דער בליק — אויסגעלאָשן, גלייך ווי ער וואָלט איצט מיטאַמאָל אינגאַנצן פאַרלוירן זיין יידישן אויסזען.

די טונקלקייט האָט אינגאַנצן פאַרשלינגען דאָס צימער און דער אַלטער שמש איז נאָך אַליין געזעסן איינגעהילט אין טיפן שווייגן.

עמיץ און שטוב האָט אָנגעצינדן די לאָמפּ. דער אַלטער אברהם הערש האָט

איינציקווייז באַנומען דעם זין פון די שטאַמלדיקע רייד אויסגעקרעכצטע און אויסגעוויינטע פון די שטוביקע, וואָס זענען אַ לאַנגע צייט נישט אָפּגעטרעטן פון זיין שטול. אַ מידער, מיט אויגן פון צער האָט ער עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר די בלאַסקייט אויף זיין אָפּגעגאָלט פּנים און זיין צערפולער בליק האָבן פאַרשלאָסן אין אים די רייד. ער האָט צוזאַמענגענומען פון טיש די אָפּגעשוירענע האָר פון זיין באָרד, אַרומגעבינדן זיי מיט אַ פאָדעם פון גאַרטל און דאָס בינטעלע האָר אריינגעלייגט אין טלית זאק צווישן ביידע תּפילין־זעקלעך.

פרץ גראנאטשטיין
(קאלומביא)

בוטשע רובינשטיין'ס הויף

I

אין צענטער שטאָט, אַנטקעגן גרויסן מאַרק, אין אַ דריישטאָקיקער מויער, האָט געוווינט בוטשע רובינשטיין, בוטשע עסיקמאַכער, ווי מען האָט אים גערופן אין שטעטל, מיט זיינע חתונה געהאַטע זין און טעכטער. דער הויף איז געווען אַ שם דבר אין פוילן. סוחרים פון דאַנציג, וואַרשע, לובלין און שעדלעץ האָבן געפירט גרויסע מסחרים מיט די רובינשטיינס.



דאָס שטעטל האָט זיי גערופן „דער צאַרסקער הויף". נישט חלילה לגנאי, נאָר צוליב דאָס רחבותדיקע לעבן, וואָס האָט זיך דאָרט געפירט. פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט בוטשע רובינשטיין געהאַט אַ פאַבריק פון עסיק, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה צוזאַמען מיט דער מויער, אין וועלכער זיין פאַרצווייגטע משפחה האָט געוווינט, פון זיין טאַטן בנימין רובינשטיין.

נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה ברייטערן אויס די בני בוטשעס זייערע געשעפטן. מען הויבט אָן האַנדלען מיט תבואה און וועלדער. עס געלונגט זיי מיט זייערע פעיקייטן צו אַנטוויקלען דעם מסחר און ווערן באַוווסטע סוחרים

אין געגנט. די פירמע רובינשטיין ווערט פּאָפּולער אין אַלע הייף, מען קויפט וועלדער ביי די אַרומיקע פּריצים, מ׳שיקט הונדערטער וואַגאָנען דעמבעס קיין דאַנציג. עס ציען זיך בערלינקעס מיט געהילץ איבערן בוג, פון רובינשטיינס וועלדער. איבער ריזיקע פּלעצער שטייען אַרבעטער, שפּאַלטן, האַקן די דעמבע־נע שוועלן פאַר דאַנציגער סוחרים.

צענדליקער סאָקאָלאָווער יידן אַרבעטן ביי זיי אַלס טשעשלער, היטער, בעלי־עגלות און שרייבער. דאָס קאַנטאָר, וואָס געפינט זיך אין פראָנט פון גאַס, רוישט ווי אַ בינשטאָק. דער טעלעפאָן קלינגט כסדר פון דאַנציג, וואַרשע און פון די פּריצישע הייף.

אַ חוץ דעם פאַרצווייגטן מסחר מיט וועלדער, זענען זיי די איינקויפער פון אַלע סאָרטן תבואות. זיי שטעלן אויף נעבן דער באַן גרויסע מאַגאַזינען, מ׳ברענגט ספּעציעלע מאַשינען צום רייניקן און סאָרטירן די תבואה. עס שטייט אַ סטיניע מיט די בעסטע פערד, עס ציען זיך אַריין און אַרויס הונדערטער פאַרלאַדעוועטע וועגענער מיט תבואה פון די פּריצישע הייף. ביי אַ גרויסן טייל יידן איז די פּרנסה פאַרבונדן מיט די רובינשטיינס הויף.

סאָקאָלאָווער מערק האָבן אַ שם אין פּוילן. הונדערטער פּריצישע הייף און שלאַכטנע רייכע דערפער געפינען זיך אין דער געגנט. דאָנערשטיק, אין מאַרק־טאָג, פאָרן זיך אָן טויזנטער פּויערים מיט שווערע באַלאָדענע וועגענער תבואה. הונדערטער יידן לעבן פון דעם איינעם מאַרק־טאָג. מ׳דאַרף נישט האָבן קיין ספּעציעלן שפּייכלער אויף צו האַלטן די סחורה. מ׳קויפט אַ זעקל תבואה, מ׳טראָגט עס אַריין אין הויף צו די רובינשטיינס און מ׳גייט ווייטער קויפן. אַלע דרייט זיך אין מאַרק־טאָג, אַרום „צאַרסקן הויף". די טרעפּ רוען נישט. ווייבער, וואָס האַנדלען מיט עופות, קצבים מיט חלוקלעך פליייש, פישערס מיט גרויסע קאַרפּן און העכט, ווייבער מיט עמערס מילך, ווייבער מיט גענדזן שמאַלץ אויף אויס־לאָזן, מאַרקזיצערינס מיט כל מיני פּירות: קאַרשן, מאַלינעס, טרוסקאַווקעס, צו מאַכן פאַרשידענע סאָקן און איינגעמאַכטס. אין די קיכן שטייען גראָבע אויסגעפּאַשעטע דינסט־מיידן מיט אויסגעשמירטע פעטע ליפּן, גרייטן, קאָכן די געשמאַקע געקעכצן. דער זיסער רייצנדער אַראָמאַט פון די געבראָטענע פליישן טראָגט זיך איבערן הויף.

די בני בוטשעס האָבן אָפענע הענט צו געבן נדבות. אויב מען דאַרף אויפשטעלן אַ ייד אַ יורד, חתונה מאַכן אַן אָרעמע כלה, איז ווער געוואָרן קראַנק און מ׳מוז אים נעמען קיין וואַרשע אין אַ שפּיטאָל אַריין, אָדער ס׳איז וועלכן בעל עגלה געפאַלן זיין פערד און מ׳מוז אים קויפן אַ צווייטס — גייט מען דאָס ערשטע צו די בני רובינשטיין.

אַלע אָרימעלייט פון געגנט און פון שטאָט זענען אָפטע געסט. איז ווער קראַנק צווישן די אָרימעלייט, לויפט מען אַהין נאָך אַ ביסל יויך. קילט זיך ווער צו, ער דאַרף אַ ביסל מאַלענע־סאָק, אויף שוויצן, גייט מען אין הויף.

אויך אין די אַלע קאַמפּיינען פון קרן קימת און קרן היסוד, פאַרנעמט

דער הויף דאָס ערשטע אָרט. אַז מען מאַכט אַ בלימל אויף אַ געזעלשאַפטלעכן צוועק, וויל יעדעס פּאָרל מען זאָל אים צוטיילן די הויפּט גאַס, דאָרט ווו עס געפינט זיך דער „צאַרסקער הויף".

אויבן אויפן צווייטן שטאָק זיצט ר׳ בוטשע רובינשטיין אויף אַ ווייכן געבעטן שטול ווי אַ קעניג. זיין הדרת פּנים בלענדט מיט אַריסטאָקראַטיש׳ער זקנה — די קדושה פון דורות. ער צאָלט אויס מיט די בלוי־אָדעריקע פינגער דאָס געלט פאַר דער תבואה, וואָס די אויפקויפערס האָבן פאַרקויפט. בוטשע רובינשטיין איז אַ גערער חסיד, דאַוונט אין גערער שטיבל. אין די יונגע יאָרן איז ער געפאָרן קיין גער צום שפת אמת. ער האָט פיינט מחלוקת, מישט זיך נישט אין קהלישע סכסוכים. ער איז אויך אַ יודע ספר. אַלע שטאָט לומדים קומען צו אים אין שטוב צו לערנען אין די פרייע שעה׳ען אַ בלאַט גמרא. ער האַלט אויס בסתר אייניקע חסידים. דאָס שטעטל ווייסט וועגן דעם.

דער שטאָט־למדן משה אהרן מלמד איז תמיד ביי אים אין שטוב. אַז ער האָט געזען, אַז משה אהרן גייט ווינטער אָן אַ וואַרים מלבוש. האָט ער אַליין באַשטעלט ביי אַ שניידער אַ פוטער פאַר אים. אויך דעם תלמיד חכם מענדל דעם רב׳ס, דער זון פון אידל פלאַצקער, דער געוועזענער רב אין שטעטל, איז געווען ביי אים אַ בן־בית. אַלע האָבן געוווּסט, אַז בוטשע עסיק־מאַכער האַלט אויס מענדל דעם רב׳ס.

נאָך בוטשעס פּטירה האָבן די קינדער אַליין געפירט די געשעפטן. דער הויף איז געבליבן דער זעלבער. מ׳האָט נישט פאַרשעמט דעם אָנדענק פון טאַטן. אויך זיין שטוב מיט די דינסטן, מיט די נדבות, מיט די אַלע שטאָט גבאיטעס און נויטבאַדערפטיקע, האָט זיין פרוי פייגע, די באָבע פון הויף, ווייטער געפירט. די קינדער האָבן איר געצאָלט פון שותפות. זי האָט ווי אַ פירשטין ווייטער רעגירט מיטן „צאַרסקן הויף".

פייגע בוטשעס — די מאַמע פון אַלע דינסט־מיידלעך

II

פייגע בוטשעס איז געווען אַ הויכע ברייטע יידענע מיט אַ קיילעכדיק, ווי אַ טיפער טעלער, אויסגעפּראַפּט פּנים. אַ פליישיקער גוידער, ווי ביי אַן אויסגעשטאָפּטן אינדיק, האָט זיך געקנייטשט, געקאַרבט, אונטער איר חנעווו־דיקער גאָמבע.

זי האָט געהאַט אַ פּאָר אויפגעריסענע גרויסע בלויע וואַסערדיקע אויגן. ווי אַ גאָלדענע פּאַווע האָט זיך זיך געצאַצקעט מיט איר אויסגעפּוצטן זייד־סאַמעטענעם טשיפּיק, באַהאָנגען מיט זילבערנע קרעלן און קאָלירטע פּאַטשערקעס.

אַז זי האָט גערעדט, האָט זי געצויגן יעדעס וואָרט, ווי זי וואָלט עפּעס געבעטן. איר לשון, איר דיקציע, איז געווען ווייבלעך, האַרציק, ווי זי וואָלט געזאָגט צאינה ראינה.

איר בליק, איר געשטאַלט, פּונקט ווי זי וואָלט געווען ספּעציעל געבוירן, כדי זי זאָל קאָנען באַדויערן וועמען, כדי צו קאָנען האָבן מיטלייד מיט יענעם. איר רחמנות אויף מענטשן האָט איר געפּאַסט. ווען נישט די אַלע גויטבאָדערפּ־טיקע, קראַנקע, אלמנות, וואָס זענען געקומען צו איר אויסגיסן זייער ביטער־ האַרץ, וואָלט זי נישט געפילט קיין טעם אין איר לעבן און עס וואָלט איר געווען לאַנגווייליק אויף גאָטס וועלט.

צי איז זי אַמאָל געווען אין כעס? פאַרצאָרנט? — שווער צו וויסן. אונ־טער איר מאַמעשער השגחה האָט זיך געפירט דער הויף. אַלע קינדער, איידעמס, שנורן און אייניקלעך האָבן געהאַט פאַר איר דרך־ארץ. האָט מען עפּעס געקויפט האָט מען עפּעס געמאַכט, איז מען געגאַנגען פרעגן די באָבעשי פייגע. די בני בוטשעס האָבן זיך געניית די שענסטע קליידער. פון דאָרטן איז דאָס ערשטע געקומען די מאָדע. אַלע אין שטעטל האָבן זיך פאַרקוקט אויף די קליידער, וואָס מ׳טראָגט אין הויף.

פייגע האָט געמוזט באַטראַכטן, באַקוקן, זאָגן מבינות אויף די שטאָפן, אויף די פוטערנע קאַראַקולענע מאַנטלען, וואָס דער „צאַרסקער הויף" פלעגט איינהאַנדלען אין שעדלעץ און אין וואַרשע.

זי האָט געהאַט אַ באַזונדערע קאַסע, באַזונדערע פאָנדן גמילות הסדים און נדבות. ווער אין שטעטל איז געוואָרן פאַרענגט, זיך גענויטיקט אין אַ גמילות חסדל, פלעגט ער גיין צו פייגע בוטשעס. אין הויף האָבן אין משך פון צווישןביידע וועלט מלחמות געדינט אַ פּאָר טוץ דינסט־מיידלעך פון מלך אביונס גיטער, פון דער יידישער אָרימקייט, וואָס האָט געוווינט נעבן דער באָד, אין יאַנקל דוד גיטקעס אַלטע צעבראָכענע הייזער.

פייגע האָט געהאָלפן די אַלע דינסט־מיידלעך, וואָס האָבן געדינט אין הויף, חתונה מאַכן מיט בעלי מלאכות, בעלי־עגלות און טרעגער. אַלע דינסטן זענען געקומען צו איר, ווי צו אַ געטרייער מאַמען זיך אָפּריידן פון האַרץ, איר דערציילן וויאַזוי זייערע מענער באַהאַנדלען זיי. אויך אַז זיי האָבן זיך גע־נויטיקט אין שטיצע, אַז עס איז ביי זיי קראַנק געוואָרן אַ קינד. דאָס איינציקע אָרט פאַר זיי, ווער עס זאָל פאַרשטיין, ווער עס זאָל מיטפילן, ווער עס זאָל זיי העלפן — איז געווען פייגע בוטשעס.

איר קיך איז תמיד געווען פול מיט שטאָט גבאיטעס און סתם ווייבער, וואָס זענען געקומען בעטן אַ ביסל יויך פאַר אַ קראַנק קינד. די אלמנה שיינע בלומע, די באַוווּסטע גראָבע יידענע אין שטאָט, איז שטענדיק ביי איר צוגאַסט. וואָס זאָל זי טון? גיין איר אַרויסוואַרפן? זי האָט רחמנות אויף איר. זי איז דאָך אויך אַמאָל געווען אַ נגידעסטע. הלואי מען זאָל נישט פּרובירט ווערן. וואָס קאָן נעבעך וויסן דער זינדיקער מענטש, וואָס זיין מאָרגן וועט אים ברענגען? פאַרזאָרגט איר שטענדיק שיינע בלומע מיט אויסגעלאָזטן געגנדזן־שמאַלץ, באַקט איר די לעקעכער און דערכאַפּט זיך איר האַרץ ביי איר אין קיך.

אויך חיה'לע די שדכנטע, אַ יידענע וואָס גייט אַרום אין די רייכע הייזער צונויפנעמען געלט, מאכלים, פאַר אָרעמע נויטבאַדע־פּטיקע יידן און נעמט צו דאָס געלט פאַר זיך, עסט אַליין אויף דאָס עסנוואַרג, וואָס מען גיט איר, קומט אַלע טאָג מיט אַ טעפל אין קיך נאָך אַ שטיקל עוף פליש און אַ ביסל יויך פאַר אַ קראַנקער פרוי... אָפּטמאָל שרייט די דינסט׃

— באַלעבאָסטע, איר זאָלט איר נישט געבן קיין פליש מיט קיין יויך. זי גיט דאָס נישט קיינעם, זי עסט דאָס אַליין אויף. אַלע מענטשן אין שטאָט וויסן וועגן דעם.

— גיי שוין, גיי שוין, אַ דאגה. זאָל זי עסן געזונטערהייט, איך וועל נישט ווערן אָרימער — רעדט פייגע צו דער דינסט און הוידעט איר קאַרבירטן גוידער.

אַז ביים טרעגער ישראל בריסקער ליגט דאָס ווייב קראַנק, נעמט ער אַ טעפל און קלעטערט אַוועק אויף זיינע באַשטיוולטע קלעצערנע פיס אין הויף, רוקט אַריין זיין טעמפּן בהמהשן קאָפּ צו פייגע בוטשעס אין קיך, גלאָצט אויס זיינע רחמנותדיקע, קעלבערנע אויגן, בעט די דינסט זי זאָל אים געבן אַ ביסל יויך פאַר זיין קראַנק ווייב. פייגע נעמט ביי אים זיין טעפל, גיסט אָן יויך, שטופּט אַריין אַ געגנדזענעם פליגל מיט אַ פּופּיק.

— לאַנג לעבן זאָלט איר, פייגעשי — דאַנקט איר ישראל בריסקער דער טרעגער מיט אומבאַהאָלפענער הכנעה, — פייגעשי, אַז מיין ווייב וועט ליגן אין קימפּעט, וועל איך ווידער קומען צו אייך נאָך אַ ביסל יויך.

— גיי שוין בהמה, זאָל דיר גאָט העלפן, אַז דו זאָלסט נישט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם.

— דאָס איז אוממעגלעך — ענטפערט ישראל בריסקער און רוקט זיך אַרויס מיט זיינע שווערע טריט פון קיך.

פון וואַנען האָט זיך געגומען, אַז אַלע אָרימעלייט זאָלן קומען נאָר צו פייגע בוטשעס? עס זענען דאָך געווען אין שטאָט נאָך פיל גבירים. צי איז אהרן קאַרפּלס געווען אַ קליינער גביר? צי איז דער געוועזענער וואַלד־סוחר איידער ער איז געוואָרן אָפּגעברענט, פּנחס פּוטערמאַן, געווען אַ קנאַפּער גביר? איצט די אַלע נייע אויפגעקומענע מלחמה נגידים?

צי זענען די אַלע מידות טובות ביי פייגע בוטשעס איבערגענומען געוואָרן נאָר פון איר מאַן בוטשע עסיק־מאַכער, אָדער זי האָט זיי מיטגעבראַכט נאָך פון אירע מיידלשע יאָרן, פון איר פאָטערס שטוב פון דעם פּעטע־קאַזער פאַכטער ר׳ אידל בער?

אריה ציבולע

ביי ליבע דער בעקערין אויפן הויף, אין אַ קעלער, ביי אָרימע עלטערן, פּאַפּירענע בייטעלעך־מאַכער, איך דלות און נויט האָט זיך אריה ציבולע דערצויגן. אַ קליין געוויקסיק בחורל, מיט אַ קאָפּ געלע האָר און אַ טיפן רבנישן

שטערן. עס האָבן אים געקענט יונג און אַלט. ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל, האָט ער שוין געשמט אין שטעטל פאַרן בעסטן תלמיד אין ישיבה. אַ

סך מאָמעס האָבן זיך געווונטשן זייערע קינדער זאָלן באַגערן צום לערנען ווי ער, יידן יודעי חן האָבן פאָרויסגעזאָגט — ער וואַקסט אַ תלמיד־חכם. ער האָט אַ גאוניש קעפּל!

ער האָט טאַקע איבערראַשט מיט זיין תפיסה און חריפות. אַפזאָגן הונדערט בלאַט גמרא אויסנווייניק איז ביי אים געווען איינע פון די לייכסטע זאַכן. ער האָט געהאַט אַ לייכט שפּילעוודיק געמיט. קיין שום סימן פון דערשלאָגנקייט צוליב זיין אָרים מיזערנעם לעבן האָט מען אויף אים נישט געזען. זיינע קלוגע אויגן האָבן געפינקלט מיט שטאָלץ און אָפּטימיזם.

פאַרלאָזט האָט ער די ישיבה צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער תלמידים. דער שטורעם פון רעוואָלוציעס, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אויפטרייסלונגען אין אייראָפּע; די אויפוואַכנדיקע כוחות, וועלכע זענען געלעגן באַגראָבן אין דער טיפעניש פון די יידישע מאַסן דערשטיקט אין משך פון דורות, האָבן זיך ווי אַ ווולקאַן געטראָגן איבער די ישיבות אין די פּוילישע יידישע שטעטלעך. די גאולה־בשורה פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע; די בענקשאַפט נאָך יידישער דערלייזונג און נאָך אַ בעסער, שענער יידיש לעבן, און אן אייגן יידיש לאַנד דער אויפגעוואַכטער טויזנט־יעריקער טרוים האָט צעטרייסלט גרונטיק דאָס אַלטע יידישע רעליגיעז־קאָנסערוואַטיווע לעבן, וואָס האָט זיך פאַרמירט אין מזרח־אייראָפּע.

...ס'האָבן די גלעקער געקלונגען,\
ווען בראַנדזענע יונגען,\
איז באַפאַלן אַ ווילן,\
צו שטילן, דעם צאָרן\
פון פאַרלוירענע יאָרן....״

(משה קולבאַק)

די סאָקאָלאָווער ישיבה האָט אויך נישט אויסגעמיטן דעם איבערברוך און קריזיס וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט דורכגעמאַכט. די אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע צעשפּאַלטונג צווישן ציוניזם און „אגודת ישראל״; צווישן ציוניסטישע פאָנדן און רבייאישע פדיונות. ווי פון אַ צעקלאַפּטער פויגל־נעסט איז זיך צעפלויגן, צעלאָפן אַ גרויסער טייל פון די ישיבה־בחורים אויף פאַרשידענע אידעאישע וועגן: אייניקע זענען אַוועק צום עקסטרעם לינקן לאַגער. אַריה ציבולע האָט אויסגעוויילט דעם גאָלדענעם מיט, זיך באַהאַפטן מיטן פּאָליטישן ציוניזם און העברעישער ליטעראַטור. ס'איז געווען ביי אים דער לאָגישער המשך פון הלל הזקנס לויטערן אַלמענטשלעכן קוואַל, ביז חיים נחמן ביאַליקס „מאין נחלתי שירתי״ און יוסף חיים ברענערס „מעמק הבכה״.

ער האָט אין די יונגע יאָרן שטאַרק געהאַלטן פון זיך, געווען געכאַפּט

אין גאווה. די יוגנט האָט געהאַט פאר אים דרך ארץ. מ׳האָט אים רעספּעקטירט. אַלע האָבן געוווסט, אַז ער איז אינטעליגענטער און פעיקער פון זיי. מ׳האָט אים געהאַלטן ווי אַ וווּנדער־קינד. מיט אים צו זיצן צוזאַמען איז געווען אַ גרויס פאַרגעניגן. אפילו ביי פרויען האָט ער שטאַרק אויסגענומען, כאָטש ער איז נישט געווען קיין שיינער. ס׳האָט געשפּרודלט פון אים מיט חכמה און הומאָר, נישט קיין ווולגארער ווי ביי אַ טייל יונגעלייט פון שטעטל. ס׳האָט געפלאָסן פון אים א פריידיק האַרציק געלעכטער ווי פון אַ קלאָרן ריינעם קוואַל. ער האָט געקענט אימפּראָוויזירן, קאָפּירן רעדנער און בכלל מענטשן. אויך אָרייג־זאָגן די שטעטלדיקע רעדנער, פּאַרטיי־טוער. וועלכע האָבן געשעפּט זייער „וויסן" פון בראַשורן און צייטונג־אַרטיקלען. ער איז געווען פון די שענסטע רעדנער אין שטאָט, מיט א פרעכטיקער דיקציע, פיינעם געשליפענעם ליטעראַרישן יידיש. ס׳האָט אים א ביסל געשטערט זיין פיגור אָבער דער עולם האָט אים ליב געהאַט צו הערן רעדן.

אויף די פּרייטיק צו נאַכטסדיקע קעסטל־אָוונטן אין ציוניסטישן „מרכז" איז ער געווען דער ליבלינג. ער האט געהאַט און געוווסט וואָס צו זאָגן. איך וועל קיין מאָל נישט פארגעסן יענע איבערלעבונג, דאָס בילד טויכט אויף פיל מאָל אין מיין דמיון:

דער גרויסער יידישער דיכטער ה. לייוויק, אויף זיין צוריק רייזע פון רוסלאַנד האָט באַזוכט סאָקאָלאָוו. פון אלע אַרומיקע שטעטלעך איז געקומען יידישע יוגנט הערן דאָס דערהויבענע געלייטערטע יידישע וואָרט פון דעם גרויסן גאַסט. די הילצערנע שאַפע פון די פייערלעשער, לעבן שוחטס הויז אין געווען פיל. אַ שטיל־שווייגן ווי יום־כפור פאַר כל נדרי. דער עסעאיסט מיין חבר און פריינד גרשון פאַמעראַנץ, צעשטראַלט פון פרייד, מיט אַ צע־שויבערטער קאָפּ האָר, האָט געטיילט ווערטער צו באגריסן דעם חשובן גאסט. אריה ציבולע שאַרט זיך אַרויף אויף דער טריבונע צו באַגריסן ה. לייוויקן:

„חשובע פריינט! — האָט ער אָנגעהויבן — לייוויק געהער נישט צו יענע דיכטער וועלכע האָבן זיך פארשלאָסן אויפן אָלימפּ אין אַ העלפאַנטביין־טורעם און זעען נישט די ליידן און מענטשלעכן עלנד. לייוויק האָט געטראָגן אין זיך דעם וויטן שנייאיקן סיביר און קייטן אויף זיין קערפּער אין קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון די אונטערדריקטע מאַסן".

דער גרויסער דיכטער האָט אים געענטפערט:

„מיך האָט געצויגן פון דעם גרויסן זאַטן אמעריקע דאָ צו אייך, דאָ ביי אייך, אין דער אָרימקייט, ווערן געבוירן גרויסע זאַכן.

אריה ציבולע איז געווען גוט באַהאַוונט אין דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור. ער האָט געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון, אַ ספּעציעלע פעיקייט נאָכצוזעדן פינקטלעך יעדע פערזאָן, פונקט ווי ער האָט געקענט

הונדערטער בלאַט גמרא פון אויסנווייניק, אַזוי האָט ער אויך געדענקט פיל דערציילונגען, פּאָעמען און עסייען. ער פלעגט זיי אַריינפלעכטן אין זיינע דרשות. איז דען אַ וואונדער פאַרוואָס ער האָט אויסגענומען מיט זיין שיין רעדן?

ער איז געווען אַ טוער אַ דערציער ביי דער צ״ס־פּאַרטיי. ווען זיין פּאַרטיי האָט זיך פאַראייניקט מי די רעכטע „פּועלי־ציון״, איז אים נישט אַנגעשטאַנען דער שידוך. ער איז געווען דער איינציקער אין שטאָט וועלכער האָט געזאָגט: „ניע פּוידעץ״. ס׳האָט אים, דעם „רייכן קאַפּיטאַליסטישן״ זון נישט אַנגעשטאַנען זיך מתחתן צו זיין מיט די מאַרקסיסטיש־פּועלי־ציוניסטישע רעוואָלוציאָנערן. אפשר צוליב זיין העברעיזם? ער האָט נישט געהאָט בדעה גיין אין דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע. איז ער אריינגעטראָטן אין דער „התאחדות״, געווען העברעישער לערער. זיינע עלטערן ציען זיך דעמאָלט אַרויס קיין וואַרשע, מוטשען זיך, לעבן אין די ערגסטע באַדינגונגען. אריה איז זיך מפרנס פון העברעישע לעקציעס אין דער גרויסער שטאָט פון סאָציאַלע שטרייטן און קאַמפן. די אָרימקייט פון ניסקע, שליסקע, סמאָטשע און דאָס רייכע צעבאַ־לעוועטע קאַפּיטאַליסטישע רחבותדיקע און פאַרשווענדערישע לעבן אין דער גרויסער שטאָט, די סאָציאַלע קעגנזאַצן, דער אויפמאַרש פון די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע פּאַרטייען, די גרויסע זיגן ביי דעם סיים־און שטאָט־ראַט־וואַלן. די מעכטיקע אימפּאָזאַנטע מאי־מאַניפעסטאַציע, די פאַרצווייגטע פּראָפעסיאָנעלע און קולטור פאַריינען רייסן אים מיט. חברים, וועלכע טרעפן זיך מיט אים, קומען אין שטעטל און דערציילן, אַז אריה ציבולע איז אַוועק אויף עקסטרעם לינקע דרכים. ער איז נאָך נישט קיין אָפיציעלער פּאַרטיי־חבר, אָבער ער שטייט אויפן שוועל...

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט אים אין פאַרשידענע ציימן. 1929 — אויפן קאָנגרעס פון ארבעטנדיקן ארץ־ישראל אין וואַרשע, בעת ס׳האָבן אַנטייל גענומען דער פּאַרזיצער פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל ד״ר עמיל וואַנדערוועלדע און דער שליח פון דער הסתדרות, בן־צבי. איך און די פּועלי־ציוניסטישע טוער יצחק סקאַלע און הענאָך זאַיאָנץ, האָבן דעמאָלט גענומען אַ גאַסט־קאַרטע און געגעבן זי אריה ציבולע. מיר זענען דאָן געזעסן צוזאַמען אין קאַמינסקיס טעאַטער אויף אַבאָזשנע. ווו עס איז פאָרגעקומען דער קאָנגרעס, אין איין ריי. ווען אלע רעדנער האָבן גערעדט האָט זיך אריה ציבולע ווי זיין שטייגער געוויצלט, געשטאָכן מיט אַנטי־ציוניסטישע שפּילקעס. מיר האָבן געפּרווט מיט אים פאַרפירן אַ וויכוח. ער האָט נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט און האָט זיך ארויסגעדרייט און איגנאָרירט די דיסקוסיע מיט אַ פּאָר גייסטרייכע ווערטער־שפּילן. מיר האָבן געוווּסט, אַז זיין „לינקיזם״ איז ביי אים צייט־שטי־מונגען, פּאָליטישע אַקראָבאַטיק, סאָציאָלאָגישע בלאַסקענדיקע ראַקעטן, וועלכע זענען געווען דאָן שטאַרק אין דער מאָדע ביי אַ גרויסן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ.

אין גאָר אַ קורצער צייט ארום האָט ער זיך אויסגעטשאַדעט פון דעם

מאָדערנעם סוואַנט, צוריק אַרויף אויפן דרך המלך, באַזעצט זיך אין אַ פּראָ־
ווינץ־שטעטל ווי אַ העברעישער לערער, פאַרט אַרום אין די שכנות׳דיקע
שטעטלעך, האַלט פאַרלעזונגען איבער העברעישער ליטעראַטור. דער אויפ־
שטייג אין ציוניזם, די גרויסע עליה קיין ארץ־ישראל באַווירקט אים אַריינצו־
טרעטן אין דער פאַראייניקטער פועלי־ציוניסטישער פאַרטיי. מ׳שיקט אים קיין
לאָדזש אַלס סעקרעטאַר פון פליישער־פאַראיין, וועלכער איז איבערגעגאַנגען צו
די רעכטע „פועלי־ציון״. אריה ציבולע ווערט אַ טיכטיקער איבערגעגעבענער
געזעלשאַפטלעכער טוער, שרייבט אָפט אַרטיקלען, קאָרעספּאָנדענצן אין דער
פועלי־ציוניסטישער טאָג־צייטונג „דאָס וואָרט״ אונטערן פּסעוודאָנים „ארצי״.
ער קומט קיין וואַרשע אויף אַלע קאָנפערענצן און באַראַטונגען. מאָדנע, שטענ־
דיק ווען מיר האָבן זיך געטראָפן זענען מיר זיך תמיד פונאַנדערגעגאַנגען אין
דער אויפפאַסונג פון פּאָליטישע און סאָציאַליסטישע האַנדלונגען און טאַקטיק.
ווען איך בין געווען אַ באָראָכאָוויסט, אַ „יידישיסט״, איז ער געווען אַ גורדו־
ניסט, אַ העברעייסט; ווען איך האָב זיך „דערנענטערט״ צו העברעייש, גורדו־
ניזם, איז ער געוואָרן אַ „פאַרברענטער״ מאַרקסיסט, אַן אינטערנאַציאָנאַליסט
געטרוימט וועגן דער כינעזישער רעוואָלוציע. בעת דער גרויסער פירער פון
דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, בן־גוריון, האָט געשלאָסן דעם „הסכם״
מיט זשאַבאָטינסקין, האָט ער אויפגערודערט די גאַנצע באַוועגונג. עס האָבן
זיך געשאַפן צוויי צדדים פאַר און קעגן. איך בין דעמאָלט געווען אין וואַרשע,
און האָב געהערט צו די ניין־זאָגער. אריה ציבולע איז געווען פאַר דעם הסכם.

באַלד ביי די ערשטע דייטשישע באָמבאַרדירונגען איז ער אַנטלויפנדיק
פון שטאָט געהרגעט געוואָרן. ערגעץ אויף אַ וועג לעבן לאָדזש, אין אַ ברודער
קבר, ליגט ער באַגראָבן. זאָלן אַלע סאָקאָלאָווער, אין אַלע לענדער, באשר
הם שם, פון צייט צו צייט דערמאָנען זיין ליכטיקן אָנדענק!



א יוגנט־גרופּע מיט ה. לייוויקן (דער זיצנדער לינקס) בעת זיין באַזוך
אין סאָקאָלאָוו אין יאָר 1930

הערשל גרינבערג — דער וויצע בירגערמייסטער
(דער סעקרעטאַר פון סאָקאָלאָווער שטאָטראַט)

הערשל גרינבערג, האָט קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט, שטענדיק האָט ער גע־לערנט און געהאָרעוועט איבער זיך. ביי וועמען צו לערנען איז נישט געווען, דער איינציקער לערער, בערל מעטער, האָט טאַקע געקענט פיין רוסיש, אָבער דאָס האָט הערשל באַוויזן צו קענען אָן אים. און צו בערל מעטערס דיקדוק האָט ער קיין חשק נישט געהאַט, דאָך האָט ער, אַ חוץ די חדר־ידיעות געקענט נישט־קשהדיק העברעיש, וואָס עס האָט אים גענוגט אויף מעיין צו זיין אין תנ״ך.

צו שטודירן האט ער, ווי א זון פון ארימע עלטערן, נישט געהאט קיין שום מעגלעכקייט. אַזוי האָט ער בעל־כרחו אָן לערערס געלערנט, און ביי זיינע זיבעצן־אכצן יאָר געקענט פערפעקט: רוסיש, פויליש, דייטש, און בוכהאַלטעריע. אַחוץ דעם האָט ער געהאַט אַ שטאַרקע נטיה צו מוזיק. האָט ער אויך אַליין געלערנט פידל שפּילן און זיך אויסגעלערנט. אויך דאָ האָט אים אַ סך אַרויס־געהאלפן זיין צארט געפיל און, נאָכנישט קענענדיק קיין נאָטן, צוגעפּאַסט מעלאָדיעס צו זיינע, אַ טייל פאָלקסטימלעכע לידער. אַזוי האָט ער געפונען חן אין די אויגן פון דער שטעטלדיקער יוגנט. און ווען אַ כלה־מיידל צי אַ חתן־בחור האָבן זיך געשעמט צו גיין לערנען צו בערל מעטער, זענען זיי

געקומען צו הערשלען. מען איז אויך צו אים געגאַנגען זיך לערנען שפּילן און איז הערשל געוואָרן לערער פון שפּראַכן, מוזיק און בוכהאַלטעריע.

הערשל סעקרעטאַר ביים בירגעמייסטער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז פאַקטיש געווען דער בירגערמייסטער, ווייל דער דייטשישער בירגערמייסטער איז „א הוליאק״ געווען, און זיך קיין צייט נישט גענומען די שטאָט צו פירן און אין אַלץ זיך פאַרלאָזט אויף אים. הערשל איז געוואָרן דער פאַקטישער שטאָט־פירער, און נישט מיטן כוח פון וועלכער פּאַרטיי אָדער געזעלשאַפט איז ער אין מאַגיסטראַט אריין. ער האָט אָנגעהויבן ווי א פשוטער באאמטער און פון זיין פילזייטיק וויסן און שפּראַכן־קענטעניש, האט דער מאגיסטראט א גרויסן נוצן געהאט, און אים אלץ העכער ארויסגעהויבן.

אַזוי האָט ער איבער אַ שטאָט געהערשט און קיינעם נישט באַהערשט. מיר האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסע מאָראַלישע גבורה, און אין אים אַ גיבור בעמו געזען. בכלל איז געווען צו באַוווּנדערן זיין רויקייט, אין רעדן און באַציונג צו מענטשן, אַלע זיינע טעטיקייטן זענען שטענדיק געווען רויקע און געמאָסטענע. אַזאַ אומאויפהערלעכע רויקייט אין לעבן איז נאָר מעגלעך, ווען זי וואָרצלט אין מענטשנס נשמה־טיפקייט...

איך וויל דאָ אויך צוגעבן אַז אַ חוץ הערשלס אומדערמידלעכע, מתן־בסתר־דיקע צדקה ומעשים טובים פאַר יורדים. (אַ גרויסער טייל פון די געלטער זענען זיינע געווען). האָט ער אויך געזען מ׳זאָל פון די מאַגיסטראַט געלטער פון די שפּייז־זאַפּאַסן פונאַנדערטיילן די נויטבאַדערפטיקע אין דער דעמאָלטיקער הונגער־צייט אין שטאָט. אַזוי האָט מען אויך, לויט זיין איניציאַטיוו, אָנגעהויבן צוריק אויפבויען די מוסדות, וואָס זענען חרוב געוואָרן אין דער שריפה פון צענטן יאר און פארשיטן די טיפע און לאַנגע גריבער, וואָס האָבן זיך געצויגן פון אלי שטעפּערס הייזער ביז צו דער סטריגע. ווי אויך, די אַזויגערופענע זאַמד־גריבער. אָבער לשם ולתפארת איז געווען דער רעמאָנט פון דער שול, בעיקר דער נייער פּרעכטיק שיינער ארון־קודש (צו וועלכן חוה פעסקעס מיט אירע ווייבער האָבן אויך אַ האַנט צוגעלייגט) און די אויג־פאַר־כאַפּערישע מאָלערייען פון דער שול, אויסגעפירט פון אַ מעזריטשער באַרימטן מאָלער, אַ קינסטלער אין זיין פאַך (רעקאָמענדירט פון משה דעם רבינס). די אויסגעמאָלטע חיות און עופות האָבן ווי לעבעדיקע אויסגעזען. דעם גרויסן פלאַץ אַרום דער שול אויסגעגלייכט און מיט אַ טראָטואַר ברוקירט. לסוף האָט הערשל איבערראַשט מיט זיין שיינער, רייכער מתנה, דעם גרויסן הענגלייכטער פון סופיט ביז איבערן באַלעמער. איז מען אין שול אַריין, האָט מען נישט געקאָנט די אויגן אָפּרייסן פון דער מאָלעריי און פון דעם הענגלייכטער.

אין 1919 איז הערשל מיט דער משפחה אַריבער קיין וואַרשע, וווּ ער

ווערט אַרויסגעבעבער פון ביכער און זשורנאַלן און גרינדעט אויך אַ דרוקערײַ. ער דערוועבט זיך באַלד דאָרט גרויס צוטרוי צווישן די דרוקער, פאַרלעגער און פריינט פון דער שרייבערישער משפחה. געווען צייטן ווען זיין הויז און דרוקערײַ זענען געווען אַ ליטעראַטן־פּאַרייך אין מיניאַטור, ס׳האָבן זיך דאָרט געטראָפן רעדאַקטאָרן, שרייבער און פאַרלעגער.

הערשל גרינבערגס הויז איז אויך געווען דער טרעפפונקט פון די סאָקאָלאָווער וואָס פלעגן קומען זיך שואל־עצה זיין מיט אים וועגן זייערע ענינים. אַזוי האָט די גרויסע וואַרשע נישט באַוויזן צו מינערן פון הערשלס מידות טובות.

הערשל, זיין פרוי רחל און די קינדער חיהלע און מאָטעלע זענען גע־הרגעט געוואָרן בעת דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד אין 1943 הי״ד, לעבן געבליבן זענען דער זון אייזיק (אין רוסלאַנד) און די עלטסטע טאָכטער העלע מיט איר מאַן משה זאיאָנץ (זון פון ר׳ אהרן אשר ז״ל), וועלכע געפונען זיך אין ישראל.

הערשל איז אומגעקומען אין עלטער פון פינף און פופציק יאָר. און דאָס איז זיין באַשיידענע מצבה, ווי באַשיידן ער איז אין לעבן געווען.

אלתר בן־ציון שוסטער הי״ד

אַלטער שוסטער האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרעקשנט, געווען אַ „מעביר על מידותיו״, זאָל מיינס איבערגיין״, אָבער אין געזעלשאַפטלעך־אידעאישע

ענינים, איז ער געווען אַ שטאַרקער „עומד על דעתו״, און ווי אַ שטרענגער

סאָלדאַט אויף שמירה, קיין טראָט נישט אָפּגעטראָטן. און אַזוי, מיט די דאָזיקע מידות־טובות, איז ער אַריין אין דער „פּועלי־ציון" פּאַרטיי און אין זיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן.

ווען מען האָט אים אַמאָל געפרעגט, ווי האָסטו אַזאַ שפּרונג געטון צו ווערן אַ פּאַרטיי־מדריך? האָט ער געענטפערט. ס'איז אַ ליידיקער פּלאַץ געווען, בין איך אין אים אריין, „במקום שאין איש, איז הערינג פיש".

מאָלט אייך אַז עס איז נישט געווען, ווי ער האָט זיך אַזוי עניוות'דיק אויסגעדריקט. נאָר געהאָלפן האָט דאָ זיין פעיקייט, תופס צו זיין, אויף וויפל אַלדאָס אַרומיקע לאָזט זיך אַריינפּאַסן, אין דער אָדער יענער געזעלשאַפטלעכער אידעאישער ראַם. אַלטער האָט זיך געקאָנט דערטראַכטן אין אַ מחשבה, ביז איר יסוד. זייענדיק אינגאַנצן אַנדערטהאַלבן יאָר אין ביאַליסטאָק, ווי ער איז שוין געווען אַ פּרנס אין דער דאָרטיקער קהילה האָט ער אין די דרייסיקער יאָרן
שוין געווען אַ פּרנס אין דער דאָרטיקער קהילה, האָט ער אין די דרייסיקער יאָרן
פעסטן יסוד, ווי דער בעל־מלאכה איז געוואָרן א חבר פאַר אַ קליינעם בייטראַג, און געקריגן סחורה אויף קרעדיט און אויף אויסצאָלונג.

און טאָקע די האַנטווערקער און די רעכטע „פּועלי־ציון" האָבן אים אין דער קהילה געשיקט. פאַר אַ פּרנס געמאַכט, זייענדיק אויך דער סעקרעטאַר פון די האַנטווערקער.

אַזוי האָט מען געזען אלתרס אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייט און זיין אידעאלע איבערגעגעבנקייט און אים אויך דעלעגירט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די רעכטע פ. צ., ווי אַ פאָרשטייער פון דער פּראָווינץ, און אַזוי ווי אברהם ביאַלאָפּאָלסקי, דער מנהיג פון די רעכטע פ. צ. אין וואַרשע, איז אויך געווען אין קאָמיטעט פון „קרן־הקימת" אין פוילן, האָט ער געבעטן אַלטערן, ער זאָל זען מ'זאָל בעסער אָרגאַניזירן די דאָרטיקע „קרן־הקימת" אַרבעט. און אַלתר איז דאָ ווידער געווען „במקום שאין איש", און ער האָט אויך אָרגאַניזירט די דאָזיקע אַרבעט.

אַזוי האָט מען אים מקריב געווען אויף פיר מזבחות: פּאַרטיי, האַנטווערקער, פּרנס און קרנות (אין „קרן היסוד" טעטיקייט). דאָ פאַרלאָזט ער זיין שטעפּערײַ־וואַרשטאַט, און פון זיין אַ פּרנס ביז פּרנסה, איז אַ ווייטער מהלך. דאָ איז חוה, אַלתר'ס פרוי, די סוחרישע טאָכטער, פון ר' שמואלקע חיימס (שניידער), דעם לעדער סוחר, אַוועק צו איר ברידער שמעונען (געוווינט אין ביאַליסטאָק), גענומען אַ פּעקל לעדער און אַ הורט פּרייז (אפשר אונטערן פּרייז), פאַרקויפט לאחדים, די בעלי־מלאכות, און געראַטעוועט די משפּחה פון חרפּת־רעב אַן איבערגעגעבענע פּאַרטיי חברטע, אָבער „לא על הלחם לבדו, יחיה האדם" און חוה האָט קוים אויף ברויט פאַרדינט. דערנאָך איז אלתר געוואָרן באַשטעטיקט ווי אַן אינפּסטרוקטאָר פון „קרן־הקימת" אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן מיט אַ געהאַלט.

דאָ האָט זיך פאַר אַלתרן אָנגעהויבן אַ שפּאָגל נייע עסקנות. אַרויס־פּאַרנדיק פון צייט צו צייט אין דער ביאַליסטאָקער פּראָווינץ, אין די ענינים פון קק״ל, פאַרנעמט ער זיך אויך מיטן פאַרשטאַרקן די ציוניסטישע אַרבעט, ער וויזט דערביי אַרויס אַן אויפשטייגנדיקע רעדנער־פעיקייט. ער גרינדעט דעמאָלט, אין יענעם ראַיאָן דעם „העובד״, און אויך דאָ האָט חוה, זיין פרוי, אים געהאָלפן. ווען ער איז אַרויסגעפאָרן פון ביאַליסטאָק, פלעגט זי גיין אין דער קהילה, דערלייזיקן געוויסע פילאַנטראָפּישע ענינים פאַר נויטבאַדערפטיקע.

* * *

אלתר שוסטער איז געבוירן געוואָרן אין 1898 בערך. נאָך זיין פאָטערס טויט (יענקל שטעפּער) לערנט דער עלף יעריקער אלתר, דער „לערנער״, שטע־פּעריי. ער האָט אָבער אויך גאַנץ פרי אָנגעהויבן לייענען כל מיני ליטעראַטור און נאָך גאָר יונג, געווען פאַרעכנט פאַר אַ קענער פון באַראָכאָוויזם.

אין 1925 איז אלתר עולה קיין ארץ ישראל.

אין 26־טן יאָר קומט אויך חוה מיטן קינד, אוןביידע הויבן אָן קרענקען. און די דאָקטוירים הייסן איר מיטן קינד גלייך צוריקפאָרן. אלתר בלייבט אין ארץ־ישראל, ער פאַרדינט נישט שלעכט, שפּאָרט אָפּ געלט, כדי ווידער צו ברענגען חוה׳ן מיטן קינד אין לאַנד אַריין. אין 32־טן יאָר פאָרט ער אַרויס קיין ביאַליסטאָק, וווּ חוה׳ס משפחה האָבן שוין דאָרט פון פריער געוווינט.

אין 1937 איז אלתר געווען גרייט עולה צו זיין מיט דער משפחה און ווידער זענען געווען מניעות און איין פרילינג 1939 איז ער דערצו געווען קאָמ־פּלעט פאַרטיק, דאָך האָט זיך זייער עולה זיין פאַרשלעפּט ביזן מלחמה אויסברוך.

אלתרן האָט מען אין יוני 1941 אַרעסטירט אין ביאַליסטאָק, און באַלד צומאָרגנס — חוה׳ן מיט די קינדער קיין רוסלאַנד פאַרשיקט, און ווען דייטשלאַנד הייבט אָן די מלחמה מיט רוסלאַנד, צעעפענען די רוסן די טורמעס. באַלד זענען די דייטשן אַריין, פאַרשפּאַרט די דאָרטיקע יידן אין געטאָ, צוזאַמען מיט זיי ווערט אויך אלתר שוסטער אומגעבראַכט.

בערל מעטער־בוימאַן

איך בין נאָך געווען אַ קינד, ווען מיר האָבן געוווינט אין יום־טובֿ׳ס הייזער, אידער אלי שטעפּער האָט זיי אָפּגעקויפט, און אין איינע פון די שטיבער, האָט אויך געוווינט בערל מעטער, הינטער ווערמענס פענצטער, מיר חומש יינגלעך, פלעגן נישט מיד ווערן צו שטיין און הערן זיינע קלאָרע חומש־טייטשן, און דאָס אונטערשיידן פון אונדזערע רבּיס האַלבע ווערטער און אומ־קלאָרע טייטשן, געמישט מיט רש״י־אויסרעדעכץ. נאָך מער האָט אונדז גע־חידושט די אָרדענונג און די שטילקייט ביים לערנען.

אַט ענדיקט בערל מעטער די פּרשה חומש און די קינדער הויבן אָן איבערחזרן, איז עס פּונקט ווי אַן איינגעסדרטער כאָר. און טאָמער וויל איינער איבערשרייען, הייסט ער אים אײַנגאַנצן שווייגן און דער „כאָר" לערנט זיך ווייטער.

מיר, קינדער, האָבן צווישן זיך געשמועסט, אַז אַזוי האָט אוודאי משה רבינו געלערנט תורה מיט די ייִדן אין מדבר. ער פלעגט מיך אַריינגעמען אין חדר און מיט מיר לערנען. מ'האָט צו אים אַריינגעגעבן לערנען, מײַנסטנס בעל־מלאכהשע קינדער, אויך אַ קליינע צאָל קינדער פון האַלב־משכילישע טאַטעס, און פון די צוויי־דריי משפחות „פּאַשעלענשטשיקעס". און אויב ס'האָט ווער פון די פרום־חסידישע קינדער ביי אים געלערנט, איז עס נאָר געווען ראָסיש.

בערל מעטער איז נישט „געגאַנגען" קורץ געקליידט. זײַן קאַפּאָטע, האָט אויסגעזען אַ ביסל קירצער, צוליב די לאַנגע הויזן איבער די „שטיוועלעטן". דער איינציקער שינוי אין זײַן לבוש, איז דער גלייך־גלאַטיקער העמד־קאָלנער. ער האָט אויך פון זײַן לאַנג־ברייטער באָרד קיין האָר נישט גערירט. האָט אָבער נישט געליטן מ'זאָל אים רופן „רבי", ווי די מלמדים, נאָר לערער, און אויך זיך נישט אַרויסגעהאַלפן, מיטן קאַנטשוק.

בערל מעטערס חדר, הגם אַן שול־מעבל, איז געווען אַ ביסל שול־מעסיק, צוליב דעם שטענדיקן זיצן פון תלמיד אויף אייך אָרט, דאָס רופן אים לערער, די זויבערקייט פון טיש און באַנק און פון צימער אַרום, און דער ספּעציעלער תנ"ך־לימוד, וואָס אין די חדרים איז עס נישט געווען מיט אזא

קלאָרן טייטש. און טאָמער האָט ער געברויכט „אַ שטיקל״ רש״י צי אַן אויס־רעדעכץ, איז עס אין אַ ריינעם יידיש געוועזן. און אויב האָט אַ קינד אַ שווער קעפּל געהאַט, און מ׳האָט געדאַרפט אַ ביסל אונטערהאַרעווען מיטן מסביר זיין, פלעגט ער פון ביבולקע־ביכעלע, אַ בלעטעלע זייד־פּאַפּיר אַרויסנעמען; אַריינשיטן אַ ביסל „ווישע־סרעדניע״ טיטון, און מאַכן אַ זייער דין פּאַפּיראָסל, פאַרויכערן און אַן רוגזה געפונען אַ לייכטע הסברה.

פלוצים איז אונטערגעקומען אַ צאַרישע גזירה צו לערנען רוסיש אין די חדרים און ס׳איז צווישן די מלמדים און כלל־טוערס געוואָרן אַ געלויף צו „נאַטשאַלסטוואָ״ וועגן אָפּרופן די גזירה. איינמאָל נאָך מנחה, האָבן זיך אין ביאַלער שטיבל געטראָפן אליעזר שכנאס ראָזנצווייג דער דאָזאָר, און בערל מעטער און זיך צעגויפגערעדט ווי צו פאַרלייכטערן די גזירה (אויב מ׳וועט איר נישט קאָנען אָפּרופן) און אַזוי ווי ביז וואָס־וועזן, איז געבליבן מ׳זאָל אַריינגיין אין דער נאָענט, צום אַלטן דאָזאָר ר׳ וועלוול ציבוליע, און מ׳וועט זעען וואָס מ׳האָט צו טון, און שפּעטער, האָט מען אויך צו וויסן געטון ר׳ נחמן דודן, דעם דריטן דאָזאָר, און זאַלבערפערט זענען אַרייַן צום רב, ר׳ בנימין אליך, וואָס האָט אויך גערעדט אַ גוטן רוסיש — און ס׳איז געבליבן ווי בערל מעטער האָט פאַרגעלייגט, אַזוי ווי ער איז אַן אָפיציעל־אַנערקענטער רוסישער לערער, וועט ער אַריבערפאָרן קיין שעדלעץ צום אינספעקטאָר און נעמען אויף זיך דאָס לערנען רוסיש אין די חדרים. אַזוי איז ער געפאָרן און צוריק־געקומען מיט אַן אָפיציעלן „פּאַפּיר״, אַז ער איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ ממונה איבערן רוסישן לימוד אין די חדרים. ווי אויך, אַז ביים עפענען אַ „חדר״ מוז זיין די אונטערשריפט פון בערל מעטער. אויך האָט ער איבער־געגעבן, אַז ווי ס׳זעט אויס, וועט די גזירה בטל ווערן, ווייל אויך די פּאָלאַקן זענען שטאַרק דאַקעגן; ס׳איז באַלד געוואָרן כמעט אויס גזירה, און מ׳וועט אָפּקומען בלויז מיט די טיטלען פון דער קייזערלעכער משפחה.

פון דעמאָלט אָן איז געהאַנגען נעבן פּאָרטרעט פון רוסישן קייזער, אויך די „ראַזראַשעניע״ און בערל מעטער האָט געקריגן פון די מלמדים וואָכן־געלט, און דאָס האָט גערעכנט דעם שטילן לערער בערל מעטער, פון חרפת־רעב.

און בערל מעטער פלעגט קומען איינמאָל אין וואָך (אַמאָל איינמאָל אין צוויי וואָכן) לערנען די קייזערלעכע טיטלען אויף אויסווייניק. די קינדער האָבן געדאַרפט אַלע אין איין כאָר, דערנאָך איינציקווייז זאָגן די טיטלען פון דער רוסישער קייזערלעכער פאַמיליע.

בערל מעטער איז געווען אַ לערער מיט אַ שטאַרקן פּעדאַגאָגישן חוש און אַ טיפער קענטעניש פון העברעיש און רוסיש. ער האָט געהאַט אַ השפעה אויף זיינע תלמידים, אין וועלכע ער האָט פאַרוואָרצלט אַ רצון צו קענטעניש און וויסנשאַפט. ער האָט אויך געלערנט מיט קינדער פאַר אַ העלפט געלט

און מיט אַ טייל קינדער, אפילו אומזיסט. (וואָס מ׳האָט נישט געזען ביי קיין שום מלמד און לערער אין שטאָט). ער איז אויך געווען דער בעסטער בעל־קורא אין שטאָט, און ווען מ׳האָט אים געוואָלט אויפנעמען פאַר אַ בעל־קורא פאַר געצאָלט, האָט ער נישט געוואָלט.

פון דער משפחה אין פוילן, איז דאַכט זיך, קיינער נישט געבליבן, דבורה איז געשטאָרבן אין אַמעריקע אין 1943 און איר מאַן אין 1948 (ער פלעגט דאָרט לערנען שבת פאַר אַן עולם אומגעצאָלט) איבערלאָזנדיק קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך גאַנץ יידישלעכע.

אברהם ביאלילעוו
(גבעתיים)

ר׳ ישראל יצחק׳ל סופר

ר׳ ישראל יצחק׳ל סופר פלעגט זיצן אין דעם לאַנגן, טונקעלן צימער פון חיי־אדם שטיבל, אָבער נישט צוזאַמען מיטן עולם ביים טיש, נאָר באַזונדער הינטערן גרויסן ציגעלנעם אויוון.

אַליין אַ טונקל־הויטיקער, מיט אַ שוואַרצער באָרד, איינגעהילט אין דער שוואַרצער קאַפּאָטע, האָט ער זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער שווערער טונקלקייט פונעם שטיבל, און אַזוי זיצנדיק, איז ער געווען פאַרטראָגן אין מהשבות וועגן דער נישטיקייט פונעם מענטש קעגנאיבער גאָט און וועלט.

די גרויסע און טיפע ענייוות האָט אים אַוועקגעשטויסן פון טיש, און ער האָט זיך שטענדיק געזוכט אַ ווינקל הינטערן אויוון. דעם קאָפּ האָט ער שטענדיק געהאַלטן אַראָפּגעבויגן, און די אויגן נאָך מער אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. זיינע מחשבות זענען געווען פאַרזינקען אין דער עבודת הקודש, וואָס ער פירט אויס ווי אַ סופר פון ספרים, תפילין און מזוזות.

ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשטופּט צום טיש און האָט נישט זוכה געווען, מען זאָל אים מכבד זיין מיטן בענטשן. דערפאַר האָט מען זיך אין אים דערמאָנט ווען מ׳האָט געדאַרפט וועמען צו שיקן צום עמוד דאַווענען מעריב. ווען דער גבאי האָט אים געהייסן צו גיין צום עמוד, איז ער באַלד צוגעגאַנגען און אויסגעברומט „ויהי רחום יכפר עוון״.

ווען ר׳ ישראל יצחק׳ל סופר האָט, אַהיימקומענדיק מוצאי שבת פון מעריב, איבערגעטראָטן די שוועל פון זיין קליין שטיבל, פלעגט ער שטיל אויסברומען „גיט וואָך״ צו זיין ווייב, וועלכע האָט אָקאָרשט פאַרענדיקט די תפילה פון „גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב״.

תמיד אַ ווייַלע פאַרטראַכט, ווי ער האָט נאָך געוואָלט פאַרהאַלטן אַ ביסל דעם הייליקן שבת, האָט ער אין דער פינצטער אויסגעזוכט 2 ליכטלעך צו הבדלה און מיט אַ שטיל הייזעריק קול געזאָגט „הנה אל ישועתי״, „ויתן לך״ און אַלע אַנדערע מזמורים פון שבת־צונאַכטס, האָט ער געזאָגט מיט אַ פשוטן, איינטאָניקן קול אָן אַ ניגון און אָן התלהבות, ווייל זיין גאַנץ וועזן איז געווען שטילער ווי וואַסער און נידריקער ווי גראָז. זיין נשמה האָט זיך נישט געקאָנט צעזינגען, ווייל ער איז שטענדיק געווען אין אַ מצב פון בדחילו ורחימו, ציטערנדיק און פלאַטערנדיק פאַר דער געטלעכער גרויסקייט. ער האָט כמעט קיינמאָל נישט אויפגעהויבן די אויגן, ווי מורא האָבנדיק אַ בליק צו טון אין דעם געטלעכן אָפּשיין פון דער אַרומיקער וועלט.

ווען די וועלט איז נאָך געווען איינגעהילט אין פינצטערניש, פלעגט

זיך שוין ר׳ ישראל יצחק׳ל סופר וועקן פון שלאָף, כדי צו קומען אין בית־המדרש אַריין צום ערשטן מנין. פאַרשטייט זיך, אַז זיינע הכנות צום עסן און בענטשן האָבן געדויערט לענגער ווי דאָס עסן אַליין — אַ שטיקל אַלט ברויט און אַ ציבעלע.

דאָס שרייבן די ספר־תורה איז ביי אים נישט געווען קיין מלאכה, נאָר אַן עבודת הקודש. ביים שרייבן דאָס ספר האָט ער געפילט מיט זיין גאַנצן וועזן, אַז מיט יעדן אות ווערט אַ מלאך באַשאַפן. ביים שרייבן איז ער אינגאַנצן געווען איינגעהילט אין קדושה און געציטערט פאַר יעדן פּגם הס ושלום. דעריבער דאַרף קיין וואָרט נישט ניט אַרויס פון זיין מויל. טאָג איין, טאָג אויס שוועבן מלאכים אַרום די אותיות, קוקן אַרויס פון די פאַר־מעטענע יריעות. די ספר־תורות ווערן אַריינגעשטעלט אין ארון־הקודש, אויס־געצירטע מיט זיידנס און סאַמעט, באַגלייט מיט מוזיק און טענץ. ער פלעגט אויך דעמאָלט בלייבן אין זיין קליינעם שטיבל שטיל און איינגעשלאָסן אין זיך אין אַ ווינקל דאָרט אינטערן ציגעלנעם אויוון.

קיינער האָט קיינמאָל נישט געוווּסט ווער ר׳ ישראל יצחק׳ל סופר איז. אַ סופר פון ספר־תורות, תפילין און מזוזות אָדער גאָר אַ גרויסער נסתר באַגלייט פון מלאכים און שרפים.

איניקע יאָר פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג איז ער געשטאָרבן, און מיט אים איז אַוועק אַ זעלטענע געשטאַלט.

אלתר חיים קאפּאָווי ז״ל

להיפך דעם אויסזען פון יידן מיט בלאסע איינגעפאלענע באַקן און הכנעהדיקע געבויגענע פּליצעס, איז ער דערשינען מיט זיין גלייכער פיגור און שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ. דערצויגן אין אַ סביבה פון קליינעם שטעטל (אין ווענגראָוו) צווישן די ווענט פון חסידים־שטיבל און בית־המדרש, האָט ער זיך מיט יוגנטלעכן ברען און ענערגיע אַ וואָרף געטון אין דעם שטראָם פון אויפגעוואַכטן ציוניזם און אָנגעהויבן ווירקן און אַרבעטן אין דער מזרחי־פאַרטיי, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געהאַט געגרינדעט אין סאָקאָלאָוו. אין זיין עסקנות האָט ער זיך אָפט אויפגעהויבן איבער אַלע פאַרטייען און פאַרנומען דעם אויבנאָן כמעט אין אַלע אַקציעס פון שטאָט.

זיינע אָפטע אויפטריטן אויפן פאָרום פון שטאָט־ראַט, ווו די מערהייט איז געווען אַ פּוילישע, זענען געווען מוטיקע און אַרויסגערופן צו זיך דרך ארץ אויך מצד די פּאָליאַקן.

מיטן גאַנצן ברען און ענערגיע האָט ער אויסגעקעמפט סובסידיעס פאַר

ריין יידיש־נאַציאָנאַלע צוועקן ווי קרן־קימת, קרן־היסוד, תלמוד־תורה, מקוה, שול א. א. וו.

ער פלעגט אָפט מקריב זיין זיינע פּריוואַטע אינטערעסן לטובת הכלל. בעלאַסטעט מיט אַ גרויסע משפּחה, פּאַר וועלכער ער האָט באַדאַרפט שווער אַרבעטן אויף פּרנסה, האָט ער זיין צייט נישט געשפּאָרט פאַר כלל אַרבעט; אין מיטן טאָג פלעגט ער פאַרלאָזן זיין קראָם און וואַרשטאַט און אַוועק אויף אַ לאַנגע זיצונג אין שטאָט־ראָט אָדער יידישע קהילה.

ער האָט אָנטייל גענומען אין אַלע דעלעגאַציעס און אינטערווענצן ביי דער אָרטיקער און צענטראַלער מאַכט, אָפט אונטערוועגירן קעגן גזירות אָדער אומרועןן, וואָס זענען געווען אַן אָפטע דערשיינונג.

ער איז געווען וויַיט פון שתדלנות אין זיינע פאָדערונגען צו דער מאַכט זענען געווען באַזירט אויף דעם פּרינציפּ פון רעכט. נישט לאַנג פאַרן צווייטן וועלט־קריג, האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין וואַרשע, און זיך דאָרט אויפסניי איינגעאָרדנט, אָבער אין די פינצטערע צייטן פון היטלעריזם איז ער צוריק אַריבערגעפאָרן קיין סאָקאָלאָוו, וווּ ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. נאָר איין טאָכטער האָט זיך געראַטעוועט פון אומקום און לעבט אין ישראל.

ר׳ יעקב לייב בלומבערג ז״ל

יעקב לייב דער מלמד איז געווען איינער פון די לומדים אין בעלי־פּלפּול אין סאָקאָלאָוו.

גערופן האָט מען אים אין משאָט יעקב לייב מענדל מאיר אָפּאָטשנערס: יעדן איז גלייך קלאָר געוואָרן, אַז ער איז געווען אַ זייטיקער מענטש און שטוב. דעם רובל שכר־לימוד האָט זיין מינדל צוגענומען און שוין געוווסט, ווי אַזוי אים איינצוטיילן, אַז מען זאָל קאָנען איבערקומען די וואָך חיונה: 10 גראָשן אויף צוקער, 10 קאָפּיקעס אויף קליינינקע חלהלעך אויף שבת, 5 קאָפּיקעס אויף אַ ביסל הירזש מיט אייל און 5 קאָפּיקעס אויף אַ לאַבן ברויט.

יעקב לייב האָט געהאַט אַנדערע זאַכן אויפן קאָפּ. איינחזרן אַ שווערן מהרש״א מיט זיינע תלמידים, צוגרייטן אַ פּלפּול צו אַ שווערע סוגיא אין דער גמרא.

ער איז אַרומגעגאַנגען אין זיין שטיבל איינגעהילט אין זיין אַלטן אָבגעבליאַקעוועטן שלאַפראָק, וועמענס קאָליר עס איז נישט געווען צו דערקענען די הענט פאַרלייגט איינע אויף די אַנדערע, האָט ער שפּאַצירט אין זיין קליינעם שטיבל אַרויף און אַראָפּ, נישט פילנדיק ווען ס׳איז הייס אָדער קאַלט; זיין קאָפּ איז געווען תמיד פאַרנומען מיט איינטייטשן אַ שווערע גמרא א. א.

אזוי אַז ער פלעגט אפילו נישט באַמערקן אויב די קינדער זענען שוין דאָ אין חדר.

אין די לעצטע יאָרן איז ער געוואָרן אַ סגי־נהור און אויך דעמאָלט, זייענדיק אַ בקי אין ש״ס און פוסקים, איז ער אַרומגעגאַנגען אין זיין שטיבל און געלערנט אויף אויסנווייניק אַ בלאַט גמרא. ס׳פלעגן צו אים אַריינקומען פאַרשידענע בחורים און יונגעלייט, כדי צו באַקומען הסברים צו פאַרשידענע שווערע סוגיעס פון תלמוד און דאָס איז געווען ביי אים די גרעסטע באַפרידעקונג. געשטאָרבן אין סאָקאָלאָוו איינעקע יאָר פאַרן צווייטן וועלט־קריג. מיט זיין טויט איז אַוועק אַ זעלטענער למדן.

הערשל רייזמאַן

(דער איינציקער יידישער באַאַמטער אין סאָקאָלאָווער מאַגיסטראַט)

דער איינציקער מענטש, וועלכער האָט זיך פאַראייביקט מיט זיינע אונטערשריפטן אין די דיקע היפּאָטעק־ביכער, איז געווען הערש רייזמאַן ע״ה. בערך 60 יאָר איז הערשל רייזמאַן געווען דער שטענדיקער עדות פון די פאַר־

אינטערעסירטע סאָקאָלאָווער יידן ביי דעם בירגערמייסטער; ער האָט צוזאַמענגעשטעלט די פאַשידענע מעטריקעס, טויט־שיינען און חתונה־אַקטן ווי אויך אַלע אַנדערע דאָקומענטן. די אַרבעט האָט אים מחייב געווען צו קענען דעם אָפּשטאַם פון אַלע איינוווינער, און ווירקלעך איז ער געווען אַ גייענדיקער ספר־היוחסין פון דער יידישער באַפעלקערונג אין סאָקאָלאָוו. עס איז גענוג געווען צו פרעגן הערשל רייזמאַן, ווי ס׳האָט געהייסן וועמענס אַ משפחה־מיטגליד, און פון זיין זכרון זענען געפאַלן די ריכטיקע נעמען און יאָרן, נעמען און דאַטעס. ער

איז געווען די נישט געקרוינטע, העכסטע אינסטאַנץ צו אידענטיפיצירן כמעט אַלע איינוווינער פון שטאָט. ווען ער האָט געמאַכט זיין געווענלעכן טאָג־טעגלעכן שפּאַציר איבער די גאַסן און געסלעך פון סאָקאָלאָוו, האָבן אים באַלד אַרומ־גערינגלט צענדליקער מענטשן, וועלכע האָבן דערוואַרט עפּעס אַ קוויטל פון מאַגיסטראַט אָדער אַן אַנדערן אַמט. הערשל רייזמאַן האָט שוין געדענקט אויס־ווייניק ווו דאָס קוויטל ליגט און עס איבערגעבן מיט גרויס חשיבות. ווער עס האָט זיך פון אים אָפּגעשיידט מיט אַ צופרידענע מינע אויפן פּנים, און ווער — מיט אַ באַזאָרגט פּנים. זיין באַוויזן זיך אויף דער גאַס האָט געמאַכט קלאַפּן פיל הערצער, פון נייגיר צו וויסן וואָס טראָגט ער דאָרט אין זיינע 2 גרויסע טאָוולען.

אַדאַנק זיין מיטהילף און עצות האָבן פיל מענטשן אפילו אין טיפן עלטער באַוויזן איינצואָרדענען זייערע מעטריקאַלע דאָקומענטן וועלכע זענען נאָך נישט געווען געאָרדנט, וואָס האָט זיי געשטערט אין נאָרמאַלן לעבן. איבער־הויפּט איז די דאָזיקע הילף זיינע געווען שטאַרק נוצלעך די אָרימע שיכטן.

הערשל לאַפּאַטע דער שפּיליטער

הערשעל שפּילטער האָט נישט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע קיין רייטוועגן, וועלאָסיפּעדן, און אוודאי אויך נישט קיין מאַשין. ער האָט זיך באַנוגנגעגנט מיט זיינע פיס, מיט וועלכע ער פלעגט, פון באַגינען ביז שפּעט ווייט נאָך האַלבער נאַכט, אַרומשפּרייזן איבער דער שטאָט, געוועלבן אין אַלע פאַרשידענע געסלעך און הייף, כדי אויפצונעמען זיינע באַשטעלונגען: וועמען אַ ביסעלע פּודער, אַ פלע־שעלע קאָלאָנסקע וואַסער, לאָקן פאַר דבורה פּיניעס צום אויסענדיקן אַ שייטל, אַ טלית פאַר אַ חתן צו אַן אויפרוף, אַ שוואַרצן שאַל פאַר אַ מחותנתטע צו דער חתונה, אַ מצה טישטעכל, אַ פאַר מעשה־ביכלעך פאַר אַשר מוכר־ספרים און נאָך צענדליקער זאַכן, וועלכע ס'איז אוממעגלעך אויסצורעכענען. אַוועקצופירן סחורה קיין וואַרשאַ און צוריק פאַר די געוועלבן פעקלעך, און אויך אַ בריוועלע פון אַ חתן אָדער אַ כלה־מיידל וואָס האָט געאַרבעט אין וואַרשע.

אויף זיין פּנים איז שטענדיק געווען אויסגעגאָסן אַ שמייכל, אים איז אומ־מעגלעך געווען צו דערצערנען אָדער דערנערווירן.

אין וואַרשע האָט הערשעל שפּיליטער אויך געטון דאָס זעלבע: אַרומגעשפּרייזט איבער די געשעפטן און הויכע שטאָקן אויך, אַ בעהאַנגענער מיט צענדליגער פעקלעך פון אַלע זייטן, האָט ער זיך צוריקגעקערט צו דער באַן אָדער אויטאָבוס.

אין זיין קאַלקולאַציע פון אויסגאַבן האָט ער נאַטירלעך נישט אַראָפּגע־רעכנט נישט קיין עסן און נישט קיין הוצאות. מיט די קאָנדוקטאָרן איז ער דאָך געווען גוט באַקאַנט, מיט אַ בילעט אָדער — אָן אַ בילעט. אויך דאָס זעלבע מיטן

עסן: יאָ עסן, נישט עסן, — דער עיקר, אַבי צו פֿאַרדינען אַפּאָר גראָשן פֿאַר ווייב און קינדער אויף שבת.

ערשט שבת, אַנשטאָט אָפּצורוען זיך פֿון דער לויפֿעניש אַגאַנצע וואָך, האָט ער גענומען אַ פּאָר קוישן און מיט נאָך יידן אַרומגעגאַנגען איבער די שטאָט אויפֿ־צוזאַמלען חלה׳ס און ברויטן, וועלכע ער פֿלעגט אַריינטראָגן אין די הייזער פֿון אָרעמע לייט. אָט אַזוי האָט זיך געפֿירט הערשעל שפּיליטער.

גאָלדע די וועשין

גאָלדע די וועשין, אַ קליינע דאַרע פֿרוי, פֿון לאַנגע יאָרן אַן אַלמנה מיט איר יינגל די וויסטע קאַליקע, האָט געוווינט אין אַ קליין ענג שטיבעלע, גרין אויסגעקאַלעכט מיט די אייגענע הענט. מיט איר אַרבעט באַדינט זי הינדערטער משפּחות, וועמען מיט וואַשן די „פּאָדלאָגעס״, אָדער וועש ביים טייכל („די סטריי־גע״), און וועמען מיט אויסקאַלעכן אַ שטיבל.

אָנגעהויבן איר אַרבעט פֿלעגט זי באַגינען, ווען ס׳איז נאָך געווען פֿינסטער אין דרויסן, און ענדיקן — שפּעט אין דער נאַכט. איר פֿאַרדינסט האָט באַטראָפֿן גראָשנס, מיט אַ צולייג פֿון אַ וואַרעמע גריץ, עטלעכע שטיקלעך חלה אָדער אַ פּאָר קיכלעך פֿון די בעלי הביתטעס. דאָס באַקומענע האָט זי מיט אירע ציטערנ־דיקע הענט פֿאַרוויקלט אין איר נאָסן פֿאַרטעך און מיטגעבראַכט פֿאַר איר קאַליקע, נעבעך, ער זאָל האָבן מיט וואָס זיך מחיה צו זיין.

דאָס קליינע דאַרע גופֿל האָט אַליין געאַרבעט פֿאַר אַ שטאָט יידן, וואָס ביי מאָדערנע באַדינגונגען וואָלט מען צו דעם צוועק באַדאַרפֿט האָבן אַ סך מענטשן. ווי האָט זי גענומען כוחות צו דעם, ווייסט נאָר איין גאָט.

זי איז מיט איר אַרבעט געווען ווי אַ גוף מיט אַ נשמה. די שווערע אַרבעט האָט נישט געקענט געטאָן ווערן אָן גאָלדע די וועשן און זי, האָט נישט געקאָנט לעבן אָן שווערע אַרבעט.

זאָלן מיר ביים דערמאָנען די סאָקאָלאָווער קדושים נישט פֿאַרגעסן די געשטאַלט פֿון דער ערלעכער האָראַפּאַשניצע גאָלדע, די וועשין.

חיים ברוך דער וואַסער-טרעגער

אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנגן כאַלאַט אַרומגעבינדען מיט ספֿק אַ גאַרטעל, ספֿק אַ שטריק און מיט צוויי קאַראָמיסלעס מיט עמער אויף די אַקסלען, איז געווען די וואַסערלייטונג פֿון שטאָט. דאָס איז געווען חיים ברוך דער וואַסער־טרעגער. קיינער האָט נישט געוווסט ווו ער וווינט, ווו ער עסט, ווו ער דאַווענט, און וויפֿיל איז ער אַלט.

חיים ברוך האָט שטענדיק געשפּאַנט מיט זיינע קאַראַמיסלעס פֿון וואַסער

„זדרוי״ אָדער פון דער שטאָטישער אַייזנפּאָמפּע, מיט פולע עמערס וואַסער, וואָס ער האָט געגאָסן אין די פּעסער, ווען ווייך וואַסער פאַר 2 גראָשן אָדער האַרט וואַסער פאַר 1 גראָשן. דערביי פלעגט חיים ברוך פון איין מאָל צום אַנדערן באַקומען פון אַ באַלעבאָסטע „אינטערצולעגנען״ זיין האַרץ מיט אַ שיסל וואַרעמס, און עס אויפגעגעסן ביי דער טיר, אָדער האַרט ביים פעסל וואַסער.

חיים ברוך האָט צו דער צייט צוגעשטעלט וואַסער אין די שטיבלעך און מנינים אין די יום־טובים צו ברכת כהנים, ביים דיכענען פלעגט ער שטיין און צוברומען שאָקלענדיק מיט זיין לאַנגער נאַסער באָרד.

אויף חתונות און בריתן איז חיים ברוך דער וואַסער טרעגער געווען איינער פון די וויכטיקע פיגורן, ער איז דעמאָלט געזעסן ביים פעסל וואַסער אין קיך און געוואַרט אויף זיין בילקע און טעלער עסן.

שמואל פּאַסמאַנטער דער טויטער

ווער האָט געוווסט ווי ער הייסט, זיין נאָמען איז געווען באַקאַנט ווי „שמואל דער טויטער״. דאָס הייסט אָבער נישט אַז ער איז געווען אַ טויטער באַ־שעפעניש, ער איז גראָד געווען אַ לעבעדיקער, אַ רירעוודיקער, שמייכלענדיק האָט ער געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס דעם עול פון אָרימקייט.

כאָטש אַ קליינגעוואַקסיקער, מיט אַ טונקעלן פּנים און נאָך מער שוואַרצערער באָרד און אויגן, האָט מען אים דאָך געזען אומעטום אויף מיטינגען, פאַרזאַמלונגען, זיצונגען — און ווו נישט? דער ערשטער איז ער געווען אָנצובייטן זיינע פיס און הענט, צו גיין טון עפּעס אַן אַרבעט פאַר דער געזעלשאַפט, באַקלעבן די ווענט מיט מודעות אָדער צעטיילן פלוג־בלעטלעך און סתם אַרומלויפן שאַפן אַ פּאָר גראָשן פאַר אַן אָרימאַן. ער איז אויך געווען דער ערשטער צו טיילן זיך מיט יעדן אָרימאַן זיין ביסן און פּאָר גראָשן פאַר יעדן צוועק. פאַר זיין פּאַרטיי, די „צעירי מזרחי״ האָט ער געדינט מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט; אויסקערן דעם לאָקאַל, מאָנען מיטגליד־אָפּצאָל, טיילן קוויטלעך און אויספירן פאַרשידענע שליחותן. דאָס לעצטע איז ביי אים געווען די פּרנסה וואָס ער פלעגט קוים ציען פון פאַרקויפן און אויפ־לייען צייטונגען.

כבוד זיין אָנדענקן.

יעקב גרינבערג
(תל־אביב)

ר׳ חיים שמואל ראזענבוים הי״ד

דער גביר פון שטעטל, א שיינער ייד, א שיינער בעל־הבית — לויט די בעגריפן פון שטעטל אין יענע יאָרן — שיין אויסערליך, תמיד אויסגעפוצט, גוט געקליידעט, ריין, אָן אַ פלעק און אָן אַ פגם. געמאָסטענע טריט, פיינע האַלטונג און גוטע באַנעמונג. א שטענדיקער שמייכל אויפן פנים, שטענדיק מקיים געווען דעם והוי מקבל את כל אדם בסבר פנים יפות. כולו אומר כבוד.

געווען דער גרעסטער בעל־צדקה אין שטעטל, די שענסטע נדבות געגעבן, אָן אָפענע האַנט געהאַט. כל הפושט יד נותנים לו. ערב שבת און ערב יום־טוב איז ער ספעציעל געזעסן אין „קאַנטאָר", נישט געפירט קיין געשעפטן, נאָר געזעסן און געטיילט נדבות. ווער שמועסט פורים און פאר פסח. מ׳האָט פיל דערציילט פון זיין מתן־בסתר. פיל פאַמיליעס זענען דורך אים געשטיצט און אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך נדבות און גמילות חסדים. אין די שפעטערע יאָרן ווען ער איז שוין מער קיין עושר נישט געווען, האט ער זיך באַמיט מיט אלע כוחות צו האַלטן „שטאַט", פאַרצוזעצן ווי ווייט מעגליך די שיינע טראדיציעס. ער איז אויך געווען דער ערשטער ציוניסט מזרחיסט אין שטעטל. ווי געוויינלעך זענען ציוניסטן געווען בלויז יוגנטלעכע, אבער אז א שיינער בעל־הבית, אַן יושר, א חסידישער ייד זאָל צושטיין צום ציוניזם, ווערן א מזרחי — דאָס איז געווען א זעלטענהייט. ער פלעגט קומען כמעט אויף אלע מזרחיסטישע פאַר־זאַמלונגען, און אונדז יוגנטלעכע געטרייסט, געמוטיקט און געשטאַרקט, געגעבן האָפנונג. געווען אַ באַשיידענער מענטש, אַ נוח לבריות, נישט געווען קיין רודף כבוד.

ווירקלעך אַ שיינער ייד געווען.

מרדכי זלמנס (ווינאגורא)

געווען א מלמד, לויט זיין לומדות און שאַרפן מח, לויט זיין ערליכקייט, גוטסקייט און פיינע מידות, האט ער געקאנט זיין א שיינער רב, לכל הפחות — א מורה הוראה.

געהאט איינגעבוירענע טעכנישע פעיקייטן, געווען א גוטער מאטעמיקער, געאַרבעט אויף אַן אייביקן זייגער, אַמאָל אויף אַ וואג און אַנדערע טעכנישע דערפינדונגען. ביי אנדערע בעדינגונגען, וואלט ער געקאָנט זיין א גרויסער אינ־זשינער, א דערפינדער. ער איז אויך געווען א בטלן, פון יענע גאנס געבענטשע בטלנים, וואס האבן נאר אין דער אטמאספערע פון פרומקייט, תמימות ערליכקייט און אַנדערע שיינע מידות פון שטעטל געצויגן יניקה.

קיין איבריקע פּרנסה איז אין שטוב נישט געווען. די פרוי האט צוגעהאָלפן צו דער פּרנסה; זי איז געווען אַ בעקערין — געמאַכט „באָבעלעך" פון גריטשענע קאַשע געפּרעגעלט אויף אייל.

ס'איז אינטערעסאַנט געווען צו זען מיט וואָס פאַר נאַטירלעכקייט, פּשטות און איבערגעבנקייט, האט דער למדן און „דערפינדער" צוגעהאָלפן אין דער בעקעריי אין אַלע שווערע און אומריינע אַרבעטן. ער האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ תלמיד חכם; געווען א פאַרשוין — ברייטפּלייציק, רירעוודיקע באַוועגונגען און א גבורן. אבער ער האט קיין פליג קיין ריר נישט געטון. א ליבליכער מענטש. די תלמידים, ביטערע און שווערע, האָבן אים נישט אָרויסגעפירט פון געדולד. זיינע צוויי זין (חיים נח און ברוך) זענען נישט געגאַנגען אין זיינע וועגן; וויַט ווייט, אוועק און בפרהסיה בריש גלי. ס'האט אים ווי געטון דאָס האַרץ, אבער אין זיין כעס קעגן זייערע מעשים האט ער זיי געשטראָפט פאָטערלעך, אָן רוגזה, אָן צאָרן. געווען א געראַטענער און טייערער ייד.

ישראל יאַנקעלע

געווען קליין און רירעוודיק, ענערגיש און אַרבעטזאַם, געקענט אַסאַך מלאכות אָבער מיט ווייניק ברכות. געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס. ווען זיין ווייב וואָלט נישט פאַרדינט, וואָלט אין שטוב נישט געווען קיין ביסן ברויט.

אין דער אמת'ן, ווו האָט ער געהאַט צייט צו פאַרדינען אויף פּרנסה, אַז אין שטעטל איז געווען אַזויפיל נויט צו לינדערן, אַזויפיל קראַנקע צו היילן. ראשית־כל איז ער געווען אַ שטיקל רופא, געקענט זיך אויף אַ קרענק און געקאָנט אַרומגיין ארום אַ קראַנקן, געקאָנט טאַפּן דעם פּולס, מאַכן אַ קאַנע, שטעלן באַנקעס, איינרייבן, מאַכן א באַנדאַזש א. ד. ג. געוווּסט ווען מ'דאַרף וואַרימע און קאַלטע קאָמפּרעסן, ווען מ'דאַרף געבן אויף אָפּצופירן, און — ווען אויף עצירות. האָט מען אים טאַקע גענוצט, פאַרוואָס נישט? בפרט, אַז ס'איז געווען אומזיסט, אָן אַ גראָשן געלט. באַזונדערס איז ער געווען באַשעפטיקט אין דער צייט פון אַן עפּידעמיע ר"ל — און דאָס איז געווען אַן אָפטע דערשיינונג אין שטעטל. — עפּידעמיעס פון טיפוס, פּאָקן, מאָזלען און טאַקע חאָלירע. מיין באָבע, עליה השלום, פלעגט ציילן אירע דאַטעס, לויט די ערשטע חאָלירע, די צווייטע חאָלירע... די איינציקע רפואה צו דער חאָלירע איז געווען איינרייבן, און ישראל יאַנקעלע איז געווען דער בעסטער ספּעציאַליסט אויף דעם געביט. און דער עיקר, דער איינציקער וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען און נישט מורא געהאַט פאַר אָנשטעקן זיך.

און אַמאָל נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, ער איז פּשוט געפאַלן פון די כוחות, מענטשן זענען געפאַלן ווי די פליגן, האָט ער זיך געפּרוווט אָפּרוען אין שטוב, האָט ער דערהערט אַ פאַרצווייפלטן יאָמערלעך געשריי: „רבונו של עולם! נעם מיר נישט אַוועק מיין איינציקן שפּייזער, אלע טירן זענען פאַרמאַכט! דאָ האָט

ישראל שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן, און אַ טויט מידער — געלאָפן ראַטעווען...

ישראל יאַנקעלע איז אויך געווען אַ פריילעכער, געקענט זינגען, און פריילעך געמאַכט אָרימע שמחות, חתונות, בריתן, געהאָלפן מיט אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקאָנט און וואָס ס׳איז נויטיק געווען, אָנהויבנדיק מיט באַזאָרגן לעקעך און בראָנפן אויף אָרימע חתונות, ארבעס און סאָרע וואַסער אָדער לאַקריץ אויף שלום זכר, ביז שלעפן טישן און בענק אין אָרימע שטובן צו די שמחות, דאָרט וווּ עס איז קיין פאַרזאָרגער נישט געווען.

שטענדיק פריילעך, שטענדיק לעבעדיק, צאַפּעלדיק און גרייט צו העלפן. נאָר זיך אַליין האָט ער נישט געקאָנט העלפן.

אברהם יואל מלמד (האכבערג)

גערופן האָט מען אים דער לאָמער אברהם יואל. אַלס קליין קינד, איז ער אַראָפּגעפאַלן פון אַ טיש, צעבראָכן אַ פוס און אַזוי געבליבן אַ קאַליקע כל ימיו. און אַזוי האָט אים דער גורל פאַרפאָלגט דאָס גאַנצע לעבן. געווען אַ ביטערער אָרימאַן: טראָץ זיין געוואַלטיקער ענערגיע (און זיין ווייב איז אויך געווען אַ דעספּעראַט) געטון כל מיני ארבעטן און מסחרים, און אין שטוב איז קיין ברויט צו זאַט נישט געווען.

ער איז, ווי געזאָגט, געווען אַ מלמד און האָט זיך אָפּגעריסן דאָס האַרץ מיט שווערע תלמידים. ס׳איז דעריבער ביי אים געווען אַן אָפּרו ווען ער איז אין אָוונט געגאַנגען אין אַמישינאָווער שטיבל און אַליין, אָדער מיט אַ לומדישן בחור געלערנט אַ שווערן קצות אָדער תומים. ער האָט ליב געהאַט דאָס מאַטערן זיך אין לערנען. ס׳זענען געווען פאַלן ווען שווייס איז אים אַרויסגעקומען אויפן שטערן פון שווערער אָנשטרענגונג. אָבער גליקלעך איז ער געווען ווען ער האָט זיך דערגרונטעוועט דעם פּשט, געפונען די ליזונג. דאָס איינציקע גליק אין זיין אָרים לעבן.

ער האָט געהאַט אַ פייערדיקן טעמפּעראַמענט, ליב געהאַט קאָכעדיקע מקוואות, הייס זידיקן טיי, און נאַטירלעך, 96־ער ספּירט. געווען אַ קנאי, נישט נושא פּנים געווען קיינעם; מיט די גבירים און תקיפים אין שטיבל, איז ער געווען אין אַ יומא דפגרא, געגאַנגען בראש מיט גרופּן חסידים פון שטוב צו שטוב, געטרונקען אָן אַ שיעור, נאַטירלעך געווען מבוסמדיק — אַ תלמיד חכם שיכורט זיך נישט אָן — געזונגען און געטאַנצט אָן אויפהער. פריילעך געמאַכט דאָס שטעטל, קיין סך פרייד אין לעבן האָט ער נישט געהאַט, נאָר די מידות און יידישקייט זענען געווען זיין חיות.

א פייערדיקער ייד געווען.

חנה שיינע חוהס

אַן אָפן און שמייכלדיק פּנים, אַן ענערגישן געזיכטס־אויסדרוק. אַן אמתע אשת־חיל, אַ שם דבר אין שטעטל. אין שטוב, אין דער פאַמיליע — האָט זי

געהאַט דאָס ערשטע און דאָס לעצטע וואָרט. אָבער איר ענערגיע, ווילן און מאַכט איז אויך אַריבער די ענגע ראַמען פון שטוב און פאַמיליע. טעטיק געווען אין גאַנצן שטעטל. ווו א צרה, איז חנה שיינע חוה׳ס דאָ געווען, מיט איר גוט וואָרט, און נאָכמער מיט אירע גוטע מעשים. דער ד״ר פּאָדבילסקי האָט נישט געוואָלט גיין צו די אָרימע קראַנקע, אויב חנה וועט דאָרט נישט זיין. זי האָט שוין געזען אַז ווען דער דאָקטאָר וועט קומען, זאָל די אָרימע און חושבדיקע דירה זיין ליכטיק און ריין. געזאָרגט מ׳זאָל אויסקויפן דעם רעצעפּט, און דער עיקר — זי האָט זיך פאַרשטאַנען אויף די קרענק. געוווסט אויסצופירן די פאַר־אָרדנונגען פון דאָקטער. און נאָך עפּעס, דאָ איז נויטיק אַ יאַכעלע, און דאָ אַ פאָלקעלע פלייש, ביי דער קינפּעטאָרין פעלט אביסל איינגעמאַכטס, און נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, א סך מאָל פעלט אין שטוב אַשטיקל ברויט פאַר די געזונטע, אלץ ליגט אויף חנה שיינע חוה׳ס קאָפּ, און אַלץ ווערט געזאָרגט מיט אַ שמייכל, מיט א בערויקונגס־וואָרט.

און אז ס׳איז נישט געווען קיין ענטשפּרעכענדער ארון־קודש אין נייעם בית־המדרש, איז עס געווען חנה׳ס אַמביציעס, אַז די ווייבער זאָלן אויפשטעלן דעם ארון־קודש. זי האָט אָרגאַניזירט אַלע ווייבער פון שטעטל און אין אַ קורצע צייט איז אויפגעזאַמלט געוואָרן א פאָר הונדערט רובל — אַ ריזיקע סומע אין יענער צייט — פאר דעם צוועק. און ווען מ׳האָט אויפגעשטעלט דעם ארון קודש איז דאָס שטעטל געגאַנגען אויף רעדער, און חנה איז געווען די הויפּט מחותנסטע. ווייבער פלעגן קומען צו איר אויסגיסן זייער ביטער האַרץ, געהאַט פאר יעדן אַ טרייסט וואָרט און אָפּט עפּעס מער... אפילו אויף עצות פלעגט מען קומען צו איר... אן אמתע שטאָט־מאַמע.

הערשל י. קויפמאַן
(פּאַריז)

טשיקאַווע יידן

דער אַלטער יאַקל

סאָקאָלאָוו האָט אויך געהאַט אירע חכמים און פילאָזאָפן. דער „אַלטער יאַקל" איז געווען דער גרויסער בריה פון אַלץ קענען און אַלץ וויסן. פון אַלע חכמות שבעולם, ווי אויך אַלע פאַכן. פאַר קליינע פרייזן, האָט ער געמאַכט אַלע אַרבעטן ווי שמידן א פערד, פאַריכטן אַ וואָגן; שוסטעריי; איינבינדעריי; ברוקירן מיט שטיינער די גאַס; אַריינלייגן אַ פאַדלאָגע...

ער איז געווען פרום און אומטאָלעראַנט. יעדע נאַכט האָט ער זיך אויפֿגעוועקט פון שלאָף און צוזאַמען מיט זיין גאָטספאַרכטיקע פלונית מיט פלייס אָפּגעריכט חצות. ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין אַנדערע מיינונג ווי זיינע. זיך אַליין האָט ער באַטראַכט פאַרן ריכטיקן ווייסער און אַדוואָקאַט פונעם געטלעכן אויפטו אין ווירקן. ער האָט גוט געקענט לערנען און כסדר געזוכט אין ספרים, כדי וואָס בעסער צו קענען אַלע געהיימענישן פון גאָטס רצון. צום שטאַרקסטן האָט ער זיך פאַרנומען מיט מוסר־ספרים.

ער איז געווען אייביק אומצופרידן און בייז אויף די שלעכטע זינדיקע וועלט, וואָס איז לויט אים נישט גוט און גייט נישט אין גאָטס וועג; האָט נישט פאַרטראָגן קיין קינדער, צוליב זייער פוסטע אומדערפאַרנקייט פאַר דעם אַלעמען וואָס עקזיסטירט. ער האָט געוואָלט אַז אַ קינד זאָל זיין גלייך פונעם געבוירן אַ רייפע פרי.

ער האָט חתונה געהאַט מיט קיילע־דוואָשעס טאָכטער, די אלמנה נאָך גדליה יעלען (מילנער). פון זיין פריערדיקע פרוי האָט ער געהאַט אַן איינציקע טאָכטער, וועלכע איז איר גאַנץ לעבן געווען קינדערלאָז. אַליין איז ער געווען, צוליב זיין הויכן עלטער, אַ מידער און בייז־שמייכלדיקער. ער האָט אָפט גערעדט וועגן תכלית פון דער וועלט, ווי אויך וועגן דעם זין פונעם לעבן. ער האָט דערקלערט דעם זינען פון טויט און די נוצלעכקייט פון קריג, ווייל דאָס אַלץ איז אַזוי פון גאָט איינגעאָרדנט. ווייל ווען אַנדערש, וואָלט אויף דער וועלט געווען צופיל מענטשן, און די ערד וואָלט זיי נישט געקאָנט דערנערן. צוליב דעם וואָס די וועלט איז זינדיק, קומט אויף דער וועלט אַזויפיל אומגליקן. אַז אַלץ איז גוט געטון פון דעם וואָס לעבט אייביק. ער האָט אַרויפֿגעלייגט די שולד פאַר דעם אַלעמען אויף די וואָס גייען נישט אין גאָטס וועג, זעענען כופרים בעיקר; ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַז גאָט, ווי ער, זענען גלייך בייזע. ער איז געשטאָרבן אין די צייטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

שיע דוואָשעס

דער צווייטער חכם איז געווען שיע דוואָשעס, פון וועמען מען האָט שטאַרק געהאַלטן. ער איז אָפּט געגאַנגען פאַרלייגט די הענט אין די אַרבל און געווען הילפלאָז צו קאָנען שאַפן זיין מאַטעריעלן ווילזייך. ער איז געווען אַן איניקל פון יואלקע גארבער און אַ זון פון גדליה יעלען. ער האָט גוט געקענט דאָס גאַרבער פאַך, אָבער כמעט קיינמאָל נישט פּראַקטיצירט — אפשר ווייל אים האָט אויסגעפּעלט אונטערנעמערישקייט. פאַרן ערשטן וועלט־קריג האָט ער געפירט אַ האַנדל מיט לעדער, נאָר אין דער מלחמה־צייט האָט מען אים באַגנבעט, און איז נאָכדעם שוין אויף שטענדיק געבליבן בדלות. ער האָט געהאַט אַ קליין שפּייז געוועלבל און ווייניק פּרנסה. ער איז געווען אַ קלוגער ייד — ס׳איז מיט אים געווען אינטערעסאַנט צו שמועסן. ער איז געווען טאָלעראַנט און מען האָט פאַר אים נישט מורא געהאַט צו זאָגן וואָס מען טראַכט. ער אַליין האָט געצווייפלט אין אַלץ און האָט אין דעם גאנצן באַשטאַנד פון מענטשלעכן ווירקן נישט געפינען קיין שכלדיקע באזע און לאָגיק.

יאנקל חכם „בראַקער"

דער דריטער און אָריגינעלסטער איז געווען יאנקל חכם „בראקער" (דער פאָטער פון יידעלע גרינבערג). אין חכמה און איבערגעשפּיצטקייט, האָט ער קאָנקורירט מיט דעם פריערדיקן שיע דוואָשעס. ביידע זענען זיי געווען היימיש אין רעליגיעזע ספרים, אויך אַ ביסל גענאַשט פון וועלטלעכע וויסנשאַפטן און פילאָזאָפיע. זיי ביידן פלעגט מען אין נויט־פאַלן קומען פרעגן עצות.

יאנקל בראקער האָט צום מייסטן ליב געהאַט יורידישע דריידלעך, נאָר זיינע עצות האָבן זעלטן געהאָלפן, און אָפּט זיינע קליענטן אָנגעמאַכט קאָפּ ווייטיק און צרות, ווייל דאָס האָט זיי תמיד געפירט אויף שלעכטע וועגן. אין עצם האָט ער די זאַכן אויסגעטייטשט לויט די געזעצן פון דער לאָגיק, נאָר ער איז אין דעם געווען נאאיוו, ווייל ער האָט אויסגערעכנט אויף לאָגיק דאָרט, ווי מען קאָן קיין לאָגיק נישט געפונען. אויך זיינע אויסרעכענונגען האָבן נישט געשטימט און נישט געגעבן דעם פאַר אים פאָרויסגעזעענעם רעזולטאַט — פלעגט עס אים טאַקי שטאַרק פאַרדריסן.

יאנקל בראקער האָט געמיינט אַז אין דער מלוכה זענען די דינער ערלעך און טראַכטן כסדר נאָר בלויז וועגן אמת און גערעכטיקייט. יעצט, זייענדיק אַנטוישט, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז כדי צו געווינען אַ ספּראַווע, עקזיסטירט שוין אַן אויספּראָבירט מיטל: „לאַפּוווקע". אַזאַ עצה איז טאַקע געווען די בעסטע און דאָס האָט אויך געראַטעוועט זיין פּרעסטיזש. ער האָט פאַר זיין הויז פאַרפּלאַנצט אַ בוים און דעריבער תמיד געהאַט צו טון מיט די גאסן־יינגלעך, וואָס האָבן אים געוואָלט צעשטערן. פאַרבייגייער האָבן זיך געפרעגט

צי וואָס מען דאַרף דאָ אַ בוים. אָבער אין די היצן פלעגן זיי קומען אונטער זיין שאָטן זיך שיצן קעגן דער קאָכדיקער זון.

מרדכי זלמנס

דער פעטער איז געווען מרדכי זלמנס ווינאַגורא, (דער פאָטער פון ברוך ווינאגורא) צוליב פרנסה איז ער געווען אַ שטאַרק פאַרהאָרעוועטער מענטש. אין דער קליינער בעקעריי, האָט ער זיין ווייב אַרויסגעהאָלפן באַקן בייגל און ביי דעם האָבן זיי זיך געמאַטערט ביים שאַפן די חיונה.

ער איז געווען אַ גרויסער למדן און דענקער; האָט אַריינגעטראַכט אין די שוועריקייטן איבער וועלכע אַנדערע האָבן זיך געבראָכן די קעפּ, און האָט פון זיי אויסגעוויקלט אַ טאָלק. ער האָט זיינע געדאַנקען אויך פאַרשריבן אין אַ ספר. גאַנץ אָפט פלעגט ער אַרויסקומען אַ מידער און אַ פאַרמעליקטער פון זיין הויז, דאָס קאַפּל פאַריקט איבער זיין הויכן שטערן און זיין פּאַטריאַר־כאַליש לאַנגע געלבלעכע באָרד איז געווען ווייסלעך פון מעל אָדער טאָקע שוין מיט גרויע האָר. פאַרבייגייענדיק דורך שיע דוואָשעס שפּייז געוועלבל, פלעגט ער זיך דאָ אָפּשטעלן און דערוויל כאַפּן אַ שמועס. גאַנץ אָפט האָט מען זיי דאָרטן געטראָפן צוזאמען שוין מיט יאַנקל בראקער שטאַרק פאַרקאָכטע אין שמועסן, ער איז געווען קליג און טאַלעראַנט. מען האָט פאַר אים געהאַט שטאַרק דרך־ארץ און אין זיך אַנוועזנהייט, האָבן אָפט יונגע אַנגעטון דאָס היטל. ער פלעגט אויף דעם באַמערקן, אַז צוליב אים דאַרף מען דאָס היטל נישט אַנטון, מחמת ווער ס'וויל גיין מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ, איז בעסער ער זאָל זיין ווי ער וויל. מיט טיפקייט האָט ער אַלץ לויט זיין אויפפאַסונג פונאַנדער־געגלידערט און אויסגעטייטשט.

אינטערעסאַנט איז געווען ווען די דאָזיקע חכמים האָבן זיך אין אַן אינדער־פרי צוזאַמענגעטראָפן און געחקרנט איבער פאַרשידענע ענינים. אויסער זיי איז נאָך געווען אַ שטאָט פילאָזאָף מרדכי לוקאָווער (פאַרביאַזש) וועלכן ס'האָט געלאַנגעוויילקט צו זיין אין זיין אייגן הויז אין אַ גוישער געגנט. ער פלעגט דאָ מכלומרשט פאַרבייגיין און געהאַט שטאַרק פאַרגעניגן אַנצוטרעפן די דאָ־זיקע חכמים אין אַ ליידנשאַפטלעכן שמועס. מען האָט אים, פאַרשטענדלעך, צוגערופן צו זאָגן אַ מיינונג אין די באַרירטע ענינים. מיט אַ סאָקראַטעסישן ספק אין אַלע אָנגענומענע אמתן, פלעגט ער ווי מיט אַ בלאָז פונאַנדערוואַרפן אַלע נאָר וואָס אויסגעבויטע קאָרטן־הייזלעך.

מרדכי לוקאָווער

מרדכי „לוקאָווער" האָט מען אין די לומדישע קרייזן געהאַלטן שיעור נישט פאַר אַן אפיקורס, אָבער ער פלעגט זיך דערפון נישט איבערנעמען. ער איז געווען קלוג און האָט נישט מורא געהאַט צו ענטפערן לויט זיינע איבער־

צייגונגען. אויף יעדעס וואָרט האָט ער גלייך אָפּגעענטפערט. ער האָט אַמאָל געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיטן מורה הוראה ר׳ מרדכי האַלבערשטאַט פאַר אַראָפּרייסן אפּישן פון ציוניסטן ביי דער טיר פון בית־מדרש, ווו אין גרויסע ווערטער איז געווען דערמאָנט דער נאָמען פון ד״ר הערצל. אונדזער מורה הוראה האָט שטאַרק נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם דאָזיקן נאָמען און אין שייכות דערמיט איז אַנשטאַנען אַ מחלוקת און דער מורה הוראה האָט גע־דראָט מיט אַ פּאַטש. דערויף האָט מרדכי לוקאָווער אים אָבער גלייך אָפּגע־ענטפערט, אַז ער וועט געבן צוויי. דאָס האָט באַוויזן ווי אַזוי מרדכי לוקאָווער האָט זיך צו קיינים נישט געחנפט און פאַר קיינעם זיך נישט אָפּגעשראָקן.

צווישן די מאָדערנע חברים איז ער, צוליב זיין אָפּרעגן אַנגענומענע אמתן, געוואָרן שטאַרק רעספּעקטירט און מען האָט אים געהאַלטן שיעור נישט פאַר אַן „אייגענעם מענטש״.

מרדכי לוקאָווער איז געווען אין שטעטל אַן איינגעוואַנדערטער און ווי אַזעלכער, זיך מיט די מענטשן נישט געקאָנט איינלעבן. אין אַזעלכע פאַלן איז *שטענדיק* געבליבן *אַ מחוצה*, ער האָט זיך צוליב דעם נישט איבערגענו־מען. ער האָט געהאַט פאַרבינדונגען אין אַלע קרייזן און איז געווען אַ וועלט פאַר זיך. מען האָט אים באַטראַכט פאַר אַ פאַרמעגלעכן. ער איז געווען אַ האַנדלס־מענטש, און געהאַט צוליב דעם פאַרבינדונגען אין אַנדערע שטעט; פלעגט אָפט אַרומפאָרן און זיך אינטערוועגס. אין די לעצטע יאָרן זענען זיינע געשעפטן צוליב די כסדר׳דיקע קריזיסן, געגאַנגען שלעכט און ער איז גע־בליבן אָן פּרנסה. ער האָט אויסגעוואַנדערט נאָך אַרגענטינע, נאָר איז פון דאָרטן צוריק געקומען — נישט געקאָנט דאָרט פאַרטראָגן די היצן און אויך נישט שאַפן קיין עקזיסטענץ און דעריבער געבליבן אין גרויס נויט. ער האָט געהאַט שיינע און געראָטענע קינדער, וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט פאַכן און האָבן פאַרדינט פאַר זייערע באַדערפעניש. דער יונגסטער זון זיינער, האָט געאַרבעט ווי אַן אַרבעטער ביי פעלצן און אין זיין איבעריקע צייט כסדר זיך פאַרנומען מיט זיינע אָנגענעמע פאַר אים באַשעפטיקונג פון שניצן, צייכע־נען, מאָלן, צו וואָס ער האָט געהאַט אַ געבוירענעם טאַלאַנט.

באלטשע הענדל רייזמאַן
(דעטרויט)

ר׳ פיניע אשר׳ס

מיין זיידן האָט מען גערופן פיניע אָשר׳ס און זיינע צוויי זין זיינען געווען: מיין פעטער חיים־דוד הענדל און מיין טאַטע, לוי, וועלכער האָט געירשנט דעם המשך פון זיידנס צונאָמען — לוי פינע אשר׳ס

מיר האָבן אַלע געוווינט צוזאַמען אין דעם רויט־געפאַרבטן הויז אויפן שול־הויף. דער פעטער חיים־דוד מיט זיין פאַמיליע האָט פאַרנומען דעם טייל פון הויז, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף און זיך געגרענעצט מיטן הויף פון יענקל פלעצלס שוויגער. אויפן אויבערשטן שטאָק האָבן מיר געוווינט און אין דער פאָדערשטער טייל האָט געוווינט דער זיידע מיט זיין צווייטער פרוי, חיה־לאה. אַרויפגייענדיק אויף די טרעפ צו אונדזער דירה איז אַ טייל פון דער געמויערטער וואַנט נישט געווען געטונקעוועט — אַ זכר לחורבן...

מיין ריכטיקע באָבע, דעם זיידנס ערשטע פרוי (מיין טאַטנס מאַמע האָב איך נישט געקענט, איך בין געבוירן געוואָרן שוין נאָך איר טויט און היים טאַקע נאָך איר, איך פלעג דערפאַר דעם זיידנס צווייטע פרוי רופן באָבע און דעם זיידן האָט עס שטאַרק הנאה געטון. ווען דער זיידע איז שוין געווען טויט און חיה־לאה האָט התונה געהאַט מיט יעקב־שמעונען פון דער „פיווניע" (שענק) פלעג איך יעדן שבת נאָכן טשאָלענט גיין צו איר צו גאַסט און זי פלעגט מיר געבן צו טרינקען שוואַרץ ביר. זי פלעגט מיך זייער פריינטלעך אויפ־נעמען, זיך נאָכפרעגן אויף יעדן פון דער משפחה, ווי זי וואָלט געווען אַ טייל פון אונדזער משפחה און ביים אַוועקגיין פלעגט זי מיר יעדעס מאָל דער־מאָנען איך זאָל נישט פאַרגעסן זי בעטן אויף מיין חתונה.

* * *

פיניע אָשר׳ס, איז געווען אַ ייד אַ למדן און אַן איבערגעגעבענער קאָצקער חסיד. זיין פרייע צייט פלעגט ער פאַרברענגען אין זיין חדר מיוחד, ווו ער פלעגט יעדן טאָג לערנען, אָדער אָפּרוען זיך נאָכן עסן אויף דער לעדערנער קאַנאַפּע. קיינער האָט נישט געוואַגט צו שטערן דעם זיידן אין זיין ספּעציעלן צימער, בלויז איך פלעג זיך פון צייט צו צייט אַריינכאַפּן צום זיידן אין צימער, און איך האָב געשפּירט, אַז דעם זיידן פלעגט געפעלן מיין געוואַגטקייט.

די ווענט זענען געווען אַרומגעשטעלט מיט גרויסע שענק פול מיט ספרים, ספּעציעל האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַן איינדרוק דער גרויסער ש״ס.

געבונדן אין ברוינעם לעדער און געליישט מיט גאָלד אויף די רוקנס; בענטער צום פענצטער איז געשטאַנען דער טיש מיט שטולן און אויבנאָן איז געשטאַנען דעם זיידנס שטול מיטן הויכן אָנלען. דער זיידע פלעגט דאָרטן זיצן און לערנען, און ווען ער פלעגט וועלן רוען פלעגט ער זיך צולייגן אויף דער מיט רויטלעך־לעדער באַצויגענער קאַנאַפּע, וואָס איז געשטאַנען טיפער אין צימער.

דעם זיידנס צימער האָט אויף מיר איבערגעלאָזט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. נאָך איצט שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס אויסזען פון זיידנס „היכל", וווהין ער פלעגט וואַרשיינלעך אַנטלויפן פון רעש פון טאָג־טעגלעכן אַרום און זוכן אויסצולעבן זיך גייסטיק און פאַר איינוועגס אויך אָפּהיטן זיין שוואַך געזונט.

איך געדענק קיים דער זיידע זאָל אַמאָל ווען עס איז איינגלאַדן צו לערנען צוזאַמען, עס דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז געווען זיין אינטים ווינקל פון השתפכות הנפש. עס פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז מען פלעגט ברענגען אַ חתן צו פאַרהערן, איז דעמאָלט, נאָכן ענדיקן דאָס פאַרהערן, פלעגט דער זיידע הייסן גרייטן כיבוד אין גרויסן עס־זאַל. ביי מיר זעט עס אויס ווי דער זיידע ע"ה האָט זיין חדר מיוחד געהאַלטן ווי א היכל, וווהין ער האָט נישט גערן צוגע־לאָזט אַ פרעמד אויג און דערפאַר איז דער אויפנעם־צימער פאַר געסט געווען דער עס־זאַל.

אין זיינע יונגע יאָרן האָט דער זיידע געפירט גרויסע געשעפטן און אַלס „ערשטע־גילדע"־סוחר האָט ער געקראָגן איינוקע מעדאַלן פון גובערנאַטאָר, פאַר געוויסע פאַרדינסטן. היות ווי ער איז שפּעטער געווען יאָרנלאַנג דאָזאָר אין שטאָט, האָט ער זייער אָפט געדאַרפט גיין צו נאַטשאַלסטוואָ זיך משתדל זיין, פלעגט ער דעמאָלט אָנטון די מעדאַלן, שיין פאַרקעמען זיין ברייט חנעווו־דיקע באָרד און אין זיינע שבתדיקע מלבושים זיך לאָזן אין דער „רובערזשע", אָדער גאָר צום נאַטשאַלניק אַהיים, ווו נאַטשאַלסטוואָ האָט אויף אים געוואַרט. אויף אַזעלכע רייזעס פלעגט ער זיך אַריינזעצן אין זיין שיין געפאַרבטער ברישקע, (וואָס פלעגט געפירט ווערן פון אַן אַנטרייבער) און אין זיין שטאָלצער האַלטונג האָט ער איסגעזען ווי אַ יידישער פריץ.

דער זיידע האָט זיך שטענדיק געהאַלטן שטאָלץ, און זיין האַלטונג האָט ארויסגערופן ביי אַלעמען רעספּעקט. ער האָט אָבער באַמערקט ווען עס איז אין אַ נויט, אַזוי האָט ער באַלד פאַרוואָרפן זיין שטאָלצקייט, און איז גע־וואָרן דער סאַמע איבערגעגעבנסטער פאַרזאָרגער פאַר דעם באַדערפטיקן. עס איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון אַ פאַל ווען אַן אָרימע פרוי, וועמענס מאַן מען האָט צוגענומען צו די זעלנער, האָט אין אַ געוויסן האַרבסט פאַר־נאַכט אויפגעפראַלט אונדזער טיר און מיט אַ יאָמער אַריינגעלאָזט צו אונדז אין שטוב אירע דריי קינדער און האָט דערביי אין געוויין אַרויסגעהעשעט: „נאָט אייך מיינע לעבעדיקע יתומים"...

דער זיידע האָט אַריינגענומען די קינדער, געהייסן זיי אַרומוואַשן, געבן זיי עסן און זיי לייגן שלאָפן. אַלייך האָט ער זיך מיט די קינדער פאַרנומען און מיט ליבע איינגעשטילט זייער געוויין. ער האָט שפּעטער אויך באַזאָרגט די משפחה זאָל האָבן פונוואַנען צו לעבן. קיין סימן פון כעס, אָדער ווידער־ווילן האָט מען נישט באַמערקט אויפן געזיכט פון שטאָלצן יידישן ראש הקהל. טיף אין זיך האָט ער פאַרשטאַנען און מיטגעפילט דעם יידישן פּאָלקס מענטש און זיין דלותדיקן מצב.

יחיאל ארנשטיין
(תל־אַביב)

קלמן יחיאל פרידמאַן

איינער פון די ערשטע ארבעטער טוער אין סאָקאָלאָוו, איינער פון די גרינדער פון אַ יידישער ארבעטער פאַרטיי „בונד„ אין שטעטל. אָנגעפירט מיטן אויפשטאַנד אין יאָר 1905, גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין געזעלשאַפטליכע ארבעט און געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף די ארבעטער און האנדווערקער מאַסן. ער האָט געהאט אַ יידיש האַרץ און געהאָלפן דעם נויט באַדערפטיקן. ער פלעגט דיסקוטירן אויפן קול, אָבער נישט געהאַט קיין שנאָה צו קיינעם, אפילו נישט צו זיינע פּאָליטישע קעגנער.

ווען היטלערס אַרמיי איז אַריין אין פּוילן, איז אים געלינגען אַנטלויפן קיין רוסלאנד מיט זיין פאַמיליע און נאָך עטלעכע „קאַלטע״ און „וואַרעמע״ יאָרן איז ער מיט די ערשטע באַפרייטע געקומען אין ישראל. נישט קוקענדיק וואָס ער איז געווען אין די עלטערע יאָרן, האָט ער זיך גענומען צו אַרבעט.

כמעט יעדן שבת פלעגט ער גיין באַזוכן די סאָקאָלאָווער, געוואָלט וויסן וואָס יעדער מאַכט, מיט יעדן זיך פאראינטערעסירט און זיך געטיילט מיט איינדרוקן.

איך בין דאָ פונדאַסניי געבוירן — פלעגט ער זאָגן.

ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 76 יאָר.

אברהם שטיינוואקס (שטיינבערג)

ווען ער איז געבוירן אין יאָר 1899 אין סאָקאָלאָוו האָט דער אַנגעשטעלטער אין מאַגיסטראַט אַריין געשריבן אין די ביכער, אַז ביי הערש אַשר שטיינוואַקס איז געבוירן געוואָרן אַ זון מיטן נאָמען אברהם שטיינבערג, אַזוי איז אים פאַרבליבן אָפיציעל דער פאַמיליע נאָמען שטיינבערג.

אין זיינע יוגנט יאָרן האָט ער געלערנט אין די ישיבות פון בריסק, קאָברין און אַנדערע, געווען אַ תלמיד פון „חפץ חיים". אין סאָקאָלאָוו האָט ער געלערנט אין אַלטן בית־המדרש מיט זיין שוואָגער שמואל לייב כץ און אונטער זיין השפעה איז ער געוואָרן אַ ציוניסט מיט אַלע רמ"ח אברים.

נישט קוקענדיק אויף דעם וואָס ער האָט זייער מצליח געווען מסחר, איינגעאָרדענט אַ שיינע שטוב און געפירט אַ ברייט לעבן אין סאָקאָלאָוו, האָט ער אין יאָר 1925 אַלעס ליקווידירט און מיט זיין פרוי חוה און פיצל קינד אויף דער האַנט געקומען אין ארץ־ישראל.

ווען ער איז אַראָפּ פון דער שיף אין חיפה, האָט ער זיך אויסגעצויגן און געקושט די ערד און פון די אויגן האָבן זיך אים געגאָסן טרערן פון גרויס אַבעראַשונג און פרייד. ער האָט דאָ געאַרבעט ביי די שווערסטע בוי־אַרבייט, ביי גראָבונגען וואָס ווערן היינט געמאַכט נאָר מיט דער הילף פון מאַשינען, געליטן פון אַרבייטסלאָזיקייט און אָפט מאָל געהונגערט.

ווען סהאָט זיך געגרינדעט דער „ארגון יוצאי סוקולוב", איז ער געקליבן געוואָרן אַלס פאָרזיצער און אין זיין שטוב זענען פאָרגעקומען אַלע זיצונגען און פאַרזאַמלונגען.

מיט לייב און לעבן איז ער געווען איבערגעגעבן די הילפס־אַרבייט און שאַפען מיטלען, פריער פאַרן הילפס־קאָמיטעט ביי דער יידישער גמינע און סאָקאָלאָוו שפּעטער פאַר די געראַטעוועטע, וואָס האָבן געפינען אַ מקלט אין רוסלאַנד און צולעצט פאַר די געראַטעוועטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן קומען אין ארץ־ישראל. ווען ער איז, אין אַ פרימאָרגן אין יאָר 1946, אַראָפּ פון געלעגער איז ער געפאַלן און מער נישט אויפגעשטאַנען. זיין פרוי חוה און טאָכטער לאה מיט איר מאַן און דריי טעכטער לעבן דאָ מיט אונדז און באַטייליגן זיך אין דער אַרבעט פון אונדזער ארגון.

חנוך דגן (הענעך פשעננע)

ער איז געבוירן אין מלאווע. געוווינט עטליכע יאָר אין שעדלעץ און ווען ער איז, מיט זיינע עלטערן געקומען אין סאָקאָלאָוו צום זיידן ר' מענדל משה אהרנ׳ס, איז ער אַלט געווען בערך 15 יאָר. דער זיידע האָט אים נישט אַראָפּגעלאָזט פון אויג. געלערנט מיט אים און אומעטום מיטגענומען. געדאַוונט מיט איהם אין גערער שטיבל און געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען. הענעך האָט זיך באַקאַנט און באַפריינדעט מיט די סאָקאָלאָווער יוגנט, געוואָרן טעטיק אין דער פּאַרטיי „צעירי ציון״ געשפּילט די הויפּטראָלן אין דער דראַמאַטישער סעקציע און געווען אַ לאַנגע צייט ביבליאָטעקער אין דער ביבליאָטעק. אַזוי ווי די ביבליאָטעק איז געווען אין דער בעקעריי פון יצחק סקאַלע, האָט ער ביים אויספילן די אַנקעטע צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל, זיך אָנגעגעבן אַלס בעקער־ארבעטער. און אַלס אַזעלכער האָט ער אויך אין ארץ־ישראל פיגורירט. אַדאַנק אונדזער חבר זעליג זאַרעמסקי יבדל לחיים וואָס איז דעמאָלט (1925) געווען דער סעקרעטאַר פון בעקער פאַריין האָט ער פון צייט צו צייט באַקומען עטלעכע טעג ארבעט אין די תל־אביבער בעקערייען. ער איז געווען אַ גוטער חבר און פריינט, שטענדיק זיך געוויצלט און געגעבן גוטע האָפענונגען.

ער איז געווען אויך איינער פון די גרינדער פון ארגון יוצאי סוקולוב און אַלע יאָרן מיטגעהאָלפן אין דער פאַרוואַלטונג פון ארגון. זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות און אריבערגענומען זיין מוטער, שוועסטער און שוויגער און אויך תבדל לחיים — זיין שוועסטער נחמה, וואָס געפינט זיך דאָ מיט אונדז.

אין יאָר 1950 ווען מ׳האָט זיך געגרייט צו פייערן זיין 50 יאָריקן יובילײ אין 25 יאָר זינט זיין קומען אין לאַנד, איז ער קראַנק געוואָרן אויף אַן אומהייל־באַרער קרענק און אַלע אָנשטרענגונגען אים צו ראַטעווען האָבן נישט געהאָלפן.

זיין פרוי רבקה, זיין טאָכטער דבורה, זון משה און מנחם זענען אין ישראל.

צבי בצלי (הערשל ציבולע)

שוין אין די קינדער יאָרן איז ער געוואָרן פאַריתומ׳ט פון פאָטער און דעריבער אַלע יאָרן געהאָלפן אויסהאַלטן די משפּחה. אין יאָר 1915 בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין פוילן ווען כמעט דאָס גאַנצע שטעטל האָט געליטן הונגער, האָט ער געאַרבעט אין דער מיליץ און געהאָלפן שאַפן שפּייז פאַר דער אָרימער באַפעל־קערונג. יידן און קריסטן האָבן געוווּסט אָפּצושאַצן זיינע גוטע מעשים.

ער איז געווען פון די גרינדער פון דער צעירי ציון און פאָרזיצער פון דער פאַרטיי אין סאָקאָלאָוו; זיך באַטייליקט אין אַלע נאַציאָנאַל און אַרבעטער פאָנדן פאַר ארץ־ישראל. איינער פון די ערליכסטע און געטרייסטע קעמפער פאַרן ציוניזם. נישט האָבענדיק קיין געלט אויף רייזע הוצאות קיין ארץ־ישראל איז

ער געפאָרן אין דייטשלאַנד דאָרט שווער געאַרבעט עטלעכע יאָר און אין 1924 דעך'גרייכט זיין ציל: ארץ־ישראל.

נאָך יאָרן טיילווייזער ארבעטסלאָזיקייט האָט ער זיך פאַרפאַלקאָמט אין

כבישים בויען און איז געוואָרן איינער פון די בעסטע פאַכמאנער אין סולל בונה און צוליב ערנסטע קראנקהייט געמוזט גיין אויף עמערטור.

אויסער די סאָקאָלאָווער לאנדסלייט האָט ער געהאַט פיל חברים און פריינט.

נאָך שווערער ליידן איז ער געשטאָרבן אין יאָר 1956, איבערלאָזנדיק אין טיפן טרויער זיין פרוי טובה און זון מרדכי.

חיה די בעקערין

אין קעלער שטוב ביי בערל עקיבא'ס, האָבן זיי די לעצטע יאָרן געוווינט. דאָרט געהאַט א בעקעריי און שטענדיק שווער געהאָרעוועט. גאַנצע נעכט האָט מען געקנעטן און געבאַקן, און בייטאָג האָט מען פאַרקויפט די פלעצל און ראָזאָווע ברויט, געלאָפן שאַפן א גמילות חסדים צום קויפן מעל, היוּוען, האָלץ און אַנדערע זאכן וואָס די בעקעריי האָט געפאָדערט. א גאנצע וואָך האָט מען זיך נישט רעכט אַוועקגעלעגט שלאָפן, נאָר געכאַפּט אַ דרימל ביים אויוון, ביי די „זשיזשע", אָדער סתם שטייענדיק, און אפילו — גייענדיק...

זעלטן ווער עס פלעגט באַלד באַצאָלן פארן ברויט, פלעגן גאַנץ שטיל זאָגן: „חיהשי, כ'האָב נעשט יעצט קיין געלט". מיט א שמייכל פלעגט חיה ענטפערן: „ווער מאָנט דעןביי אייך געלט, גייט און עסט געזונטערהייט". ווען

זי פלעגט זיך דערמאָנען, אַז א יידענע איז שוין לאנג נישט געוועז אין דער בעקערײַ, פלעגט זי עפּעס זאָגן נפתלי־פּנחסן אויפן אויער, נסתלי־פנחס פלעגט דעמאָלט כאַפּן א לאַבן ברויט, איינגעוויקלט עס און שנעל אַוועקגעטראָגן.

דאָנערשטיק ווען נפתלי־פּנחס האָט זיך גענומען צוגרייטן צום שבת, האָט ער אויך געזאָרגט וועגן טיי, צוקער, מילך, שטיקלעך האָלץ און שטיינקוילן און פרייטאָג גאנץ פרי אונטערצונדן דעם גרויסן קופּערנעם קעסל, וואָס איז געווען איינגעמויערט נעבן דעם פּלעקעניק. ער האָט אויך ברייטער געמאַכט די טישן און גוט איינגעדעקט דעם קעסל, עס זאָל האַלטן וואַרימקייט, און דערנאָך געגאַנגען אין סקיערניעוויצער שטיבל מקבל־שבת זיין.

שבת פרי זענען הונדערטער יידן געקומען טרינקען א גלעזל וואַרעמס. אויסער טיי האָט מען אויך געגעבן באַוואַרקע (טײ מיט מילך) פאַר די וואס האָבן זיך נישט געפילט מיט אַלעמען. אויך פרויען און קינדער זענען מיט טעפּלעך און קריגלעך אין די הענט געקומען בעטן אביסל וואַרעמע, געוואלענע מילך פאר א קימפעטאָרין אָדער פאר א קראנקן. אלע קינדער און אייניקלעך זייערע זענען געקומען העלפן, מחמת ארבעט איז געווע אסך: אָנגיסן טיי און באַוואַרקע, דערלאַנגען צו די טישן, וואשן גלעזער, אַראָפּנעמען די טעפּ מילך פון פּלעקעניק א. א. וו.

אין יאָר 1916 ווען די דייטשן האָבן רעקוויזירט קופּער און מעש, האָט מען אויך בײַ חיה די בעקערין צוגענומען דעם גרויסן קופּערנעם קעסל. תשעה באב איז דעמאָלט געווען בײַ זיי אין שוב: ווי אַזוי וועט מען קאָנען צוגרייטן דעם טיי אויף שבת, די סאָקאָלאָווער יידן קאָנען דאָך חלילה שבת בלייבן אן אַביסל וואַרעמס. זייער צער איז געווען אומבאשרייבלעך. צו הילף איז זיי געקומען יונה דער בלעכער. ער האָט זײ צוגעזאָגט אַז אין פארלויף פון עטלעכע טעג וועט ער מאַכן א גרויסן קעסל פון בלעך, וואָס וועט נישט זיין ערגער פון קופּערנעם. ווען דאָנערשטיק אָוונט האָבן עטלעכע טרעגערט אין באגלייטונג פון יונה בלע־כער געברענגט דעם נייעם בלעכענעם קעסל, האָט נפתלי־פּנחס גשטעלט בראָנפן מיט פאַרבייסעכץ. מ׳האָט געטרונקען לחיים, און באלד נאָך מעריב איז געקומען ר׳ דוד מילער זיך בעמען צו דער מלאכה. נאָך א גאנצע נאַכט שווערע האָרע־וואַניע איז דער קעסל געשטאַנען פרײטיק באַגינען גרייט איינצוהייצן. ווען וועלוועלע דער וואַסערטרעגער האָט אָנגעפילט דעם קעסל מיט „זדרוי״־וואָסער, האָט נפתלי־פּנחס מיט טרערן אין די אויגן פון גלי קאָנטערגעצינדן דעם קעסל. ביידע האָבן שעפּטשענדיק מיט די ליפּן געדאַנקט דעם בורא העולם פאַר דעם גרויסן חסד, זייערע פנימער האָבן געשטראַלט פון פרייד און די שמחה אין קעלער איז געווען אין לשער.

מלמדים

ר׳ פינטשע

אויסערלעך — אַ מלמד ווי אַלע מלמדים, אַ לאַנגע ברודיקע קאַפּאָטע מיט אַ דין גאַרטעלע ארומגעוויקלט, און ווי דער שטייגער איז געווען — אַ היטעלע מיט אַ דאשעק, האָט ער אין ראדזינער שטיבל שבת צו שלוש סעודות געהאָלפן זינגען בני היכלא.

די ראַדזינער חסידים האָבן אים געשטיצט, געגעבן אים זייערע קינדער צו לערנען און „מאַכן" פאַר מענטשן. ער האָט געהאַט אַ חדר פאַר „בעמערע" קינדער און טראָץ דעם פאַרדינט ווי אַלע מלמדים, — אויף ברויט מיט וואַסער.

שווער זיך היינט פאָרצושטעלן די אַמאָליקע חדרים. דאָס חדר, וווּ די קינדער האָבן פאַרברענגט אַ גאַנצן טאָג, איז אויך געווען די דירה פון מלמד: אַ שמאָלער נידעריקער צימער, אַמאָל אויף אַ בוידעם שטיבל, בייביידע ווענטלעך זענען געשטאַנען 2 בעטן, און אין ווינקל — די קיך. דער ריח פון געקעכץ האָט זיך צעטראָגן איבער דעם קליינעם צימער. ערשט ווען דער רויך פון קוימען האָט אָנגעהויבן צו שטיקן, האָט מען געעפנט אַ האַלב פענצטער, און עס האָט זיך באַוויזן דער בלויער הימל. אַזוי איז פינטשע געזעסן גאַנצע טעג און געלערנט די תלמידים כתובות, קידושין און שור שנגח.

כאָטש דער מלמד האָט געדאַרפט דערפילן גרויסע, הייליקע פליכטן, האָט ער דאָך נישט פאַרנומען קיין וויכטיקן פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. דער מלמד האָט דאָס געפילט. דאָך האָבן זיך געפונען געציילטע מלמדים, וועלכע האָבן פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט אין דער געזעלשאַפט, צו וועמענס וואָרט מען האָט זיך צוגעהערט מיט אינטערעס, און די חשובע, נגידישע בעלי־בתים האָבן זיך באַמיט צו געפונען חן אין זייערע אויגן.

פינטשע מלמד האָט געהערט צו די מלמדים וואָס לערנען מיט דער־וואַקסענע קינדער, ער האָט אין זיין יוגנט פאַרזוכט פון עץ־הדעת; געחלומט פון אַ שענערע וועלט און אַן אַנדער סאָרט לעבן. די אומשטענדן האָבן אים אָבער געצווונגען זיך צוצופאַסן צו דער ווירקלעכקייט און הגם ער איז דער־מיט ווייט אוועק פון זיינע חלומות, האָט ער מיט זיין פירעכץ נישט פאַרשעמט. ער איז געווען גוטמוטיק, יעדן באַגעגנט מיט אַ שמייכל. נאָך זיין אַרבעט האָט ער ליב געהאַט צו קומען צווישן מענטשן. ער האָט דערוואָרבן די פריינט־שאַפט פון זיינע תלמידים׳ס עלטערן און איז געוואָרן ביי זיי אַ הויז פריינט. עס איז נישט פאַראַן געווען פאַר אים קיין סוד; ער האָט אַלץ געוווּסט, מען

האָט זיך מיט אים באַראַטן וועגן אַלץ, ווי מיט אַן אמת׳ן פריינט. ער האָט אויך דערליידיקט פאַרשידענע סכסוכים, אויך געשעפטלעכע.

נישט נאָר ביי די ראַדזינער חסידים זענען פאַר אים געווען די טירן אָפן, נאָר ביי ציוניסטן אין שטעטל האָט ער פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ; ער איז געווען פול מיט ציוניזם, ווייל פון דער יוגנט אָן האָט ער געלעבט מיט די אידעאַלן וועגן ענדערן די סטרוקטור פון יידישן לעבן. ער האָט געלייענט אברהם מאַפּו און אַנדערע שרייבער פון זיין צייט. בעת אַנדערע מלמדים האָבן געפונען אַ טרייסט פאַר זייער שווער לעבן אין גלויבן אַז זיי טוען אַ הייליקע אַרבעט, האָט פינטשע דערמיט זיך נישט געקאָנט טרייסטן.

גרויס איז געווען זיין פרייד ווען ער האָט שוין דערלעבט די רגע צו פאַרמאַכן די ספרים און קומען אין אַ געזעלשאַפט, ווו מען קאָן אָטעמען פרייע לופט און חלומען פון אַ נייע וועלט. מען דאַרף אויך געדענקען אַז מיט זיין קומען אין דער געזעלשאַפט פון ציוניסטן, האָט ער ריזיקירט מיט זיין פרנסה. ער האָט זיך געפונען צווישן צוויי וועלטן: נישט געקאָנט פאַר־לאָזן זיין אויסגעחלומטע וועלט — דעם ציוניזם און אויך נישט זיין סביבה — די ראַדזינער חסידים. ער איז געשטאָרבן אין סאָקאָלאָווער געטאָ.

ר׳ משה-אהרן

זיינע גרויע אויגן האָבן טיף ארייַנגעדרונגען אין די נשמה פון מענטש. זיינס אַ שאָקל מיטן קאָפּ — אָדער אַ מאַך מיט דער האַנט, האָט באַטייט מער ווי טויזנט ווערטער. ער איז געווען אַ געדער חסיד, הגם ער איז קיינמאָל נישט געפאָרן צום רבין. ער איז געווען גבאי אין גערער שטיבל. שבת איז ער געשטאַנען ביים שולחן ווו מען לייענט די תורה, און דער כבוד איז געווען אין זיין האַנט. קיינער האָט אים נישט געוואָגט צו זאָגן אַ דעה, ער איז דעמאָלט געווען די העכסטע אינסטאַנץ. שמחת-תורה האָט ער מכבד געווען די חסידים מיט הקפות; פּורים איז ער געגאַנגען מיט דער רויטער פּאַטשיילע און גע־קליבן געלט פאַר פאַרבאָרגענע נויט־באַדערפטיקע. אַז מ׳האָט געדאַרפט שרייבן אַ קוויטל צום רבין, אַ בקשה וועגן אַ רפואה פאַר אַ קראַנקן, איז מען געקומען צו משה־אהרנען; ער איז געווען אַ מומחה צו אַזאַ סאָרט שרייבן. אַז ער איז געקומען וועגן אַן ענין צו איינעם פון די חסידים, האָט מען אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און מען האָט זיך באַמיט צו דערפילן זיין פאַרלאַנג. ביי פּאַ־מיליע סכסוכים פלעגן די פרויען זיך באַראַטן מיט משה־אהרנען. זיינע געסט האָט ער נישט אויפגענומען אין דעם צימער, ווי ער האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים, נאָר אין קיך. זיין 2־טע פרוי, איטע־דאָבע, האָט אין אַזאַ פאַל פאַר־לאָזט איר פּלאַץ, כדי נישט צו הערן די סודות פון פרעמדע הייזער.

ער האָט שטענדיק געפונען זיינע מיטהעלפער וואָס האָבן געוואָלט אַרויס־ווייזן זייער פרומקייט.

ער איז אויך געווען טאַלאַנטירט צו דערציילן מעשיות פון גוטע יידן ווי אויך נאָכצוזאָגן תורות וואָס האָבן געפּאַסט ביי יעדער געלעגנהייט.

געשטאָרבן אין סאָקאָלאָוו צווישן ערשטן און צווייטן וועלט־קריג.

ר׳ זעליק׳ל

פון די מלמדים, וואָס זענען געווען באַליבט ביי די חסידים, דאַרף מען אויך דערמאָנען ר׳ זעליק׳לען. די פאַמיליע האָט זיך שטענדיק געפונען ביי אונדז אין סאָקאָלאָוו, נאָר ער אַליין האָט זיינע יאָרן פאַרבראַכט ביים גערער רבין און דאָרט געווען מלמד פון רבינס קינדער.

ער איז אויך געווען אַ מלמד ביי די גרויסע רייכע חסידים אין וואַרשע און אין לאָדזש. ער איז געווען פון די געציילטע „זיצער״ שבת ביים רבינס טיש און צוגעהערט זיך צו דעם רבינס תורה. אַז ער איז געקומען אַ היים אויף יום טוב, זענען די חסידים געקומען צו זיין טיש הערן תורה און מעשיות פון גוטע יידן.

